STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01834

IBERPLANTS

A. Rives

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גערייליקט דעם אָנדענק פון מיין טאַטן.

זאָל פאַראייביקט ווערן אויף דורות מיין
אָפּגעמעקטער שטאַם — אומגעקומען אין
דעם שוידערלעכן מאַרטירער־וועג פון
אונזערע זעקס מיליאָן קדושים.

געהייליקט מיין מאַמען,
דריי שוועסטער,
ברודער,
שוואָגער און קינד —
אומגעקומען אין גיהנום
אַשוויענטשים.

איבערפלאנץ

דערציילונגען

תל-אביב - 1947

אויף די פעלדער פון שרונה

1.

יאַנקל פיורקע איז געווען אַ שטילער אַרבעטזאַמער יונגערמאַן מיט אַ זוניק אָפּגעבּרענטן גוף. פאַרן קריג איז ער געווען אַן אייזן־בייגער, אַ גוטער פאַכמאַן מיט „גאָלדענע הענט" — צו וואָס ער האָט זיך בכלל גענומען. האַלב־נאַקעט, אין אַ פּאָר הייזלעך, האָט ער געמייסטרעוועט ביי די געשטעלן. זיין גוף האָט זיך געבראָנזט און מוסקולירט, ווי אונטער די כלים פון אַ סקולפּטאָר. ער האָט געבויגן און געדרייט אייזערנע קאָנסטרוקציעס — סקעלעטן פאַר טאַבאַרעס צו עמודים און בעטאָנענע ווענט. ער האָט גוט פאַרדינט, און זיין פרוי מיט אַ פינף־יאָריק מיידעלע האָט זיך פאַרגלוסט מאַכן אַ „לוסט־רייזע" צו אירע עלטערן אין פּאַביאַניץ — גראָד ערב דעם וועלט־קריג.

ווען עס זענען אָנגעקומען די ערשטע שוידערלעכע ידיעות, וואָס די נאַציס טוען־אָפּ מיט די יידן אין פאַרנומענעם פּוילן — איז פיורקע אַרומגעגאַנגען צעמישט, זיינע מחשבות האָבן אים געפּייערט, עס האָט אים געמאַטערט דער גורל פון זיין זעלדען מיט רוחמהלען, פאַרבליבענע ביי היטלערס מערדער, פון זיינע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער. עס איז אים שוין נישט אָנגעגאַנגען די אַרבעט ביי די געביידעס. אין שטוב האָט ער זיך קיין אָרט נישט געפונען. רוחמהלעס קינדער־בעטל האָט אויף אים געווייעט מיט אומעט און פּוסטקייט. דאָס האַרץ האָט אים נאָר פאַרזאָגט נישט קיין גוטס.

ער האָט באַשלאָסן זיך צו מאָביליזירן אין מיליטער — און דאָס וועט זיין א ריכטיקער אָפּצאָל דעם שונא.

ער האָט פאַרשלאָסן זיין פאַרוואַרלאָזטע וווינונג און דעם שליסל אַהינגע־טראָגן צו זיין ווייבס פעטער — אַ באַלעגאָלע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע נחלה, אַ הויף מיט שטעלער, אַרומטער אין טאָל — פונקט אַנטקעגן דער דייטשי־שער קאָלאָניע „סאַראָנאַ" — אין שטעטעלע „מאָנטיפיאָרי".

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט מען פּיורקען אָפּגעשיקט מיט די סאַפּיאָרן־באַטאַליאָנען אין די קרעטישע אינזלען — און דאָרט איז די זאַך געשען קורץ: די נאַציס, אָנגעפּלויגענע אין די לופט־פּאַנצערס איבער ימישע וואַסערן, האָבן געפייערט מיט טייוולשן כוח אויף יבשה — און אַ באָמבע האָט אויפגעריסן נאָענט פון פּיורקעס באַטאַליאָן.

נאָך אַ לאַנגן, אויסגעמאַטערטן חלשות האָט פּיורקע דערוואַכט, ליגנדיק אַ האַלב־טויטער אויף אַ פעלד־בעטל, באַנדאַזשירט דעם קאָפּ אין ווייסן, מיט שאַרפע נאַרקאָז־ריחות. איין אויג האָט אַרויסגעגלימצערט פון דעם באַרג באַנ־דאַזשן און תופס געווען, וואָס דאָ קומט־פאָר. און דאָס זעלבע אויג האָט מיט ציטער אַ פינטל געטאָן, הערנדיק די איבעררעשנדיקע נייעס, אַז זיי זענען אין געפאַנגענשאַפט ביים העסלעכן שונא.

פּיורקען האָט מען געפירט פון איין לאַזאַרעט אין צווייטן, געפירט איבער וואַסערן און יבשה. טראַנספּאָרטירט פון איין געפאַנגען־לאַגער אין אַנדערן — און אין זכות, אַפּנים, פון די צוויי בריטישע לייבן אויף זיין זעלנער־היטל, איז יאַנקל פּיורקע געשירעמט געוואָרן די עטלעכע יאָרן, און אויפגעהאַלטן דאָס ביסל חיות און בענקשאַפט נאָכן ווייב און קינד, וואָס זענען פאַרבליבן אין נאַצישן גיהנום. זיין קראַנקער גוף איז צוביסלעך גענעזן געוואָרן פון די אָפּטע „פּאַסיל־קעס", וואָס דער ענגלישער „רויטער קרייץ" האָט צוגעשיקט — און שפּעטער אַדאַנק זייער אינטערווענץ האָט מען אים אויסגעטוישט מיט נאָך אַ סך זעלנער־אינוואַלידן.

פּיורקע איז אָנגעקומען מיט אַ נייטראַלער שיף אין ענגלאַנד. דאָרט איז ער געווען אויף גוטער קעסט פון לייטזעליקע ליידיס און דזשענטלמענס. געקריגן פיינע מתנות פון יידישע ארץ־ישראל־געזעלשאַפטן, געקריגן אַ פיין־געבונדענעם תנכ׳ל, וואָס ער האָט מיטגעפירט תמיד מיט זיך — און דאָס האָט אים באַגלייט די גאַנצע צייט — ביז ער איז בשלום אָנגעקומען צוריק אין לאַנד, ווו זיינע הענט האָבן אויסגעבויגן און אויסגעדרייט אזוי פיל אייזערנע סקעלעטן פאַר פּילצאַליקע געביידעס.

2.

דער פעטער, אַ תמיד אויסגעריסטער אין מעל, האָט שוין פון פריער געוווסט, אַז יאַנקל פיורקע קומט אַ באַפרייטער אין לאַנד. שכנים האָבן דייטלעך געהערט אין ראַדיאָ זיין נאָמען. ער געפינט זיך שוין אין ענגלאַנד. אָט קומט ער; אָט איז ער שוין אין מצרים! דער פעטער איז אַרומגעלאָפן מיטן פערד און וואָגן אַ צעהיצטער, אַ פאַרמעלטער מיט אַ מעכטיקע פלייצע, ברייט באַלד ווי אַ שאַפע. ער איז האָפּערדיק ביי זיך. ער האָט אויך אַ היפּשן חלק אין דער מלחמה: זיינע צוויי בנים זענען אין דער אַרמיי. איינער פון זיי — אַ יונג מיט אַ קופּערנעם קאַרק און ברייט אויסגעהאַמערטע אַקסלען, איז אַ מאַטראָז. ער האָט געיאָגט דעם פערד־און־וואָגן צו דער באַן, — אפשר קומט ער שוין, יאַנקל, זיין שוועסטערס אייניקל, — ווי איז איר נעבעך דאָרט, מיין שוועסטער מיט דער פאַמיליע — האָט ער געטעדעט אויפן קול, טרייבנדיק דאָס פערד — געיאָגט זיך, די אומגליקלעכע זעלדע מיטן קינד, גלייך אין פייער אַריין! ער האָט געשלעפּט די שווערע זעק מעל אויף דער פלייצע און זיין קאָפּ איז פאַרנומען געווען מיט יאַנקלען, וואָס קומט שוין אָן פון לאַנד מצרים — „הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים" האָט ער מיט טראָפּ און ניגון אויסגעקרעכצט דעם פסוק אונטער די שווערע משא׳ס.

יאַנקל פיורקע איז גראָד אָנגעקומען מיט אַ זייטיקער באַן־סטאַציע און זיך געלאָזט צום פעטערס הויזגעזינד אין טאָל פון מאָנטיפּיאָרי.

דער פעטער איז פאַרנאַכט אַריינגעפאַלן צו זיך אינדערהיים אַ צעקלונגענער פון דער באַגעגעניש, און פיורקע האָט דערזען דעם פאַרהאָרעוועטן יידן אויסגעריסט אין מעל. מעל אין דער באָרד, מעל אין די היפּש־געדיכטע אויגן־ברעמען, ווי פאַרשטויבטע בערשטלעך. ער האָט געשמייכלט און מיט האַרץ געדריקט דעם פעטערס האָריקע פאַרשטויבטע האַנט — שלום, שלום!! — און פיורקעס פאַרענדערטער פנים האָט גראָד נישט אויסגעדריקט קיין שמייכל, נאָר געוויין און געשלאָגענעם צער.

דעם פעטער איז ענג געוואָרן אין ברוסט, ער האָט זיך אָבער אָנגעטאָן אַ כוח, נישט אַרויסצוווייזן פאַר זיין שוועסטערס אייניקל, דעם זעלנער, אַז ער איז דאָרט, ווייס איך וואָס, אַ יידענע און קען פּישטשען מיט די אויגן — איז ער אַרויס מיט לשון, מיט הילכיקע מונטערע רייד און אים געגעבן אויסגעדאַכטע האָפנונגען פאַר זיין זעלדען מיט רוחמהלען — מ׳קען גאָרנישט וויסן, הינטער וועמענס פלייצע איז אויסבאַהאַלטן דער מזל — האָט ער פאַר אים גערעדט, ווי אַ וואָרזאָגער — אָט זעסט דאָך, מען שטיקט דאָך אים שוין מיט אַ פוס אויפן האַלז דעם טיוולשן היטלער!

פיורקע האָט דעם פעטערס טרייסט־ווערטער נישט דערהערט ווי מען באַדאַרף. אין זיינע אויערן האָבן זיך דערטראָגן פאַרשטיקטע קלאַנגען, ווי פון הינטער אַ דיקער וואַנט — און במילא האָט ער אויך נישט געענטפערט אויף אַלץ, וואָס מ׳האָט אים געפרעגט. ער האָט מיט פיינלעכער דערשלאָגנקייט געזאָגט דעם פעטער, אַז ער איז פאַרבליבן פון קריג אַן אינוואַליד, טויבלעך אויף די אויערן — און בכלל איז ער נישט מיט אַלעמען: ס׳איז נישט אַהער און נישט אַהין.

יאָ, פיורקע איז געקומען אַ באַפרייטער נאָך שווערע יאָרן פון שוידערלעכן קריג — אָבער יעדער אבר אין אים האָט זיך געראַנגלט און געפירט מיטן גוף אַן אומאויפהערלעכן קריג. די טיפע שראַמען אין פנים האָבן געשמאַרצט און זיך געריסן צום האַלב־פאַרמאַכטן אויגן־אַפּל, וואָס איז אַזוי פאַרלאָרן נישטיק געווען אַנטקעגן דעם אַנדערן געזונטן אויג. ער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון די אָפּטע נערוון־אויסברוכן, וואָס פלעגן אים אָנגרייפן ווילד און האַסטיק — און מיט אַלע כוחות געוואָלט דאָס פאַרטושן און נישט אַרויסווייזן זיין פאַרלאָרגקייט פאַרן פעטער מיטן הויזגעזינד, פאַר די אַרומיקע שכנים. מחמת זיין טויבקייט האָט ער גערעדט שטיל, נאָך שטילער, ווי פאַרן קריג — און געמיינט דווקא, אַז ער רעדט הויך, שוין צו הויך. און ביים פעטער האָט מען צו אים גערעדט מיט הילכיקע קולות, כדי אים נישט צו פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש, ער זאָל דערהערן זייערע רייד.

דער פעטער האָט פאַר אים אַרויסגעוויזן אַן איבערטריבענע גוטסקייט און געטריישאַפט, ווי צו אַן אייגן קינד. גערעדט האָט ער פאַר אים מונטערע הילכיקע רייד, ווערטער פון אַן אויסגעהאָרעוועטן יידנס מויל, וואָס האָבן, ווי דרענגער, אונטערגעהאַלטן מיט בטחון דעם חרובן מענטשן. — און פאַר שכנים האָט ער גערעדט טראַציק: וויי איז אים, נעבעך, מיין שוועסטערס אײדים—אַ בראַנד און פייער אויף די דייטשן, וואָס זיי האָבן פון אים געמאַכט!

פיורקע פלעגט גיין אין שטאָט, טראָגנדיק מיט זיך דעם שליסל פון דער וווינונג. ער איז טיף געקרענקט געווען, אַזש דער מוח האָט זיך געהויבן, וואָס ער הערט נישט די אייגענע טריט, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף גומענע פיס. אַ סך מאָל פלעגט ער פאַרבייגיין דאָס הויז און בכיוון אויסמיידן זיין וווינונג — ווייל טיילמאָל, ווען ער פלעגט דאָרט קומען, האָט אים אויסגעדוכט, ווי ער האָט זיך דערשלעפּט א פאַרשמאַכטער פון אַ פיינלעכער ווייטער לוויה — פאַרלירנדיק אויף תמיד דאָס טייערסטע פון זיך — אינעווייניק אין צימער הויערט מיט אומעט, מיט געלאָדענעם טרויער. דאָס קינדער־בעטל שטייט צוזאַמענגעלייגט אין אַ ווינקל און מאַטערט אים מיט דערשטיקטע אַנגסטן און אבלות. ער פאַרשליסט די וווינונג און לאָזט זיך איבער די טומלדיקע לאַנגע גאַסן צווישן האַוונדיקע

מענטשן און לעבנס. ער טראַכט פון זיין זעלדען מיט רוחמהלען, פון זיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער. וועט ער נאָך עמיצן אָנזען פון זיינע פאַרשוווּנדענע? ווי לאַנג וועט ער אַזוי טראָגן דעם שליסל פון זיין צעשטערטער היים? ער פילט דעם טיפן בראָך אין זיין לעבן און טיילמאָל נעמט ער פאַר ליב דאָס האָפערדיקע גערעדעכץ פון דעם פעטער, דעם באַלעגאָלע, וואָס טרומייטערט אים אין די טויבע אויערן — די געשיכטעס מיטן שליסל פון זיין וווינונג, וואָסערע שלעק עס האָבן זיך שוין דורכגעוואָרפן אין די פיר ווענט — אין משך פון די יאָרן — אויסטראַליער שיכורים, פוילישע „פּראָשעפּאַנעס" און ענגלישע שטרויענע דאַמעס אויף דאַרע פיס מיט ריזן־קאָקאַרדעס אויף די עפּאָלעטן — און פאַר יעדן געשטאַנען „פּאָדקאַזיראָק", ווי אַ שטאַלמייסטער.

דער פעטער האָט אים גאַנץ אָפט מיטגענומען אויפן וואָגן, פאָרנדיק אין שטאָט אַריין און איטלעכס מאָל, ווען זיי זענען פאַרבייגעפאָרן מיט טראַסקעריי פאַר די סאַראַנער גיטער, האָט זיך דער פעטער אַ צינד־געטאָן. די בייטש האָט מיט רוגזה אַ דריגע־געטאָן אויף יענער זייט — אַ בראַנד און פייער אויף זיי. כאַראַנער שווינען, זענען דאָך די ערשטע געלאָפן צו היטלערן, אַ דונער אויף זיי — און מען מאַכט נאָך מיט זיי דאָ אַ צימעס!

מיט פאַרגיכערטן טעמפּ איז דאָס קאַשטאַן־פערד געלאָפן איבערן זוניק־הייסן שאָסיי, געלאָפן אונטער די געשרייען פון באַלעגאָלעס הארבע קללות, בלייבנדיק אַלעמאָל הינטערשטעליק פון איבעריאָגנדיקע אויטאָבוסן און טאַקסעס. פיורקע איז געזעסן לעבן פעטער מיט צעשרויפטע נערוון און רעש אין די אויערן. ער האָט נאָכגעקוקט דער ריטמישער באַוועגלעכקייט פון פערדס הינטערשטע בעדרעס. דאָס יאָגן זיך פון אַספאַלט־שאָסיי אויף א הינטער. ס'איז אים ניחא געווען, ווי דער פעטער „צאָלט" זיך אָפּ מיטן דייטש אויפן וואָגן: די פלייצע צעוואַקסט זיך מיט גבורה, ווערט ברייטער, און די אויגן ברענען מיט צאָרן פון אונטער די געדיכטע בערשטל־ברעמען.

אין שטאָט איז פיורקע אַרונטער פון וואָגן און זיך געלאָזט אין טומל פון מענטשן. ער האָט פאַרביסן די ליפּן פון אָנגרייפנדיקע יסורים אין די גלידער. דאָס געזונטע אויג האָט געקוקט אויפגעריסן, מיט טאָפּלטן צער — ווי אויסגעבאָרגט ביים האַלב־פאַרמאַכטן אויג. ער האָט באַגריפן, ווי קליין איז דער אָפּצאָל פון פעטערס כעס אַנטקעגן די יסורים און ווונדן, וואָס דער „דייטש" האָט אים, פיורקען, שוין באַצאָלט אויפן גאַנצן לעבן.

פיורקען האָט ווידער געצויגן צו די געביידעס, ווו ער האָט פאַרן קריג, אַ זוניק־אָפּגעברענטער, מיט פלייס און קענטעניש געדרייט די אייזערנע קאָנסטרוקציעס. ער פלעגט דאַרפן לאַנג זוכן איבער גאַסן, ביז ער האָט אָנגעטראָפן אַ רויען בנין, ווו מויערער האָבן געלייגט ציגל, געגאָסן בעטאָן. ער האָט ענדלעך

דערזען אַ באַקאַנטן, אַ פאַך־קאָלעגע, ביים אייזן־וואַרשטאַט. פּיורקע איז אויפ־געלעבט געוואָרן, פאַר איבערראַשונג האָט אים דאָס פּנים געשמאַרצט פון די שראַמען, און דאָס פעלערהאַפטע אויג האָט געציטערט אין פינצטערע רינגען.

דער אייזן־בייגער האָט דערקענט פּיורקען. ער האָט אַוועקגעלייגט די צוואַנגען און אויסגעשטרעקט אַ פּאָר האַריקע שווערע הענט, ווי אַ בער.

— דוכט מיר, יאַנקל, אַ יאָ? ווי קומסטו דאָ אַהער? — און געמיינט האָט ער צו זאָגן — אין מלחמה געווען, אַ־יאָ, און ווי איז מיר, ווי צעמזיקט!

— עס פאַרבענקט זיך פאָרט נאָך דעם פאַך, — האָט פּיורקע אַ זאָג־געטאָן, נישט הערנדיק, וואָס יענער האָט אים געפרעגט.

— אַזוי איז דאָס, אַ פערד בלייבט אַ פערד און ליגט אין דרערד — האָט זיך דער אייזן־בייגער אַ הויב־געטאָן דאָס הייזל אויפן איינגעפאַלענעם בויך — וואָדען, אַדון געלטזאַק וועט זיך פּאַטשקען ביי די אייזנס?

פּיורקען האָט געקלונגען אין די אויערן, געערגערט זיך, וואָס ער פאַרדייעט נישט קיין וואָרט פון יענעמס מויל. ער האָט אַ וויינ־געטאָן מיט די הענט צו זיינע אויערן — וועסט אַזוי גוט זיין, חבר, אַביסל העכער רעדן — דאָס געהער איז נישט מיט אַלעמען.

דעם אייזן־בייגער האָט פאַרקלעמט ביים האַרצן, דער האַמער איז אים פון האַנט אַרויס. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אז עס קלעפּט זיך עפּעס נישט ביי זיי די רייד — אַ וויסטער סוף אויפן דייטש, וואָסער תּל ער האָט געמאַכט פון דער וועלט! — האָט דאָס מויל אַרויסגעצאַרנט מיט גאַל. — אַזאַ ליכטיקער יונג איז, דער יאַנקל, געווען.

פּיורקע האָט נאָכגעקוקט, ווי יענער בייגט שווערלעך דעם פּרענט. ער וואָלט עס געשיקטער געמאַכט. — אַנו, ווייז נאָר, חבר, — האָט ער פּיין אים אַרויסגע־נומען די כלי, — ס׳ווילט זיך זען, צי איך געדענק נאָך די מלאָכה.

פּיורקע האָט אַ קערעווע געטאָן מיטן בייג־רער, אויסגעדרייט אַ בייגל. פאַר די אויגן זענען אים געפלויגן פינצטערע רינגען. ער האָט מיט פאַרפעלטן אָטעם אויסגעסאַפּעט: — נגע... איך בין, אַפּנים, אויסגעשפּילט...

3

פּיורקע האָט וואָס אַ טאָג אַלץ ווייטער איינגעזען, ווי ער איז פאַרמשפּט צו אומבאַהאָלפנקייט, צו דערוואַרטן חסד פון שטאַרקן, פון גאַנצן מענטשן. —

איינצווישן איז דער גערא ַנגאַל מיט היטלערן אַזוי האַסטיק פאַרענדיקט גע־וואָרן. די אייזערנע פאַסטקע האָט ראַפּטום מיט קנאַק זיך צוגעקלאַפּט, און אין

העלקייט פון אויפגעגאַנגענעם נצחון־טאָג, האָבן די נאַצי־שטשורעס זיך גע־וואָרפן, פאַרסמטע, צו די אייזערנע ווענט.

דער פעטער האָט טריאומפירט מיט אַ ברייט־צעוואַקסענער פלייצע, אויס־געריסט אין מעל: דעם פעטן שטשור, געריננ, שוין אויך געכאַפּט! אַ נכפּה אויף זיי אַלעמען איינציקוויז — אויסדברן זאָל מען זיי!

ער האָט איצט דערהאַלטן אַ בריוו פון זיין זון, דעם זעלנער אין דער יידישער בריגאַדע — ער וועט זיי שוין דושען, בישקשה!

דער פעטער האָט זיך געהיצט צווישן די שכנים מיט צעפאַרענע הענט: ווען מען פאַלגט אים — דאַרף מען חרוב און וויסט מאַכן גאַנץ דייטשלאַנד מיט אַלץ און אַנדער, עין תחת עין, פאַר אונזערע געקוילעטע, פאַרברענטע יידן, ארומ־צוימען די וויסטעניש מיט דראָטן, פון אויבן אַ שילד: דאָ איז געווען אַמאָל דייטשלאַנד!

פיורקען האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי אונטער די יובל־געשרייען פון נצחון לויפט ער באַרג־אַרונטער מיט מחנות פאַרצוויפלטע יידן. קומענדיק צום טיפן אָפּגרונט האָט ער שוין קיינעם ניט געפונען, קיינעם נישט פון זיינע טאַטע מאַמע, פון זיינע ברידער און שוועסטער, פון זעלדען מיט רוחמהלען. איצט דאַרף מען אָנהייבן בויען פון דאָס ניי, ווי גאָט האָט נאָכן תוהו ובוהו באַשאַפן אַ נייעם טאָג, אַ נייע וועלט.

דער פעטער איז איצט נאָך מער אַרויס פון די כלים, פאַרבייפאָרנדיק מיט פיורקען פאַר די סאַראַנער גיטער. ער האָט געדריגעט מיט דער בייטש און אַריינגעשריגן מיט טראַציקע קולות אין פיורקעס אויערן: — אַ סוף זאָל עס נעמען... יידן דאַרפן נישט צולאָזן אין סאַמע האַרץ אַ „דייטשישע געטאָ“. גענוג באַוואַכט די שווייגען, אַ מכה אויף זיי... אויף די סאַראַנער פעלדער וועלן יידן אַקערן און זייען!

איינמאָל, אַ פאַרנאַכט, איז דער פעטער אַריינגעפאָרן צו זיך אין הויף מיט שטויביקן געפילדער. ער איז אַריינגעלאָפן מיט דער בייטש אין שטוב אַריין, און די קולות האָבן זיך געטראָגן ביזן סופיט: — ווו איז ער, יאַנקל? ביזט דאָ? קום, יאַנקל, מיט מיר!

יאַנקל פיורקע, וואָס איז געזעסן גראָד איינגעגראָבן מיט די אויגן אין תנכ״ל, איז לכתחילה מבולבל געוואָרן פון פעטערס אימפעטיקן אַריינפאַל; דערנאָך האָט ער שוין געהאָרכזאַם נאָכגעפאָלגט זיינע האַסטיקע באַפעלן: — קום, יאַנקל, זעץ דיך אין וואָגן — מענטשן כאַפּן פון די סאַראַנער פעלדער, — וועסטו אויך נעמען דיין חלק. דו האָסט זיך כשר פאַרדינט!

דער פערד־און־וואָגן איז מיט טראַסקעריי אַרויסגעפאָרן פון מאַנטיפיאָרער

טאָל. אַרויפגעקלעטערט אויפן אַספאַלט־שאָסיי און פארקערעוועט צו די סאראָ־נער פעלדער.

אַ רויטע זון האָט זיך פון לאַנג שוין געזעצט אין ימיש־פאַרביקע וואסערן. פעלדער און וועגן האָבן געקניט אין טונקלקייט, געצויגן אויף זיך די נאַכט. איבער די פעלדער האָבן געאיילט מענטשלעכע געשטאלטן, געשלעפט אויף זיך בינטן שטריק איז דרענגער, געאיילט זיך מיט אומרואיקן פיבער. איבער ווייכע גרודעס ערד איז דער פערד־און־וואָגן געשפרונגען, איבערגעהיפּלט רינוועס און גריבער, צעטרייסלענדיק די געלענקען פון פעטער מיט פיורקען. דער וואָגן איז אַרויפגעפאָרן אויף אַ געבירגיק פעלד. מיט אַ צעזונגענעם „הואססס" האָט דער באַלעגאָלע אָפּגעשטעלט דאָס צעהאָצקעטע קאַשטאַן־פערד, וואָס האט גראד חשק געהאַט צו ציען דעם וואָגן טאַל־אַרונטער. — יאַנקל, קריך ארונטער פון געזעס! — האָט דער פעטער קאָמאַנדעוועט אויף הויכע קולות. — דאָ אויפן געבירג איז די לופט ריינער!

דער פעטער האָט אַרויסגעשלעפּט פון וואָגן אַ קלאַניצע און אָן שהיות גע־נומען קלאַפּן פלעקענער אין דער ערד. ער האָט געשטעלט ברייטע טריט, גע־ציילט די מעטערס און מיט אימפּעט און קרעכץ אַריינגעקלאַפּט א הילצערנעם פלאָקן: — ס׳וועט דיר דאָ, יאַנקל, קיינער נישט משיג־גבול־זיין, דאָס געהערט שוין צו דיר!

פיורקע האָט געשלעפּט פון וואָגן אַ לאַנגן שטריק, געצויגן אַ ליניע ביי די פלעקענער — און אַ שטיקל צייט דערנאָך האָט זיך געצייכנט אויפן פעלד אַ גרויסער פירקאַנט.

ווי פון אונטער דער ערד זענען אין דער טונקלקייט אויסגעוואַקסן נאָך פאַרשוינען און מיט אייפער אויפגעשטעלט הויכע דרענגער, עס האָבן אָפּגע־קלונגען מיט געפּילדער ליידיקע בלעכן.

פיורקע האָט געזען, אַז ער איז דאָ נישט איינזאַם. שכנים מ׳ערן זיך פון אַלע זייטן. דער פעטער האָט אים פון וואָגן צוגעבּרענגט אַ קעסטל מיט אַ ליידיקן זאַק, אוועקגעשטעלט ביים גרענעץ פון זיין נחלה, און אַליין איז ער, דער באַלעגאָלע, געגאַנגען אַ שמעק־טאָן צו די בעלנים, וואָס זענען געקומען „כאַפּן" פלעצער. אין דער געדיכטער סוף־חודש־פינצטערניש, וואָס האָט איינגעדעקט פעלד און פלאַנץ, האָט ער דאָך דערטאַפּט באַקאַנטע געשטאלטן, אפילו תושבים פון מאַנטיפיאָרעס נאָל: — הע, וואָס טוט איר דאָ? — האָט דער באַלעגאָלע האַפערדיק א זינג־געטאָן אין דער פינצטערניש. — אָט זעט איר דאָך, — האָט אים אַ הייזעריקע שטימע אָפּגעענטפערט. — דאָס אייגענע, וואָס איר.

— ס׳איז למשל־נאַפשיקלאַד, — האָט דער באַלעגאָלע יענעם א וואָש־גע־טאָן — ס׳איז דען פאַר מיר, די ערד? ס׳איז אים וווּנד און ווי, נעבעך, מיין

שוועסטערס אײדים. זאָל מען פון די סאַראַנער חזירים צאַפּן אַזוי פיל בלוט, וויפל בלוט דער „דײַטש“ האָט פון אים געזויגן אין די פּאָר פינצטערע יאָרן. וואָס־זשע, עס קומט אים נישט, ער זאָל זיך אויסבויען דאָ אַ שטיקל היים?

— עס קומט אים. — האָט די הייזעריקע שטימע פּאַטאַקעוועט. — ער איז ווערט אַפילו אַ פּאַלאַץ!

— איך באַנוגן זיך מיט מײַן אײגנס אין „מאַנטיפייקע“ — איז דער באַלע־גאָלע ווידער יענעם אַרײַן אין ריפּ — איך האָב ווייניק כוחות דאָרט אַרײַנגעלייגט?

— אַ שיינעם דאַנק אײַך. — האָבן עטלעכע פּאַראַמאָל אים אָפּגעקלאַפּט. — אייער נחלה איז אויבן, און מיר ליגן, במחילה, אין סאַמע אָפּגרונט, ביי דער „וואַדי“. איר האָט שוין פאַרגעסן, ווי מיר שטייען ווינטער ביזן האַלז אין וואַסער?

פּיורקע האָט אַ שטיק צייט נישט אַנגעזען דעם פעטער און נישט געוווּסט, ווו ער האָט זיך דאָרט פאַרפּלאָנטערט צווישן די אַנגעלאָפענע מענטשן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן קעסטל און אין דער פינצטערניש האָט ער אויסגעזען ווי אַ שטיק דומם; אָבער אינעווייניק, ביי אים האָבן די בלוטן געפּאַליעט האַסטיקער ווי ביי געוויינלעכע מענטשן. דער מוח האָט געצופּט און געמאָנט ענטפערס אויף פאַרפּייניקטע געוואַלדן: — וואָס וויל ער פון אים האָבן, דער פעטער? ווי אַז אומבאַהאָלפענער מענטש לאָזט ער זיך טראָגן אויף יענעמס ברייטע פּלייצעס: פאַר וועמען וועט ער דאָ בויען אַ היים? ער האָט דאָך שוין קיינעם נישט פון זײַנע בלוט־אייגענע. עס האָט אים אויסגעדוכט, אין וויסטן פעלד, ווי ער זיצט „שבעה“ אויפן נידעריקן קעסטל, נאָך זײַנע עלטערן, שוועסטער און ברידער, נאָך זעלדען און רוחמהלען. — קיינער קען אים נישט טרייסטן. ער דאַרף דעם טרייסט אין זיך אַליין באַשאַפן. ער איז געזעסן פאַרטייעט אין הייסע געדאַנקען און צומאָל נישט דערפילט, ווי דער פעטער האָט זיך צו אים דערקליבן, באַגלייט פון זײַן יידענע, וואָס האָט אים ענדלעך דערטאַפּט אין דער פינצטער צווישן די פּאַר־שמייעטע מענטשן.

זי האָט באַוואָרפן דעם פעטער מיט טענות און אויסרעדעכצן: — איך רוף דיך ביים נאָמען, און איך רוף דיך, נישט מען הערט דיך, נישט מען זעט דיך. וואָס איז די לויפעניש אין חושך, און וואָס איז די כאַפּעניש? איך בין דאָך שוין געפאַלן אין די שטריק, און שיער זיך נישט צעמזיקט. ווו איז ער, יאַנקל, ווו? ווי איז מיר. איך האָב דאָך אים געברענגט עפּעס אונטערצולעגן דאָס האַרץ. דו מוזט אים דווקא האָבן צו דער שמחה? נאַ דיר, יאַנקל, נעם — האָט זי אים אונ־טערגעטראָגן אַ טאַרבע מיט צובייסעכץ.

דער פעטער האָט, מיט אַ פאַרשטיקטן „שששש“ פון דער פאַרמעלטער באַרד אָפּגעשטעלט דעם שטראָם ווייבערישע רייד און איר אָנגעטייטלט, במחילה, זי זאָל זיך נישט מישן אין דעם עסק.

— גברת — האָט אַ דאַרע געשטאַלט זיך אַריינגעמישט. — היינט איז אַזאַ וועלט: ווער עס כאַפּט נישט — דער האָט נישט!

פּיורקע האָט סיי־ווי נישט געהערט, און אים איז בכלל נישט אָנגעגאַנגען, וועגן וואָס זיי האַמפּערן זיך. זיין היציקער מוח האָט אים געהויבן פון דאַנען און געמאַטערט מיט יסורים. ער האָט זיך אָפּגעקערט פון זיי און זיך געלאָזט צום וואָגן, וווּ דאָס פערד האָט אין דער פינצטער געשמאַק געקייעט דעם אָבריק. ס'איז אים ניחא געווען צו שטיין ביי דער שטומער אויסגעהאָרעוועטער בהמה: — זיי וועלן זיך איינס דאָס אַנדערע נישט באַלעסטיקן מיט רייד. טויבערהייט הערט ער שוין, וואָס דאָס באַשעפעניש וועט אים זאָגן.

דער פעטער מיט דער באַרעדעווודיקער יידענע זענען אים אָנגעקומען פון הינטן און איבערגעוועקט זיין פאַרטראַכטקייט. — יאַנקל, — האָט ער אַ הילך געטאָן. — איך פיר די מומע אַוועק אַהיים. איך דאַרף זי דאָ נייטיק צו האָבן, ווי קלערסטו? יאַנקל, טראַכט וויניקער — האָט דער פעטער געשפּאַנט דעם פערד־און־וואָגן. — וועסט נאָך האָבן דיין היים, דיין ווייב און קינד. נאָר בטחון איז אויבערשטן!

די יידענע האָט נישט אויפגעהערט צו זיפצן און באַאַכצן דעם חרובן יאַנקלען: ווו האָט ער שוין אַ ווייב, ווו האָט ער שוין אַ קינד? זאָל איך נישט געשטראָפט ווערן מיט די רייד. וויי איז מיר, ס'איז דאָך פינצטער און חושך אויפן האַרצן, וואָס מען הערט זיך אָן פון „דאָרטן“.

אין פּיורקעס אויערן איז אַ הוזשעריי. ער פילט אַ מידקייט אין מוח, אין גאַנצן גוף. דער פערד־און־וואָגן איז שוין פון לאַנג אָפּגעפאָרן. דער פעטער האָט אים אַריינגעטרומייטערט, אַז ער פירט דאָס פערד אָנטרינקען וואַסער. ער וועט צוריקקומען. מען דאַרף היטן דעם שטח ערד. ער ווייס שוין אַליין נישט, צי ער היט „זיין“ חלק ערד, אָדער די אַרומיקע פאַרשמייעטע געשטאַלטן היטן אים. היטן זייערע חלקים ערד. ער האָט זיך ארונטערגעזעצט אויפן קעסטל. דעם קאָפּ אַריינגענומען אין ביידע הענט. אַ געדיכטע פינצטערניש האָט געפּויזעט אויף דער ערד, אַרום אים. אין דערווייטן איז די שטאָט געלעגן צעוואַלגערט און געוווּנקען מיט אָנגעצונדענע אויגן. ליכט־שיינען פון איילנדיקע אויטאָבוסן אויף די וועגן האָבן געפאָכעט און געקרייציקט אין דער נאַכט. איטלעכס מאָל האָט אים אויפגעטויכט אין זכרון בילדער פון זיינע זעלנערישע מאַרשן איבער פעלזיקע סטעזשקעס פון יענער זייט ים. דער שוידערלעכער עבר פאַרלויפט אים אויף דאָס ניי און מאַטערט זיינע נערוון. ער אונטערשיידט נישט דעם „אַמאָל“ פון „איצט“.
— אָט שטייט ער פאַר די געביידעס און בייגט די אייזערנע פּרענטן, בינדט־צונויף קונציקע פלעכטן. איבער פּיורקעס קאָפּ איז פאַרבייגעשניטן מיט מעכטיקן אימפּעט אַ פלי־מאַשין. דאָס האָט אויפגעוועקט זיינע היציקע זעאונגען. ער

האָט זאָכגעקוקט, ווי די מאַשין שניידט אין די הימלען מיט בילעריי און פּראַ־פּעלערן־געזאַנג. עס צינדן זיך אין דער לופטן לאַמפּן רויטע, גרינע.

דער פעטער איז שוין צוויי מאָל געווען לעבן פּיורקען אַ שמעק־טאָן, ווי עס האַלט. ער איז דורכאויס צוגעשטאַנען, אַז יאַנקל זאָל גיין אַהייב נעכטיקן. ער וועט אַליין האַלטן שמירה אויפן פעלד. אָבער פּיורקע איז געווען איינגעשפּאַרט. ער וועט נישט דערלאָזן, אַז דער אויסגעהאָרעוועטער ייד זאָל זיך אָנטאָן ענויים צוליב אים — ער וויל דאָס נישט! ער איז צוגעוווינט צו וואָך־נעכט, נישקשה!

פּיורקע איז געבליבן אַליין אויפן פעלד. די שטאָט האָט זיך געלאָשן. פינצ־טערער געוואָרן. עס איז געווען אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט. דער הימל האָט גע־גלימצערט און געפיבערט מיט צעשאָטענע שטערן. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די חלקים ערד, אויף בלעכן און האַלץ־געזעסן האָבן געדרימלט פאַרשאָטנטע פיגורן, אויפגעצאַפּלט ביי יעדן שאָרך. ער האָט זיך ווידער פאַרקליבן צו זיין ערד־שטח און געוואַכט די פינצטערע מיטן־נאַכט שעהן, וואָס האָבן פּוילע גע־קראָכן צום באַגינען. פּיורקען האָט געצויגן צום געלעגער. די גלידער מיטן מוח זענען געלאָדן מיט אָנגרייפנדיקן שלאָף. ער האָט אויסגעשפּרייט דעם זאַק פאַרן קעסטל און זיך אויסגעצויגן האַלב איינגעדרייט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן. —

ער האָט האַרב און געדיכט געכראָפּעט, ווי ער וואָלט אָנגעיאָגט די צע־טרענצלטע פאַר אים נאַכט. אַ האַלבער מוח האָט געוואַכט און דורכאויס זיך געוואָלט אָנכאַפּן אין עפּעס, אין ציטערדיקס. אַט רוט זיין קאָפּ אויף דעם חלק ערד, און אַלע שטחים ערד ציען זיך צו אים, האַמפּערן זיך, ווי ביי יעקב הצדיק — נאָר זיין קאָפּ זאָל אויף דעם ליגן — ביסט ווערט, האָסט עס כשר פאַרדינט — —

יאַנקל פּיורקעס הענט בייגן און פלעכטן־אויס פון אייזערנע פּרענטן קונציקע אַרגאַמענטן, אייזערנע פּיראַמידן און לייטערס — — „והנה סולם מוצב ארצה“ — און דער קאָפּ פון לייטער גרייכט שוין אין די הימלען, און עס קלעטערן אויף אים יידן, יידן אָן אַ שיעור. אַט גידערן זיי צום טיפן שוואַרצן תהום, אַט שוועבן זיי צו די הימלען. און דער לייטער גליט פּייער־רויט; און יידן זינקען, און יידן שוועבן אין רויטע וואָלקנס. און אויפן לייטער קלעטערן מיט שטרויכלענדיקע פיס יאַנקלס טאַטע־מאַמע, זיינע ברידער און שוועסטער — הויט און ביינער, ווי סקעלעטן. דאָס אייזן גליט, ווערט נאָך רויטער — און זעלדע מיט רוחמהלען אויף די הענט קלעטערן פאַרביי, שטרעקן די הענט אין אַנגסטלעכע יסורים — —

פּיורקע האָט זיך אַ טאָרע געטאָן פון איינגעדרייטן שלאָף. די אויגן האָבן זיך אויפגעקלעפּט, ליכטיקלעך — ס׳טאָגט שוין? וווּ איז ער דאָ? ער באַוואַכט זיין ערד? די פאַרקוועטשטע האַנט שלאָפט אים, ווי אַ שטיק האָלץ איז דאָס אים

אַרונטערגעפאַלן אויף די קניען — דוכט זיך מען רופט אים? — עפּעס לויפט מען פון אַלע זייטן.

— קאַמאָן, דזשאָדזש!

פּיורקע האָט דערזען פאַר די אָפּגעצוימטע שטריק פּיס, פּאָליציייאישע פּיס מיט שווערע נאָכגעהאַנגענע גומע־שטעקנס. ער איז געזעסן אַ צעשויבער־טער אויפן קעסטל און זיך געריבן די פאַרשלאָפענע האַנט.

די גומע־שטעקנס האָבן אַרויסגעקלאַפּט די פלעקענער פון דער ערד, גע־פליקט די אָנגעצויגענע שטריק, זיי האָבן געקלאַפּט מיט כּוח, מיט אויסדרעסירטן אימפּעט.

פּיורקע האָט זיך אויסגעניכטערט מיט איינמאָל, אין איין רגע האָט ער באַנומען, ווי אַלץ איז אָפּגעמעקט געוואָרן, נישטאָ דער שטח ערד, וואָס דער פעטער האָט אים אָנגעצייכנט, אַזוי פיינלעך פאַרלאָרן געגאַנגען אין דעם באַגינען.

— — — — — — — — — —

פּיורקע איז אַרונטערגעגאַנגען פאַרווירט פון די סאַראָנער פעלדער, ער איז נישט געווען איינזאַם אין אויפגעגאַנגענעם פרימאָרגן, עס האָבן זיך מיטגעשלעפּט צענדליקער אַנטוישטע „נקמה־נעמער“ פון דייטש און געוואָרפן בייזע רייד פון די מיילער.

פּיורקע האָט געטראָגן דעם קנויל שטריק מיט די פלעקענער און דערפילט אַרום זיך אַ ליידיקייט — דעם פאַרלוסט פון פאַרלאָרענער ערד.

1945

טרעבלינקע

.1

איבער צעוואַלגערטע פעלדער האָבן פויערים, צעשראָקענע פון גרוילן און בלוטיקע מגפות, געטריבן די אַקעראייזנס און מבולבלדיק אויסגעמאַטערטע פערד. ווייט אַרום האָט די לופט געציטערט פון דונערדיקער העפטיקער קאַנאָנאַדע. די שטאָלענע שאַרפן האָבן געשניטן דעם ווילד פאַרשאָלטענעם באָדן, איבערגעקערט פאַרעקשנטע גרודעס, דורכגעפרעסענע מיט אַש פון פאַרברענטע מענטשלעכע גופים.

ביי די בריגעס פון די פעלדער זענען געשטאַנען ס.־ס.־זעלנער מיט האַקנקרייצן אויף די אַרבלען און געטריבן מיט געוועלמאַשינען די צעשראָקענע פויערים. זיי זאָלן וואָס שנעלער אַקערן דאָס טויטן־פעלד. דער טויט האָט דאָ אָן חרפה, פרעך געבליט נישט ווייט פון די באַן־רעלסן, ביי אַ קליינטשיקער סטאַציעלע „טרעבלינקע“. ווייט אַרום האָבן געבלויט געדיכטע וועלדער און נידעריקע פאַרוואָלקנטע הימלען פון פוילישן ערב־פרילינג, האָבן מיט פייכטע ווינטן אויסגעפייפט די סימפאָניע פון טויט, די שוידערלעכע סימפאָניע פון אויסגעגאַנגענע ברענענדיקע עדות יידן.

יאַן קאַזשידלאָ האָט אין שווייסיקע אַנגסטן געטריבן דעם אַקעראייזן; דאָס פערד, פונקט ווי ער, האָט געפרייכט מיט שווייסיקער פּאַרע, אַ שוים האָט געזעצט פון דער מאָרדע. די שוואַבן האָבן אים דאָסמאָל אַרויסגעיאָגט פון דאָרף אויף דעם פאַרשאָלטענעם אַקערפעלד. דער מוח האָט געגליט מיט פייער און אין

האַרצן האָט געאיבלט פון דער דערווידערנדיקער אַנגסטלעכער גיהנום־אַרבעט. עכ האָט אים אַלעמאָל אויסגעדוכט, אַז דער אַקער־שאַרף האָט זיך איינגעשניטן אין אַ טויטן גוף און דאָס אַרויסגעשליידערטע אינגעווייד פאַרפלאָנטערט זיך אַרום זיינע שטרויכלדיקע פיס. זיין מוח האָט אויך געגליט פאַרן אויסבאַהאַלטע־נעם איצקאָ, דער שרייבער פון בערקמאַנס ציגעלניע — ער האָט אים פאַר־שטעקט אין האַלב־לײדיקן „קאָפּיעץ" פון קאַרטאָפל. — ווען מען געפינט אים, איז אויך זיין לעבן אויפן „שטריקל". איצקאָ איז ווערט, מען זאָל אים אויסבאַ־האַלטן. ער האָט געגנוג טובות געטאָן די קאַזשידלאָס ביי דער ציגעלניע.

יאַן קאַזשידלאָס אַלטער טאַטע איז מיטגעלאָפן מיט די אַקעראַייזנס, אַ פאַרוואָקסן־צעשויבערטער מיט פאַרגלייזטע וואַנזיניקע אויגן, די פיס פאַרבונ־דענע אין טראַנטעס, האָבן געטשאַפּעט אין די גרודעס ערד. אַרום זיינע פינגער זענען פאַרוויקלט געווען שוואַרצע קרעלן מיטן הייליקן קרוציפיקס. ער איז מיט־געלאָפן די אַקעראייזנס און געפּרעפּלט: „ניעך בענדזשע פּאָכוואַלאָני, יעזוס קרי־סטוס.

יאַן קאַזשידלאָ האָט זיך שוין צוגעוווינט צום אַלטן טאַטן, וואָס איז, נעבעך, געווירט פון זינען. דער אַלטער האָט געאַרבעט אַלע זיינע יאָרן אין בערקמאַנס ציגעלניע. זינט די בלוטיקע מלחמה האָט אַ פלייץ געטאָן אויף זינדיקער ערד, האָבן די ברענאוויונס אויפגעהערט צו פורעמען ציגל, און דער טאַטע האָט גע־מוזט צוזען, ווי די שוואַבן האָבן פאַרוואַנדלט די ציגעלניע אין אַ ברענעדיקן גיהנום פאַר די אַהערגעשלעפּטע יידן. דער אַלטער איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט, צוקוקנדיק, ווי די דייטשישע היצלעס דערשטיקן, אין די טויט־וואַגאָנעס, מענטשן, ווי די הינט. דעם אַלטן קאַזשידלאָ זענען איינמאָל באַפאַלן ספּאַזמאַטישע קאָנוווולסיעס. ער איז געלאָפן אַן אָנגעצונדענער איבערן דאָרף מיט די פויסטן געביילט צום הימל — מענטשן, ווו האָט איר גאָט אין האַרצן?! — אַ ווילד גע־לעכטער האָט געשטורעמט פון שוימיקן מויל. דער אַלטער איז אַראָפּ פון זינען! — איצט גייט ער נאָך, אַן אויסגעלאָשענער, נאָך די אַקעראייזנס און מיט פאַר־גלייזטע אויגן פּרעפּלט ער נאָך מיטן קרוציפיקס אין האַנט: „ניעך בענדזשע פּאָכוואַלאָני, יעזוס קריסטוס"!

יאַן קאַזשידלאָ פילט, אַז די טעג פון די דייטשן זענען געציילטע. די קאַנאָ־נאַדע דערנענטערט זיך וואָסאַמאָל שטאַרקער, מחנות רוסישע געפּאַנצערטע פייגל פליען־אָן אין די הימלען און לאָדן־אויס מיט קראַך און נקמה די פייערדיקע טאָרפּעדאָס, אַזש די ערד הייבט זיך אין פלאַמיקע קראַמפּן. ער האָט געטריבן אין פיבערדיקע אַנגסטן דעם אַקעראייזן און פון אונטערן שאַרף האָבן אויפגעקאָכט מיני וויסטע קללות גרודעס ערד, דורכגעמיסטיקט מיט אַש פון פאַרברענטע גופים. זיינע פיס האָבן אַלעמאָל אָנגעטרעטן אין האַרטע מענטשלעכע קנאָכנס,

אין פלאָנטערס שטעכעדיקע דראָטן. זיינע אויגן האָבן זיך נישט געוואָלט אָנ־טרעפן מיט די קאַלטע גזלנישע בליקן פון די ס.־ס.־זעלנער, וואָס האָבן געטריבן די פויערים אַליך שנעלער צו פאַראַקערן דעם טייוולשן גיהנום — „טרעבלינקע״ — וואָס פלעגט אָנוואַרפן אַ פּחד אויף די אַרומיקע דערפער.

יאַן קאַזשידלאָ האָט שוין געוואָלט זיין צוריק אין דאָרף, אַ שמעק־טאָן צו איצקאָן אין קאָפּיעץ; דאָס האָרץ האָט געשראָקן פאַר אים — און פאַר זיך.

.2

אין אַ ווינקל פון טיף־פינצטערן פאַרדעמפטן „קאָפּיעץ״ איז געווען פאַר־שטעקט, חיים איטשע, דער שרייבער פון בערקמאַנס ציגעלניע. ער ליגט שוין אויסבאַהאַלטן ביי די קאַזשידלאָס עטלעכע וואָכן, זינט ער איז אַנטלאָפן פון דער אונטערגעצונדענער „טרעבלינקע״. דער אויפשטאַנד פון די איינגעשלאָסענע יידישע אַרבעטער, די קברנים פון אייגענע שוועסטער און ברידער, האָט ענד־לעך אויפגעפלאַמט. מ׳האָט בליץ־שנעל אונטערגעצונדן מיט בענזין די גאַז־קאַמערן, דערהרגעט די אוקראַינישע וואַכלייט אויף די טורעמס — און עטלעכע הונדערט אויפגעשטורעמטע, גייסטיק־דערשלאָגענע מענער האָבן אין ווילדן שגעון זיך דורכגעריסן די טויערן, די שטעכעדיקע דראָטן — און זיך צעשאָטן איבער די פעלדער, געשפרונגען איבער גריבער, געפלויגן מיט דערוואַכטע היהשע כוחות צום נאָענטן וואַלד, און איבער די קעפּ האָבן געקנאַלט געווער־אויטאָמאַטן, קוילן האָבן געססווישטשעט און נישט איינעם פאַרשניטן אינמיטן וואַגזיניקן געלאַף.

„טרעבלינקע״ האָט געברענט אין בענזין־פלאַמען, וואָלקנס שוואַרצער רויך האָבן זיך געהויבן צו די הימלען און צוויסן־געגעבן דער וועלט: מרידה פון די טויטע!

חיים־איטשע איז געלאָפן איבער די פעלדער נישט לויט די כוחות פון זיינע יאָרן; מעגלעך, ווייל ער האָט געקענט יעדן שפּאַן ערד פון דער געגנט, יעדן שטיין און בוים — האָט ער געהאַט קפיצת־הדרך. דער וואַלד האָט אים געצויגן ווי אַ מאַגנעט. ער האָט געפילט, אַז ער לויפט אָן אַ האַרץ. די קוילן האָבן זיך פאַרבייגעשניטן אין זיגזאַגן פאַר זיינע אויערן, אָבער די „השגחה העליונה״ האָט אים געשיצט פון אַלע טויטן, וואָס אויף אים האָט נאָך געהויערט אין גיהנום „טרעבלינקע״ — און דער וואַלד איז אים אַנטקעגנגעקומען אַליך נענטער און נענ־טער. מיט די לעצטע כוחות איז ער אַנידערגעפאַלן אויף מאָכיקער ערד. ער האָט געהעשעט מיט אָן אָפן מויל פון פאַרפעלטן אָטעם. ער האָט געפויזעט אויפן בויך, אויף אַלע פיר, און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי אַ שווערער האַמער אין דער

ערד: איך לעב, איך לעב! ער האָט זיך דערשלעפּט צו דיביימער. ווי אַ חיה האָט ער זיך פאַרטיפט אין דער געדיכטעניש פון די ביימער, וואָס האָבן געקילט דעם שווייס פון פיבערדיקן לייב. די נאַכט איז צוגעפאַלן און פאַרשטעקט מיט פינצטערניש יעדעס ליכט־שפּאַרעלע. פּאַרכטיקע שלוקערצן האָבן זיך אָפּ־געריסן פון וואַלד־געדיכטעניש — אָבער חיים־איטשען האָט עס נישט געשראָקן, אין אים האָט זיך צעוואַקסן די אורקראַפט פון אַ חיה, וואָס איז בכוח זיך אַנט־קעגנצושטעלן יעדער געפאַר. — וואָס האָט שוין פאַר אַ ווערט דאָס לעבן פון אַ יחיד, ווען מען האָט פאַרברענט הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען יידן אויף איש? — מען האָט אויך דאָרט זיין וויב פערעלען פאַרברענט!

די נאַכט־גרילן האָבן געלויכטן ביי די ביימער־שטאַמען און קוסטעס. עס האָט אים געוווּנקען פון דער ווייט, געברענט אין די אויערן — אפשר רעדן פון אים איצט זיינע צוויי זין אין דער וייטער וועלט?

ער האָט זיך געלאָזט, מיט ברעכנדיקע קני, פונעם ווייטן לויפן דורכן וואַלד, אין דער ריכטונג צו מערב — צום דאָרף פון די קאַזשידלאַס.

חיים־איטשע איז אויסבאַהאַלטן חדשים אין קאַרטאָפל־גרוב. יאַן קאַזשידלאָ לאָזט זיך צו אים אַרונטער געהיימערהייט אין די נעכט מיט אָפּגעשפּאַרטע גאַר־שטשעס עסן, מיט רייפּטלעך אָרעמען ברויט, וואָס ווערט ביי די קאַזשידלאַס אַליין ווייניקער און קאַרגער. חיים־איטשע איז שוין איינגעוווינט צו רעדן מיט זיך אַליין אין דער איינזאַמקייט: פאַר אים איז קיין טאָג נישטאָ — נאָר איין לאַנגע פינצ־טערע נאַכט! ווען ער דערטאַפּט לעבן זיך יאַנען, העלט ביי אים אויף אַ ליכטיקע טרייסט — ער וועט נאָך אַנזען די לעבעדיקע וועלט!

פון יאַנען האָט ער זיך דערוווּסט אַ סך זאַכן. די נאַציס אַנטלויפן. זיי איילן זיך ווי די פאַרסמטע מייז. די וועלדער ברענען מיט רויטע שריפות פון די רוסי־שע האַרמאַטן. אַז חיים־איטשע בלייבט ווידער אין דער געדיכטער פינצטערניש, איינגעדעקט אין אַלטן טולופ, באַפאַלט אים ווידער אַ שווערע אומהיימלעכקייט — וועט ער נאָך קענען אָנזען אַ ליכטיקן הימל; זיינע אויגן האָבן דאָך אַזוי פיל טויטן געזען, דער מלאך המות האָט אים אַזויפיל מאָל אויף די פליגל געטראָגן — וואָס האָט אים דאָ דער כביכול אַריינגעוואָרפן, ווי דניאלן, אין לייבן־גרוב? זיין פערעלע איז פאַרברענט געוואָרן — וואָס טויג אים שוין דאָס לעבן? — ווער עס באַ־ענגט דעם טויט ,הייסט דיך אויך לעבן! רעדט צו אים אַן אַנדערע שטימע. דו האָסט דיינע קינדער, ווי טויבן צעשיקט איבער דער וועלט. בעל כרחך אתה חי — אפשר פליען זיי איצט, דיך ארויסראַטעווען פון געפענגעניש?

אין די איינזאַמע פינצטערע שעהן, וואָס האָבן זיך געצויגן פאַר חיים־איטשען אין דעם צוגעמאַכטן קאַרטאָפל־גרוב, זענען אים אָפּגעקומען אַלע זיינע יאָרן פון פאַרגאַנגענעם עבר. יעדער פּאַסירונג אין זיין לעבן האָט אויפגעבליצט אין דער אונטערערדישער באַהעלטעניש, ווי בילדער אויף אַ פילם־עקראַן. יעדע דורכלעבונג האָט איצט פאַר אים געהאַט גאָר אַן אַנדערן טעם און באַדייטונג, עס האָט אים געגעבן אן אנדער באשייד פאַר זיין גורל, וואָס דאַרף זיך איצט אויפ־דאָסניי אָנהייבן — ביים ארויסגיין פון דער פינצטערער באַהעלטעניש. ער האָט געבלעטערט זיין לעבנס־בוך אויף צוריק, ביים סאַמע אָנהייב, ווען ער האָט אָנגעהויבן שטעלן די ערשטע טריט אין זיין פאַרהייראַטן לעבן.

3.

חיים־איטשע דעם שרייבערס וווינונג איז געווען אין שכנות מיט זיין באַלע־באָס ציגעלניע. לאַנגע געמויערטע שאָפּעס מיט הויכע קוימענס, וואָס פלעגן תמיד פון זיך אַרויסוויקלען קלעמבבעס רויך צום הימל. און אינעווייניק האָט מען גע־פורעמט און געברענט רויטע גלאַטע ציגל. אַרום דער ציגעלניע זענען די פעלדער רייך געווען מיט ברוינלעכן ליים, און האָרעפּאַשנע גויים האָבן געפירט אין טאַטש־קעס זעם אויסגעגראָבענעם ליים צו די ברען־אויוונס.

חיים־איטשע, אַ ברייט־פּלייציקער געזעצטער יונגערמאַן מיט פאַרריסענע פעך־שוואַרצע וואָנצעלעך און אַ וואַרעם מענטשלעך האַרץ, איז אין דער ווירק־לעכקייט געווען „באַלעבאָס" אין בערקמאנס ציגעלניע. ער האָט געפירט די ביכער מיט די חשבונות און אַכטונג געגעבן אויף דער אַרבעט. די פויערים האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ „גאָלדענעם מענטשן"; ער איז נישט דערגאַנגען די יאָרן, ווי אַנדערע אויפזעערס, פשאַיוכעס, וואָס — מיר־נישט, דיר־נישט צעראָצן זיי זיך און גיבן דיר דעם לונג און לעבער אין האַנט אַריין. גלייך נאָך דער התונה מיט פערעלען, ווען חיים־איטשע איז אַלט געוואָרן פולע ניינצן יאָר, האָט אים בערקמאַן אַריינגענומען צו זיך אין ציגעלניע און געוווסט, אַז ער גיט איבער זיין באַטריב אין זיכערע הענט, פונקט ווי חיים־איטשעס שווער, זישע הערצבערג, האָט געוווסט, אין וואָסערע געטרייע הענט ער גיט־איבער זיין פערעלע.

בערקמאַן, דער נגיד און שיינער ייד פון דער נאָענטער קרייז־שטאָט, אַ פולער, רונדער מיט אַ נאָך מער פולן גביריש בייכל, האָט גערייכערט שמעקעדיקע ברויגע ציגאַרן און געקעכלט אַ ממזריש בלאָנד־גרוי בערדל, פאַרשניצט אין אַ לאָפּאַטקע. ער איז געווען דאָזאָר אין דער קהילה, כל־ולך אין פאַרשידענע בענק, און פרעזעס פון „מזרחי". האָט ער געשמייעט מיט אַ פּיצינק יאַרמולקעלע

אויפֿן שפּיץ קאָפּ אין די בלוי־ווייסע דעקאָרירטע לאָקאַלן און צוגערעדט יידן, זיי זאָלן פֿאָרן קיין ארץ־ישראל — און ער אַליין האָט געהאַלטן מיטביידע הענט אין געלט־טאָפּ פֿון דער ציגעלניע און זיך געזען פֿאַר אַ געטרייען בירגער אויף פּוילישער ערד.

צוזאַמען מיט בערקמאַנס פֿאַרמעגן איז אויך געוואַקסן חיים־איטשעס משפּחה. ער האָט שוין אָפּגעציילט אַכצן יאָר נאָך דער חתונה, און פּערעלע האָט דורך דער צייט אויסגעהאָדעוועט אַ טאָכטער מיט צוויי זין. צייטיקע, רייפֿע לעבנס, איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט און קולטור, וואָס האָט געוויילט אין לאַנד.

יאָסקע, חיים־איטשעס עלטערער זון, איז אין דער שול אַריינגעצויגן געוואָרן אין די לינקע קרייזן און געטאָן קאָנספּיראַטיווע אַרבעט — און דאָך זיך נישט אויסגעהיט פֿון די „קאָנאַרקעס", די פּוילישע זשאַנדאַרן. האָט מען איינמאָל אין אַ מיטן נאַכט יאָסקען פֿון בעט אַרויסגענומען און פֿון אונטערן מאַטראַץ אַ פּעקל „טרייפֿענע" ליטעראַטור געפֿונען.

יאָסקע האָט געקריגן פֿינף יאָר תפֿיסה פֿאַר דער „זינד". פּערעלע האָט געוויינט און זיך נישט געקענט שענקען, אַז פֿאַר אַ שטיקל לייכט פּאַפּיר זאָל מען פֿאַרשפּאַרן אַ יונג קינד הינטער די קראַטעס.

חיים־איטשע האָט מיט אַ שווער האַרץ געמוזט טרייסטן די מאַמע מיט די פֿאַרוויינטע שיינע אויגן — דאָס שטיקל פּאַפּיר איז נישט אַזוי לייכט, ווי מען מיינט. דאָס בלעטל האָט אַ שווערן געדאַנק, וואָס גרונטעוועט זיך אין אין הונדערטער טויזנטער מוחות — דאָס שלעפּט און דאָס ציט ווי אַ מאַגנעט. עלעהיי באַלפֿור־דעקלאַראַציע! — דוכט זיך אַ שטיקל פּאַפּיר, און וואָס פֿאַר התלהבות האָט דאָס אַרויסגערופֿן אין טויזנטער יידישע הערצער. דאָס שטיקל פּאַפּיר ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ שווערער בריק — און אויף דעם ציען זיך מחנות יידן קיין ארץ־ישראל.

פּערעלע האָט דאָך געהאַלטן מיט יאָסקען, וואָס ער איז נישט מיט די „רייכע" און געטראָגן אַ שווער האַרץ אויף חיים־איטשען, הלמאי ער טענהט דאָס אייגענע, וואָס דער גביר בערקמאַן. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט זי אײַנגעזען, אַז חיים־איטשע איז גערעכט געווען מיט די רייד: עקיבא, דער יינגערער זון, איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין החלוץ, ער איז אַוועק אויף „הכשרה" און טאַטע־מאַמע האָבן געמוזט נעמען פֿאַר ליב, וואָס עקיבא רייסט זיך אַוועק פֿון פּוילישער ערד.

ווען יאָסקע איז, נאָך פֿינף יאָר אָפּזיצן אין תפֿיסה, אַרויס אויף דער פֿריי, איז עקיבא שוין געווען אין ארץ־ישראל און געאַרבעט אין קיבוץ.

יאָסקע איז אַרויסגעקומען פון תפיסה מיט אַ געזעצטן כאַראַקטער, פאַר־מיפט אין זיך און אנטשלאָסן צו געוואַגטע מעשים. זיינע פיס האָבן געטרעטן, ווי אויף הייסע קוילן — און פון אומעטום האָבן אויף אים געלויערט אויגן פון דעפּענסיווע־אַגענטן, אויגן, ווי שאַרפע האָקעס צו פאַנגען אים ווידער אין זייערע נעצן.

די עלטערן האָבן אים אַוועקגעשמוגלט קיין פּאַריז, און אין א צייט אַרום האָט יאָסקע זיי געשריבן, אַז ער פאָרט קיין אַרגענטינע. — אויף דעם האָט חיים־איטשע געזאָגט צו פערעלען, אַז זייער יאָסקע איז אַ שטיק קוועקזילבער — זאָל ער זיך נאָך דאָרט קענען אויפהאַלטן?

חיים־איטשע איז געווען אַ נביא: נאָך אַ ריי בריוו פון אַרגענטינע, האָט זי־יאָסקע אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער עמיגרירט אַהין, ווו עס האָט אים תמיד געצויגן — קיין סאָוויעטן־לאַנד. ער פאָרט מיט אַ גאַנצן טראַנספּאָרט אין דעם יידיש־אויטאָנאָמען ראַיאָן „בירא־בידזשאַן".

פערעלע האָט דאָס שווערע וואָרט אַזוי לייכט נישט געקענט פאַרדייען, און פון אַזאַ לאַנד קיינמאָל נישט געהערט. עקיבא שרייבט באַגייסטערטע בריוו פון ארץ־ישראל, וואָס אַמאָל האָט עס געהייסן „כנען". „ווי זאָגסטו, חיים־איטשע, — לייכטן־אויף אירע שיינע אויגן צו אים — אין דיין תנ"ך שטייט נישט דערמאָנט דאָס לאַנד?"

חיים־איטשע ווייס, אַז „בירא־בידזשאַן" איז נישט דאָס לאַנד „כנען". דאָרט שטראָמט אַ שטורמישער טייך, שטורמישער ווי דער סמבטיון — און אפשר האָבן דאָרט אַמאָל אויסגעוואַגלט די בני־ישראל פון אונזערע עשרת השבטים? אָט פאַרגעסט ער יאָסקעס ניי לאַנד און דערציילט פאַר פערעלען פון דעם לעגענדאַרן סמבטיון, ווו שלמנאסר, דער מלך פון אשור, האָט פאַרוואָגלט אַהין די „רויטע יידעלעך". אַ גאַנצע וואָך פאַלט פון הימל שטיינער. עס איז אוממעגלעך אַהינצו־קומען. שבת רוט דער טייך. ער האַלט פון שבת, פון שלוה. —

יאָסקע שרייבט אויך באַגייסטערטע בריוו. ער אַרבעט אין אַ „קאָלכאָז". זיי ברעכן־אויף אַ ניי לעבן, באַטרעטן אויף ערד פון בראשית־אָן נאָך קיינמאָל נישט באַאַרבעט.

פערעלע זיפצט־צו חיים־איטשען: אויסגעהאָדעוועט קינדער און געשיקט איבער דער גרויסער וועלט איינגעמען „יידישע לענדער". ווער עס זוכט מיט ליכט אַ „לאַנד", און ווער עס האָט שוין געפונען. אַ ווייניקן ארץ־ישראל האָט דאָ בערקמאַן געפונען אין פּוילן? וואָס צערייסט ער זיך די קאָפּאָטע פאַר די יידן און הייסט זיי אַנטלויפן פון פּוילן? הלמאַי פאָרט ער אַליין נישט קיין ארץ־ישראל?

חיים־איטשע זעט פערעלעס, מיט טרערן פאַרלאָפענע, אויגן, ווערט אים ענג אין האַרצן — און גיט איר געכעכט — צומאָל, ווען זי איז אַפילו ווייט פון צו זיין

געריכט. זי איז פאַרביטערט אויף בערקמאַנען, דעם גביר, און זי מיינט, אַז ער, חיים־איטשע, טאַנצט מיט אים אויפן זעלבן יאַריד; און אַז זייער „ברויטגעבער״ האָט די שולד, וואָס די קינדער האָבן געמוזט אַנטלויפן פון דער היים. יאָסקע האָט זיך געפיניקט אין תפיסה צוליב אַזעלכע רייכע בערקמאַנס.

חיים־איטשע האָט זיך געמוזט זעטיקן מיט אַזעלכע אָפּטע אויסברוכן מצד פערעלען. אַ שטיקל פרייד האָט ביי זיי אַרויסגערופן דאָס פאַרביגדן זיך פון זייער פייגעלען מיט אַ וואַרשעווער סוחרס אַ זון, — ביידע שטודירט אין אוניווערסי־טעט. — און אַז זיי זענען אַליין פאַרבליבן עלנט, אָן קינדער, ביי דער ציגעלניע, האָט חיים־איטשע זיך אַרומגעזען, אַז עס וואָלט גאָרנישט געשאַדט צו האָבן אין דער היים נאָך אַ קינד.

טאַטע־מאַמע האָבן אָנגעהויבן שרייבן פאַרבענקטע בריוו צו זייערע קינדער אין דער ווייטן, און, ווי דער שטייגער, צווויסן־געגעבן, אַז זיי זענען שטאַרק באַזאָרגט, ווי די קינדער לעבן דאָרט אין דער פרעמד. זיי האָבן פון מאָל צו מאָל אָנגעוווּנקען אין די בריוו, אַז אין לאַנד איז אויך נישט איבעריק הימלעך. יידן האָבן אויסצושטייין פון די שכנים געברענטע צרות — מסתמא לייענען זיי דאָך וועגן דעם אין די צייטונגען — מען ווייס נישט, וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג קען ברענגען.

פערעלע האָט אַריינגעגאָסן אין די שורות צו אירע קינדער דעם גאַנצן אימעט און טרויער פון אירע שיינע אויגן. יעדעס וואָרט האָט וויברירט מיט אַנגסט פאַרן „מאָרגנדיקן טאָג״, עס האָט וויברירט מיט געהיימנישן פון פאַרכטיקע הכנות ביי די גרענעצן פון פוילן.

4.

און דער מאָרגנדיקער טאָג — דער יום־הדין איז געקומען.

עס האָט זיך האַסטיק אַ דריי־געגעבן די וועלט אין פייער. דער אַשמדאי האָט אַ שווינדל־געטאָן מיט די קאָרטן:

אויבער־שוואַרץ.

טויז־רויט.

— — — — — — — — —

חיים־איטשע האָט זיך אַרומגעזען, אַז צו דער נייער מאַכט האָט ער גאָרנישט דערלייגט. אין דער קורצער צייט, וואָס די נאַציס האָבן דאָ געשאַלטעוועט, האָבן זיי צען מאָל אין טאָג באַדאַרפט גומל־בענטשן, וואָס זיי זענען ניצול געוואָרן פון טויט. און פערעלע האָט געשריבן צו די קינדער פאָסטקאָרטלעך באַצירט מיטן

„פּערפּ און האַמער“, אַז דער טאַטע איז ווייטער געבליבן אַרבעטן אין ציגעלניע, ווי פריער — ווו די אַרבעטער זענען אַליין די באַלעבאַטים. „מיר זענען זייער צופרידן פון דער נייער מאַכט“ — האָט זי אונטערגעשטראָכן די ווערטער — און בערקמאַן מיט דער פרוי האָט מען פאַרשיקט ווייט אין רוסלאַנד. פון פייגעלען הערן מיר גאָרנישט. זי איז פאַרבליבן מיט איר מאַן אין וואַרשע ביי די נאַציס. פערעלע האָט אויסגעקוקט אַן ענטפער פון די קינדער.

צום ערשטן איז אָנגעקומען אַ בריוו פון עקיבאַן. שורות צאַפּלדיקע, ווי פון אַ קינדס אַ האַרץ. ער וויל אַזוי האָבן די עלטערן לעבן זיך — ס'וואָלט געווען דאָס גרעסטע גליק זיינס אין לעבן. ער האָט נאָך ביז איצט אַזעלכעס נישט איבער־געלעבט. ס'טוט אים ווי דאָס האַרץ פאַר פייגעלען. פון יאָסקען קריגט ער נישט קיין בריוו.

די בריוו האָבן געוואַנדערט איבער ווייטע וועגן, איבער הייסע סטעפּעס און בערג. בענקשאַפט און ציטער האָט אומגעדולדיק זיך געריסן פון האַרץ צו האַרץ. ביז דער אַשמדאַי האָט ווידער מיט שוואַרצן כישוף אַ טאַש־געטאָן די קאָרטן.

טויט־רויט.

אויבער־שוואַרץ.

— — — — — — — — —

און שוואַרצער טרויער האָט געלויערט אויף די שוועלן פון יידישע שטיבער.

מ'האָט חיים־איטשען מיט פערעלען פאַרטריבן פון דער ציגעלניע, און מיט נאָך שטעטלשע יידן אריינגעיאָגט אין „וואַרשעווער געטאָ“.

צום טויט־פאַרמשפּטע יידן האָבן געוואַרט אויף אַ נס פון הימל — און דער נס איז נישט געקומען!

בערקמאַנס ציגעלניע איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט שטעכעדיקע דראָטן. דער אַלטער קאַזשידלאַ, דער שומר, האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען אין דער אַרומגעצוימטער „תפיסה“. די דייטשן האָבן אים ווייטער געהייסן היטן די שאַ־פעס און ברענאויוונס. ער האָט רק געמיינט, אַז איצקאַ וועט זיך נאָך אומקערן און מען וועט לאָזן אין גאַנג די אויוונס — עס וועלן זיך ווידער איינשטעלן די פריי־ערדיקע צייטן.

דער אַלטער פלעגט אַנטרונען ווערן אַלעמאָל אין דאָרף צום זון, אויסגיסן פאַר אים זיין האַרץ: עס שרעקן אים די אָפּטע וויזיטן פון די עלטסטע פּרוסאַקעס; די ציגעלניע איז איצט אַן אָרט פאַר שדים—נישט פאַר מענטשן. בראָך און דלות אויף אונזער קאָפּ — און מער גאָרנישט!

לאַסט־אויטאָס זענען פאַרפאָרן מיט רעש פאַר די שאַפּעס פון בערקמאַנס צי־געלניע און אָפּגעלאָדן הויפנס שוואַרצן קאָקס און שטיינקוילן. דער אַלטער קאַ־

זשידלאָ האָט זיך געווישט די וואָנצעס און נישט געגלייבט די אייגענע פאַרטרער־
טע אויגן, אַז די ברענאויוונס וועלן נאָך אַרויסגעבן פון זיך ציגל. די פּאַראָבקעס
זענען צעלאָפן אין די דערפער.

מיטאַמאָל איז דער אַלטער אַריינגעפאַלן אין דאָרף אַ פאַרצווייפלטער — די
שוואָבן האָבן אים פאַרטריבן פון דער ציגעלניע.

ביי יאַן קאַזשידלאָ האָבן זיך פאַרקליבן פויערים און מיט פאַרגאַפטע מיילער
און אויערן אויפגעכאַפּט דעם אַלטנס אויסטערלישע רייד וועגן אַמניבוסן לאַנגע,
פינצטערע, וואָס שטייען אויפן הויף; זיי שרעקן ווי פאַרוואַנעס אויף לוויות.

אין דאָרף זענען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז די ציגעלניע אַרבעט ווייטער, פון
די קוימענס זעט מען אַרויסשלאָגן וואָלקנס שוואַרצן רויך.

פויערים האָבן דערציילט, אַז מען ברענגט אַהין מחנות יידן און קינדער.
כאַבלעס פון די ווייטע קרעסן היטן ביי די שטעכעדיקע דראָטן. זאַכקענער און
געביפטע קעפּ האָבן אויסגעפונען, אַז דאָרט צאַפּט מען דאָס בלוט ביי די יידן
פאַר די פאַרוונדעטע דייטשן אין די שפּיטעלער. דער מאַסקאַל גיט זיי צו
שמעקן אויף די פראָנטן!

דעם אַלטן קאַזשידלאָ פלעגט ציען אַהין, צו דער ציגעלניע, ווו ער האָט אַלע
יאָרן אָפּגעגעבן זיינע כוחות. ער פלעגט זיך שלייכן פאַר די פאַרצוימטע
דראָטן. די כאַבלעס האָבן אים געטריבן מיט די ביקסן: טראָג זיך אָפּ מיט דיין
גאַרשטש ביינער, אַלטער חזיר־קאָפּ. מען וועט דיך נאָך פאַרשלעפּן צוזאַמען מיט
די זשידעס אין די אויוונס אַריין!

זיינע אויגן האָבן זיך געהויבן צו די הויכע קוימענס, ווו קלעמבעס רויך האָבן
זיך אַרויסגעוויקלט צום הימל. ער האָט געאַנט אימהדיקס, וואָס קומט־פאַר אין
דעם פייערדיקן גיהנום.

אין דער אַלטער קאַזשידלאָ איז געלאָפן אַן אַנגעצונדענער אין דאָרף אַריין
מיט געביילטע פויסטן צום הימל — — —

5.

די באַן־רעלסן, וואָס האָבן זיך געשלענגלט איבער פעלדער אוןביימער,
האָבן אַלעמאָל אויפגעציטערט פון טראַגנדיקע לאַסט־צוגן. די לאָקאָמאָטיוון
האָבן ווייט אַרום צעטראָגן דעם יאָמערלעכן געשריי פון טויט. די ווידער־קולות
האָבן זיך געכפלט איבער וועלדער און בערג. אינעווייניק אין די וואַגאָנעס זענען
צונויפגעפּרעסט געווען פאַרשמאַכטע יידן מיט ווייבער און קליינע קינדער. די
צוגן האָבן זיך געיאָגט פון „וואַרשעווער געטאָ“ צו דער לעצטער סטאַנציע
„טרעבלינקע“.

נישט איינמאָל האָט מען דורך די פאַרמאַכטע וואַגאָן־ווענט, אין האַסטיקן רעדער־גאַלאָפּ, געהערט אַרויסשפּאַרן פאַרדושעטע גוואַלדן, די געשרייען האָבן זיך געריסן אַרויף, דורך אַלע זיבן הימלען, צום כסא־הכבוד: גאָט, אַלמעכטיקער, וואָס האָסטו אונז פאַרלאָזן?!

די צוגן זענען ווייטער געלאָפן צום ברענענדיקן גיהנום, און גאָט האָט אויף די גוואַלדן נישט געענטפערט: ע ר א י ז א ר אָ פּ פ ו ן ז י ב ע ן!

אין אַ צוג, וואָס האָט זיך געיאָגט איבער די פאַרשאָלטענע רעלסן, זענען אויך פאַרשפּאַרט געווען חיים־איטשע מיט פּערעלען. זיי האָבן אויך נישט געוווסט, אַז דאָס פאַרן זיי, ווי אַלע אַרויסגעטריבענע יידן פון וואַרשעווער געטאָ, צו זייער ל ע צ ט ע ר סטאַציע.

פּערעלע האָט שוין מער נישט געוויינט. צופיל טויטן האָט זי איינגעזאַפּט אין אירע אויגן. איר טאַכטער פייגעלען מיטן מאַן האָט זי אין געטאָ נישט געטראָפן. זי איז אַ פאַרשמאַכטע אַנגעלענט געווען אין חיים־איטשען, און די פאַרדעמפטע, שטיקנדיקע לופט האָט געפּרעסט דעם מוח און פאַרחלשטע בלוטן.

חיים־איטשע האָט זיך געמאַכט האַרץ און כלערליי טרייסט־ווערטער אַרויסגעבערענגט פאַר פּערעלען. זי איז גלייכגילטיק געווען צו די רייד, פּונקט ווי מען פאָרט־צוריק פון בית־עלמין, און די בלינדע חושים האָבן איר פאַרגעזאָגט מוראדיקס: דאָס פאָרט זי אויף איר אייגענער לוויה — — —

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מיטן פעלד. מ'האָט אויפגעריגלט די פאַרחתמעטע וואַגאָנעס און ווילדע נאַצישע קולות האָבן זיך צונויפגעמישט מיט דער גרילצעריי פון אויפגעשרויפטע טירן. —

אויסשטייגן!

די ביקסן און נאַגייקעס האָבן געקלאַפּט איבער אויסגעמאַרעטע רוקנס און קעפּ. פאַרשמאַכטע, אויסגעלאָשענע גופים האָבן זיך אַרויסגעשאַרט פון די ברייט־צעפּראַלטע טירן און אַראָפּגעפאַלן אויפן פעלד.

חיים־איטשע האָט געהאָלפן פּערעלען אַראָפּקריכן פון וואַגאָן. פּערעלע האָט דערפילט פון ווייטן דעם באַקאַנטן וואַלד, דאָס גראָז אונטער די פיס, און די שאַרפע פעלד־לופט האָט אָפּגעפרישט די פאַרחלשטע בלוטן. — מיר זענען שוין ווידער ביי דער ציגעלניע! האָט חיים־איטשע געוואָלט אויפמונטערן פּערעלען. — אָבער חיים־איטשעס „טרייסט” האָט אין איר אויפגעוועקט נאָך בולטער זייער שוידערלעכן גורל. דאָס געשטאַלט פון באַלעבאָס בערקמאַן האָט מיטאַמאָל אויפגעטויכט אין איר פאַרחלשטן מוח, ווי אַ פונק אין אויסגעלאָשענע אַש. „אַ גביר האָט מזל!” — האָט זי אויסגעפּרעפּלט מיט די פאַרטריקנטע ליפּן — „נאָר אויף אונז האָט דער טייוול שליטה!”

אַ לאַנגע שורה מיט אויסגעמוטשעטע מענער, ווייבער און קינדער האָבן זיך

געשלעפּט מיט קלומיקעס אויף די פּלייצעס איבערן פעלד. זיי זענען געטריבן געוואָרן דורך בייזע מחבלים, ווי פאַרמשפּטע שאָף צו דער שחיטה. די תמוז־זון האָט הייס געברענט אין הימל, און איבער מענטשלעכע לייבער איז דורכגעגאַנגען אַ פּראַסטיקער שווידער — — —

פון וויטן האָבן די פּלויטן מיט שטעכעדיקע דראָטן געצויגן צו זיך אַלץ נענטער און נענטער, ביז די אויסגעמוטשעטע מחנה מענטשן זענען איינגעשלונגען געוואָרן אין די אָפענע טויערן פון גיהנום „טרעבלינקע".

אינעווייניק האָט חיים־איטשע קיין צייט נישט געהאַט זיך צו כאַפּן, וואָס דאָ האָט פּאַסירט. מ'האָט פּערעלען בליץ־שנעל פון אים אָוועקגעריסן צו דער מחנה ווייבער און קינדער. ביקסן־קאָלבעס האָבן געפּאַכעט מיט בייזע געשרייען. מ'האָט געטריבן מענער דורך אַנדערע טויערן אויף שווידערלעכע פאַרצוימטע פּלעצער.

חיים־איטשע האָט זיך דערזען אין אַ משונהדיקן טייוול־וואָקזאַל. האַלב־נאַקעטע, צעטומלטע קערפּערס זענען געטריבן געוואָרן אויף אימהדיקע גענג — איז ער מיטגעשלעפּט געוואָרן אויף אַן אָפענעם מאַרק מיט הויפנס קליידער און שיך. די אַנגעיאָגטע גרוילן האָבן זיך, ווי ווילדע כוואַליעס, געשליידערט איבער זיין קאָפּ: האָט ער, ווי אַ טרינקענדיקער, מיט אַלע זיינע אַנגעשפּיצטע חושים געזוכט אַ רעטונג. ער האָט דערפילט אַ פיינלעכע נאַקעטקייט אין האַרצן: מ'האָט פון אים פּערעלען אָוועקגעריסן — ער וועט זי שוין קיינמאָל מער נישט זען! —

מיטאַמאָל האָט ער געקריגן אַ כמאַל איבערן קאָפּ. ער איז געפאַלן, און אין גרויס צעטומלעניש האָסטיק זיך אַ הויב־געגעטאָן. פאַר אים האָבן איינגעבויגענע רוקנס געטראָגן אַ שטויס ברעטער. ער האָט קונציק זיך איינגעגלידערט אין דער שווערער משא און אומבאַמערקטערהייט מיטגעשפּאַנט אין שווערן גאַנג.

6.

חיים־איטשע האָט שוין פאַרלוירן דעם חשבון, וויפל צייט ער ליגט שוין איינגעגראָבן אין גרוב. ער האָט שוין באַלד פאַרגעסן, ווי אַ ליכטיקער הימל זעט־אויס? אין די נעכט קריכט ער אַרויס פון „קאַפּיעץ", גלייכט־אויס דעם איינגעשרומפּענעם קערפּער, און ציט־איין מיט די לונגען פרישע לופט. די הינט דערפילן ־עם אַנטפּלעקטן מענטשן און בילן־אויס אין דער נאַכט דעם אויס־באַהאַלטענעם סוד.

טיילמאָל באַפאַלט אים אַ דראַנג, זיך אָוועקצורייסן פון דער באַהעלטעניש. ער וועט זיך לאָזן אין דער פינצטערער נאַכט אַהין, וווּ עס הערט זיך דאָס דונערן פון די קאַנאָנען — זיי קומען אים באַפרייען! ער וועט זיי אנטקעגנקומען מיט דעם אויסבאַהאַלטענעם פונק לעבן, וואָס טליעט נאָך אין האַרצן, ער וועט דאָס

צושטייער־געבן אין דעם פייער, וואָס וועט פלייצן מיט נקמה אויף די קעפּ פון די מענטשן־פרעסער. — זיי קומען, זיי קומען!

יאַן לאָזט זיך צו אים אַרונטער אין גרוב. ער היט זיך פאַר די אייגענע קינדער, פאַרן אַלטן, גייסטיק־קראַנקן, וואָס שיידט זיך נישט מיטן קרוציפיקס אין האַנט. זיין עלטערן זון, סטאַך, האָבן די שוואָבן פאַרשלעפּט אויף אַרבעט — ער ווייס נישט, ווו ער איז אַהינגעקומען.

יאַן גיט־איבער חיים־איטשען דאָס אָפּגעשפּאַרטע עסן און אַ ריין אויסגע־וואַשן העמד, וואָס זיין וויב האָט צוגעגרייט פאַר איצקאָן. ער רעדט צו אים שטיל, פונקט ווי אין דעם פאַרמאַכטן גרוב האָט זיך נאָך עמיצער אויסבאַהאַלטן און אונטערגעהערט זייער געפליסטער. די פאַרדעמפטע פינצטערניש קריכט אין האַלז און נאָזלעכער, יעדער שאָרך צאַפּלט־אויף אין אַ וואַקסנדיקער שרעק און טרייסלט אַזש פונאַנדער אַ קאַרטאָפל אין אַ ווינקל, און דאָס קייקלט זיך ארונטער צו די פיס.

חיים־איטשע דערפילט אינעם ריינעם העמד א פרישן ריח פון אַ זויבערער וועלט, פון ליכטיקע הימלען. עס ווערט אים באַנג אין האַרצן. פּערעלעס גע־שטאַלט לייכט־אויף אין דער פינצטערניש און מאָנט ביי אים אַ תיקון פאַר אירע יסורים. חיים־איטשעס אויגן צינדן זיך אין טרערן, אין די טרערן לייכטן־אויף די פייערן פון אָנגעצונדענע מענטשלעכע קערפּערס.

יאַן פאַרנעמט חיים־איטשעס פּיין, וואָס שטיקט זיך אין דעם צוגעמאַכטן גרוב. ער זוכט־אויס טרייסט־ווערטער צו לינדערן דעם אומגליקלעכן איצקאָן. חיים־איטשע זאָגט יאַנען, אַז ס׳איז נאָך נישט באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט אַזא טרייסט־וואָרט, וואָס זאָל קאָנען היילן די גרויזאַמע וווּנד. איין ענטפער האָבן מיר אויף דעם: נ ק מ ה!

ווען חיים־איטשע איז ווידער געבליבן מיט זיך אַליין, האָט ער געפילט אַ הייסע דאַנקבאַרקייט צו יאַנען פאַר זיין גוטסקייט צו אים, און גלייכצייטיק זיך געזען אַליין שולדיק; עס האָט אים געפּלאָגט אַ סך מאָל מער דער געוויסן, וואָס ער איז אַנטרונען געוואָרן פון די איבעריקע אַנטלאָפענע אין וואַלד. פאַרוואָס איז ער נישט געבליבן ווי אַ חיה צווישן די ביימער און געלויערט אויף יעדן אָנקומענ־דיקן נאַצי, אים צו פאַרטיליקן? ווער האָט אים געטריבן פון וואַלד אין דאָרף אַריין און באַהאַלט־אויס זיין אָרעמען גוף? וואָסער נס האָט מיט אים פּאַסירט, וואָס ער איז ניצול געוואָרן פון גיהנום „טרעבלינקע“? — זיין שטאַרקער גוף האָט אויסגעהאַלטן די אינקוויזיציע און עבודת הפּרך אין דעם טויטן־לאַגער. וואָס פאַר אַ לייטזעליקייט האָט ער געפונען אין די אויגן פון די נאַצישע תליינים? מיט די אייגענע הענט האָט ער געהאָלפן פאַרברענען די דערשטיקטע קערפּערס פון זיין פאָלק!

די פינצטערע שעהן אין גרוב האָבן געוועבט אַרום חיים־איטשען פיינפולע געדאַנקען און צווייפלען. זיי האָבן פאַרוועבט מיט צער און זילבער זיין שוואַרצן קאָפּ האָר — און נישט איינמאָל האָט אויפגעבליצט אין זיינע אויגן די שרעקלעכע ווייַיע פון ברענענדיקע שייטערס — זיין פּערעלע ברענט און ווערט פאַרברענט אויף אש — — — דער נס פון נבוכדנצרס קאַלכאויוונס האָט אין טרעבלינקע נישט פּאַסירט. דאָרט האָט דאָס פייער נישט אָנגערירט אַפילו אַ פאָדעם פון די אריינגעוואָרפענע אַדל־לייט פון פאָלק ישראל; און אין די שייטערס פון טרעבלינקע איז דאָס גאַנצע פאָלק פאַרברענט געוואָרן אויף אַש...

די לעצטע נעכט האָט שוין חיים־איטשע נישט געקענט זיך אַרויסקלייבן פונעם קאַרטאָפל־גרוב איינצוואָטעמען אין זיך דרויסנדיקע לופט. די קאַנאָנאַדע האָט געפלאַמט מיט אַ העלישן פייער. די גראַנאַטן האָבן פאַרבייגעשניטן דעם „קאָפּיעץ״, ווי פייפנדיקע שדים. טייל גראַנאַטן זענען געפאַלן מיט אַזאַ מוראדיקן דונער־קלאַפּ, אַז חיים־איטשען האָט דאָס אַ שליידער־געטאָן פונעם אָרט. די ערד האָט זיך געבראָכן אין פייער, ווי ערב־געבורט. דאָס דונערן פון די קאַנאָנען האָט זיך איינגעפלאָכטן אין אַ ליידנשאַפטלעכן שטעפּן פון מאַשינגעווער. דער אָפּשייַן פון בלוטיקע שריפות איז דורכגעדרונגען אין פינצטערן גרוב.

און איבערן הימל האָט אַ שוועבּ־געטאָן אַ רויטע ריזן־האַנט, וואָס האָט אויסגעפּייערט:

מנא,

מנא,

תקל

ופרסין!

— — — — — — — — —

פאַרטאָג האָט יאַן אַן איינגעבויגענער, אַריינגעשריגן הייזעריקלעך אין קאַרטאָפל־גרוב: מען קען שוין אַרויסגיין, איצקאָ — רויטע חייל זענען דאָ.

חיים־איטשע האָט זיך אַ ריס־געטאָן פון שלאָף, אין וועלכן ער איז אָקאָרשט אַריינגעפאַלן נאָך דער שווידערלעכער וואַך־נאַכט. — האָט ער בליץ־שנעל תופס געווען יאַנס בשורה — רויטע חייל!

ווען חיים־איטשע האָט זיך אַרויסגעקליבן פון קאַרטאָפל־גרוב אין בלויען באַגינען, האָט יאַן כמעט נישט דערקענט איצקאָן, דעם שרייבער פון בערקמאַנס ציגעלניע; פאַר אים איז געשטאַנען אַ געבראָכענער גוף, אַ באַוואָקסענער מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר.

ער איז קוים אַלט געווען ניין־און־פערציק יאָר.

7.

איבער אַלע פעלדער און וועגן האָבן געפלייצט קאָלאָנעס רויטאַרמעישע טאַנקן, געפּאַנצערטע פעסטונגען מיט אָפענע דראָענדיקע לופעס — געצילט אַהין, צו די אַנטלאָפענע באַנדיטישע מחנות, אַנגעזויפטע צו דער זעט מיט מענטשלעך בלוט.

חיים־איטשע האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט, ווו די פיס האָבן געטרעטן. זיינע אויגן האָבן זיך געזשמורעט און נישט געקענט פאַרנעמען דאָס ליכט פון די הימלען, צו וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט, זייענדיק אויסבאַהאַלטן לאַנגע חדשים אין פינצטערן גרוב. די הימלען האָבן אים אויסגעזען פינצטערער ווי פריער. די היים ביי די קאַזשידלאָס אין דאָרף האָט נישט געקענט פאַרטרעטן זיין פאַרלאָרענע היים, זיין פערעלען. ווו ער האָט געשטעלט אַ טראָט, האָט אים באַגלייט אַזאַ פיינלעכער טרויער און נאַקעטקייט אין האַרצן. זיינע אויגן האָבן זיך איינגעקוקט אין יעדן זעלנערישן פּנים, וואָס האָט געוויזט מיט פריינטשאַפט און פולן לעבן.

חיים־איטשען האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ: אפשר וועט ער אָנטרעפן זיין יאָסקען צווישן די העלדישע נקמה־נעמער? ער האָט געהאַלטן אין איין בענטשן זיינע קינדער אין דער ווייטן: דער גוטער גורל זאָל אים נאָך צונויפטרעפן מיט זיי!

חיים־איטשע האָט זיך געלאָזט מיט יאַנען אין דער ציגעלניע. ער האָט גרייזלעך געוווסט, אַז ער האָט שוין נישט צו וואָס אַהינצוקומען. ער וועט שוין דאָרט גאָרנישט געפינען.

דער אַלטער קאַזשידלאָ האָט נאָכגעבראָדזשעט מיטן קרוציפיקס אין האַנט און געשטאַמלט נישט געשטויגענע רייד. די פאַרטרערטע אויסגעלאָשענע אויגן האָבן געקוקט אין אַן אַנדער וועלט.

אויפן וועג צו דער ציגעלניע האָט חיים־איטשען געקלונגען אין די אויערן. עס האָט אים אַ בלינדן באַשייד געגעבן פאַר זיינע אויסבאַהאַלטענע געפילן. פון וויטנס האָט ער דערזען די הויכע קוימענס — פינצטערע מצבות פון אַמאָליקן לעבן, פון אַמאָליקער פרייד און האָפענונגען.

ווען זיי זענען אָנגעקומען אויפן אָרט, האָבן חיים־איטשעס אויגן געזוכט די הייזקע, זיין וווינונג. ער האָט קיין סימן נישט געפונען פון דעם אַלעמען. הויפנס גרוז מיט ציגל האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. קאָנטיק, אַז דאָס אַלץ איז אָפּגעמעקט געוואָרן דורך אַ באָמבע בעת אַ לופט־אָנגריף. נאָענט פון די פאַרצוימטע דראָטן האָט אים אַ קלאַפּ־געטאָן אין האַרצן. דער ריח פון שריפות האָט געטשאַדעט אין דער לופט, דער זעלבער טרויעריק באַקאַנטער ריח פון

„טרעבלינקע", דער טשאַד פון געשענדעטע פאַרברענטע קערפּערס. — ניין, יאַן, איך וועל נישט איבערטרעטן דעם אָרט! האָט ער אים געשלעפּט צוריק פאַר דער האַנט. צו הייליק איז די ערד, אַז אונזערע פיס זאָלן טרעטן אויף דעם! — טאַטוליו! קום צוריק! — האָט יאַן אַ געריטער נאָכגעשריגן דעם אַלטן, וואָס האָט, ווי א לונאַטיקער אַריינגעטשלאָפּעט אין הויף אַריין.

מחנות איבערגעשראָקענע קראָען האָבן זיך האַסטיק אָפּגעריסן פון די שאָפּעס און ברענאויוונס און פול־געמאַכט די לופט מיט אַ שוואַרצער קראַקעריי און פלאַטער.

יאַן האָט מיט געוואַלט אַרויסגעשלעפּט דעם אַלטן, דעם געוועזענעם שומר פון ציגעלניע, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו פּרעפּלען: „ניעך בענדזשע פּאָ־כוואַלאָני, יעזוס קריסטוס!"

זיי האָבן זיך געלאָזט צוריק מיטן וועג צום דאָרף. די וויסטעניש פון ציגעל־ניע האָט זיי געטריבן ווי מיט בייטשן. די פעלדער האָבן זיך געשפּרייט ווייטע, אָן־סופיקע פאַרלאָזענע פון פויערישע הענט: פעלדער באַוואַקסן מיט ווילדן ווידערגעוואוקס, גאַרנדיק נאָך אַקער און זריעה. חיים־איטשעס אויגן האָבן זיך אָנגעטראָפן מיטן ווייטן בלויען וואַלד, וואָס האָט באַהאַפטן הימל און ערד. הינ־טער יעם וואַלד האָבן געברענט די שייטערס און זיי האָבן פאַרשלונגען אין זיך שטעט מיט יידן!

חיים־איטשע האָט זיך פאַרטרויט פאַר יאַנען, אַז ער האָט בדעה צו גיין אין שטאָט אַריין. אפשר וועט ער דאָרטן טרעפן פון זיינע שטאָטישע? אין זיך האָט ער געפילט, אַז ווו זיינע פיס וועלן גיין, וועט ער צו קיין אָרט נישט דערגיין! וואָס קען ער, איינער אַליין, דערלעבן? אין פויגל וועט שוין קיין פרילינג נישט מאַכן.

יאַן האָט אים אָפּגערעדט פון צו גיין אין שטאָט אַריין. זאָל ער בלייבן דער־ווייל ביי זיי אין דאָרף. ס'וועט אים נישט פעלן ביי די קאַזשידלאָס, מען וועט זיך טיילן מיטן לעצטן ביסן.

זיי זענען אַרויף אויפן שאָסיי, ווו אַלעמאָל זענען פאַרבייגעפלויגן מיליטער־רישע מאַשינען, מאָטאָציקלען, און מיטגעריסן מיט זיך ווינטיקן אימפעט. ביים שיידוועג איז חיים־איטשע געבליבן שטיין, און די פיס, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגע־זאָגט ווייטער צו גיין — נישט זיין ציל איז צו פאַרבלייבן אין דאָרף, און וועמען וועט ער אויך אין שטאָט געפינען?

די וועגן קרייצן זיך פאַר זיינע אויגן, ווי פאַרצווייפלטע אויסגעשטרעקטע אָרעמס און זוכן אַן אָנשפּאַר אין פאַרנעפּלטער ווייטקייט. דאָס האַרץ האָט אים נישט געלאָזט איינער אַליין גיין איבערן שאָסיי אין שטאָט אַריין, און ער האָט שוין באַלד מסכים געווען מיט יאַנען אומצוקערן זיך אין דאָרף. מיטאַמאָל האָט

ער דערהערט איבער שאָסיי־ווייטקייט אַן אָפּהילך פון מאָטאָציקל־געקנאַל. עס האָט געשאָטן מיט הילכיקע ווידערקולות אַלץ שטאַרקער און העכער, פון הימל און ערד. ער האָט איבער שאָסיי־הויכקייט דערזען אַ פּינטעלע, וואָס איז בליץ־שנעל געוואַקסן העכער און פולער. אין אַ רגע איז דאָס פאַרשווונדן אין טאָל און ווידער ארויסגעשווומען אין דער הויך. זיינע אויערן זענען פול געוואָרן מיט הילכיקע בשורות, דערטראָגן פון ווייט און נאָענט. פאַר אים האָט אַ בליץ געטאָן אַ געשעעניש, וואָס דאַרף אָקאָרשט געבוירן ווערן, און איידער ער האָט געקאָנט פאַרנעמען דעם אומקלאָרן געפיל, איז פאַרבייגעפלויגן מיט ווינטיקן אימפּעט אַ געפּאַנצערטער מאָטאָציקל. דאָס האָט ראַפּטום זיך אַ קערעווע־געטאָן אין אַ געבויגענעם קרייז און טאָרמאַזירט פאַר חיים־איטשען מיט די קאַזשידלאָס.

אַ באַוואָפנטער זעלנער האָט פון איינגעשטילטן מאָטאָציקל אַ וואָרף־געטאָן מיט ווערטער: גוטע מענטשן, ווהין פירט דער וועג אין ציגעלניע?

חיים־איטשעס אויגן האָבן זיך אויפגעריסן גרויסע, גרעסער. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן לויפן האַסטיק. און ווי האַמערס אויף גאָלדענע טאַצן האָבן זיי מיט דערוואַכטער פרייד אויסגעקלונגען: י—אָ—ס—ק—ע—!

יאַן האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און געגאַפט מיט דעם בלויזן קאָפּ צו דער אויסטערלישער באַגעגעניש פון חיים־איטשען מיט זיין זון, דעם רויטאַרמעישן קריגס־מאַן. דער אַלטער טאַטע האָט באַנומען די הייליקייט פון מאָמענט. ער איז געשטאַנען אויף די קניען און געפליסטערט פון שגעון.

יאָסקע, דער סערזשאַנט פון אַרטילעריע, באַלוינט מיט אָרדנס פון העלדישקייט קעגן שונא, איז געשטאַנען דערשיטערט פאר זיין געראַטעוועטן טאַטן מיט דעם שניי־ווייסן קאָפּ.

די פּאָר מינוטן, וואָס דער קריגס־מאַן האָט געהאַלטן אין זיינע אָרעמס דעם איינגעבראָכענעם טאַטן, האָט ער דורכגעלעבט די אַלע יאָרן פון פייערדיקן קריג קעגן העסלעכן שונא, דעם חורבן איבער מענטשן און שטעט. — דאָס ביסטו, טאַטע מיינער? — האָט ער אים געדריקט צום ברוסט, וואָס האָט זיך געפּאַליעט פון דערשיטערונג. — און ווו איז די מאַמע? — האָט די האַנט נישט אויפגעהערט ציטעריק אים צו גלעטן.

טרערן האָבן זיך געשפּאַרט פון חיים־איטשעס אויגן; טרערן פאַר אַ קינד, וואָס האָט דורכגעקרייצט אין פייער אַזאַ ווייטן מהלך, זיך צו זען מיט טאַטע־מאַמע. — דיין מאַמע? זעסט, מיין זון, פון ווייטן דעם וואַלד? הינטער דעם וואַלד, ווו עס לויפן־דורך די באַן־רעלסן, האָבן די בלוטיקע רוצחים פאַרברענט דיין שיינע מאַמע מיט נאָך הונדערטער טויזנטער מאַמעס, טאַטעס און קינדער.

חיים־איטשע האָט דערציילט פאַרן זון זיינע שרעקלעכע איבערלעבונגען, ווי

אַזוי ער האָט זיך גערעטעוועט פון „טרעבלינקע", זיך אויסבאַהאַלטן אַ גאַנצן יאָר ביי די קאַזשידלאָס אין דאָרף אינעם קאַרטאָפל־גרוב.

יאָסקעס אויגן האָבן געטרויערט פון הינטער דעם געפּאַנצערטן העלם. דאָס מויל, די גאָמבע, איינגעשנורט אין רימען, האָבן אויסגעדריקט אַזויפיל עקשנות און כוח. — יעדע רגע, — זאָגט ער צום טאַטן, — נעמט ער נקמה אין דער פּאַנ־שיסטישער שלאַנג. ער האָט געצילט גוט דעם קאַנאָן און געטראָפן אין זייערע מנובלדיקע נעסטן. צוויי מאָל איז ער פאַרוואונדעט געוועזן. די גרעסטע סכנה האָט אויף אים געלויערט, אָבער דאָס פייער פון נקמה האָט אים דערהאַלטן ביים לעבן אַט דאָס דאָזיקע פייער וועט פאַרברענען דעם לעצטן נעסט זייערן.

די קאַזשידלאָס זענען אַוועק אין דאָרף. חיים־איטשע האָט פאַרזיכערט יאַנען, אַז ער וועט זיך אומקערן מיטן זון צו זיי אין דאָרף. יאָסקע איז אָנגעשטאַנען אין טאַטן, ער זאָל אים ווייזן דעם וועג צום פאַרשאָלטענעם טויטן־אָרט „טרעב־לינקע".

חיים־איטשע האָט זיך אַוועקגעזעצט הינטער יאָסקען אויפן מאָטאָציקל. די נאָענטקייט פון זונס ברייטע פּלייצעס, באַוואָפנט מיט געווער און רימענס, האָט אים געוואַרעמט אין האַרצן. עס האָט זיי ביידע ווידער באַהאַפטן אין אַ זעלישן בונד, אַ בונד, וואָס פלאַמט צו נקמה.

דער מאָטאָציקל האָט זיך געטראָגן איבערן שאָסיי מיט שווינדלדיקן אימפּעט. יאַן האָט זיך אַלעמאָל אויסגעדרייט און זיי נאָכגעקוקט, ביז זיי זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן פאַר זיינע אויגן אין האָריזאָנט.

דער מאָטאָציקל האט מיט בליץ זיך געוויקלט, ווי אַ פייער־באַנד, איבער פעלדער און שטעגן און חיים־איטשע האָט אַלעמאָל מיט אַ געהעכערטער שטימע צוגעוואָרפן אין זונס אויערן ציטעריקע רייד פון אַ פאָטערס ווייטיקלעך האַרץ, צער פון פאַרלאָרענע קינדער. ער האָט פייגעלעך שוין מער נישט געזען! יאָסקע האָט אַ פינקל־געטאָן מיטן פּראָפיל צום טאַטן און אַריבערגעשריגן דעם לויפנדיקן געפילדער: — ווער עס האָט פאַרמאָגט פייער אין האַרצן, און אַ לעבעדיקע האַנט, וואַרפט זיך מיט געווער אויפן שונא! עקיבא איז זיכער אַ סאָלדאַט אין ענגלישן מיליטער! עס זענען מקויים געוואָרן די רייד פון נביא, — האָט חיים־איטשע ווי געערדט צו זיך: — „און עס וועלן לעבן בלייבן צוויי פון אַ משפחה־שטאָם, און איינער פון אַ שטאָט". יאָסקע האָט אָנגעיאָגט דעם מאָטאָציקל צום וואַלד און אויסגעשריגן צום טאַטן: — מיר שרייבן איצט אַ נייעם תנ"ך פאַר דער וועלט... מיר וועלן פול־מאַכן די ערד מיט לעבן!

זיי זענען געפלויגן און אַרומגעקרייזט אין זיגזאַגן דיביימער, ביז עס האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט אַן אָפענע לאַנקע. דער מאָטאָציקל האָט איבערגעהאַקט די באַן־רעלסן. חיים־איטשע האָט געהייסן דעם זון פאָרן לאַנגזאַמער. די פעלדער

פון „טרעבלינקע״ האָבן זיך צעשפּרייט פאַר די אויגן, נידעריקע, פאַראַקערטע. חיים־איטשע מיט יאָסקען זענען אַרונטער פון די געזעסן און געבליבן שטיין מיט דייליקן ציטער. געבויגן די קעפּ פאַר די מיליאָנען דערשטיקטע אָטעמס, וואָס האָבן געהויערט צווישן די ביי־אַרויסגעשפּראָצטע גראָזן. דאָס אַש פון דער ערד האָט געבליצט קעגן דער זון, ווי מיליאָנען לעבעדיקע אויגן, וואָס שילטן מיט ווייסטע קללות. פאַר חיים־איטשען האָבן אַ שווינדל־געטאָן די וואַך־טורעמס און גאַז־קאַמערן, וואָס פלעגן פאַרשלינגען אין זיך מחנות מענטשן. —

לאַנגע מינוטן איז געשטאַנען דער שלאַכטמאַן מיטן זיין טאַטן, דעם מאַן מיט דעם שניי־ווייסן קאָפּ, און איינגעאָטעמט אין זיך די יסורימדיקע אַנגסטן פון אַן אויסגייענדיקן פאָלק. זיי האָבן דערהערט דער מאַמעס רוף פון דער ערד: גייט, נעמט נקמה!

1945

אין קלעם

.1

אויף צו מאָרגנס, נאָך אַ נאַכט פון שאַקאַלן־געיאָמער, פון די זאַמדיקע מדבריות, האָט פראַנצישעק פּאָפּיעל זיך אַרויסגעקליבן פון געצעלט אין באַגי־נענדיקן דרויסן. די פּאָר טעג, וואָס ער געפינט זיך דאָ אין פּוילישן לאַגער, זינט מ'האָט זיי עוואַקואירט פון פּערסיע, זעט ער זיך נאָר, ווי געפאַנגען צווישן די ברעזענטענע געצעלטן, אָנגעצויגענע אויף שטריק. מיט יעדן טראָט פילט ער אונטער די פיס געבאָרגטן באָדן. די געריכטן, וואָס ער זעט־קט מיט זיי דעם הונגעריקן מאָגן, זענען אויסגעבאָרגט פון פרעמדע קעסלען. זיינע אויגן פון אונטער די שפּיציקע ברעמען האָבן זיך געצונדן אין גרינע פלאַמען: ער האָט דערקענט צווישן פּוילישע זעלנער יידישע פּרצופים, און מיט רוגזה האָט ער געזאָטן שימף־ווערטער אין דער שטעכיקער וואַנצע.

די זון האָט אָנגעהויבן ברענען הייסער און ציגדן די בלויע הימלען — און פּאָפּיעלן האָט עס געצויגן אין נאָענטן טאָל, מיינענדיק, אַז דאָרט וועט ער דער־פרישט ווערן פון אָנגעפלויגענע ווינטן. די הויכע טייטל־ביימער זענען געשטאַנען פאַרגליווערט אין זוניקער חמימה און געצייכנט צו די בלויע הימלען האַלב־רונדע גרינע בויגנס. אין טאָל האָט זיך פאַר פּאָפּיעלן אַנטפּלעקט גאָר אַ נייע וועלט. מ'האָט דאָרט געלייגט אַ שאָסיי. האַלב־נאַקעטע אָפּגעברענטע יונגען זענען

געזעסן איבער קופּעס שטיינער, און געשפּאָלטן שטיין אויף חלקים. אַ וואַלץ־מאַשין מיט אַ שווער־בייכיקן ראָד האָט אַלעמאָל אויפגעלעבט מיט אַ פּייף און זיך צעלאָזט מיט אַ האַלדיי־ראַלדיי איבער די געפּלאַסטערטע שפּיציקע שטיינער. פּאַפּיעלן האָט אָנגעהויבן שטיקן די לופט, דערזעענדיק אַ קעסל־מאַשין אויף רעדער קאָכן סמאָלע. פון קוימען האָט געקנוילט און געגאָרגלט שוואַרצער רויך.

— מאַרכעבאַ, יאַ־עפענדי! — האָט אים אַן אַראַבער אין ווייסע תחתונים באַגריסט, טראָגנדיק אַ קאָרב זשוויר אונטערן אָרעם. פּאַפּיעל האָט געכמורעט די ברייזע ברעמען און נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט, דערפילנדיק, ווי דער אַראַבער פאַרקוקט אים מיט דער בעלמע אויפן אויג ביז אונטערן לעבער.

אַן אָפּגעברענטער יונג, ווי אַ שטיק קופּער, האָט אַריבערגעשריגן פון אַ קופּע שטיינער: יאַ סעלאַמי, „פּאַניע פּלוטאַנאָווי״!

האַמערס האָבן געקלאַפּט דעם שטיין צום טאַקט, און ווערטער זענען מיט־געפלויגן:

— פּינפּטע עליה!
— יציאת פּוילן!
— פּולע זשמעניעס סערטיפיקאַטן!
— אַך און ווי צו מיין טאַטן!

אַ יונג האָט צום שטיין־געקלאַפּ אַריינגעפלאָכטן:

— „זבודויען דאַלעי, זבודויען וויענצעי — זבודויען פּיענטראַ דאָ סטאָ טישענצעי!״

פּאַפּיעל האָט דערפילט, ווי די ערד בריט אים אונטער די פיס. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן און אַ צעקאָכטער געצוימען שפּרייזן באַרג־אַרויף.

די וואַלץ־מאַשין האָט נאָכגעשיקט אַ שפּיציקן פייף. דער ווידערקול האָט זיך צעטראָגן אַ צעפּערטלטער אין וויטן אַרום.

מער איז ער שוין נישט געגאַנגען אויסקוקן די געגנט, און ער האָט נישט אויפגעהערט צו וואָרטשען אין דער שטעכיקער וואָנצע, שיקנדיק אַלעמען צום טייוול.

פּאַפּיעלן האָט מען גערופן אין ביוראָ אויספילן אַ רעגיסטראַציע־בויגן.

אין קלימפּער פון שרייב־מאַשינקעס, ווו פלאַקס־האָריקע זעלנערקעס מיט פּאַריסענע נעזלעך האָבן פלייסיק געאַרבעט — האָט פּאַפּיעל זיך דערקליבן צום קאַפּיטאַן מיט די פאַרשפּיצטע לאַנגע וואָנצעס. אויף דער ברעזענטענער וואַנט ביים טישל העגגט דער פוילישער ווייסער אָדלער אויף אַ רויטן הינטערגרונט. די ווייסע פליגל האָבן דערגרייכט דעם קאַפּיטאַנס אַקסלען, וואָס האָבן געצוקט ביים פאַרשרייבן פּאַפּיעלס ענטפערס.

געהאַט האָט ער צו דערציילן זייער פיל: ער האָט געקעמפט קעגן די רויטענער

אין מזרח־גאַליציע, קעגן די באָלשעוויקעס אין פּאָלעסיע. פאַר יעדן פאַרכאַפּטן שטח — אַ בענדל אויפן אַקסל. ער האָט באַרייכערט דעם מלוכה־אוצר — געווען „אוזשענדניק״ אין שטייער־אַמט.

דער קאַפּיטאַן האָט אים דערלאַנגט צו חתמענען דעם רעגיסטראַציע־בויגן. פּאַפּיעל האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט אויסגעפּלאַכטן אויפן פּאַפּיר זיין נאָמען אַריינאָטעמענדיק דעם בראָנפן־ריח, וואָס האָט געשלאָגן פון קאַפּיטאַנס מויל.

אין אַ שיינעם טאָג האָט ער זיך דערזען מיט נאָך אַ סך באַיאָרטע זעלנער, מיט אָנגעדראָלענע נישט צופרידענע פּנימער. זיי האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט פאַר אַ געצעלט — ווו אינעווייניק האָט מען איינציקווייז אַריינגעלאָזט צו אַ מע־דיצינישע אונטערזוכונג. ווען פּאַפּיעל האָט זיך אַריינגעקליבן אינעווייניק האָבן אים די דאָקטוירים זיך געהייסן אויסטאָן. ער איז געבליבן שטיין מיט אַ באַוואַק־סענער ברוסט, ווי אַן אָפּגעשונדענער פויגל, די נאָז האָט געפרייכט און זיך גע־בלאָזן פון אייגענעם שווייס. אַ דאָקטער מיט גומענע רערלעך אין די אויערן האָט געפּירט אַ קאַלט שטיקל מעטאַל איבערן שווייסיקן לייב. ער האָט אים געהייסן אַריינאָטעמען, אַרויסאָטעמען, אויסגעהערט דאָס האַרץ. פּאַפּיעלן האָט גערעגט דער פלייש־יקער קנאָפּ אויפן דאָקטערס הויך־נאַקעטן שאַרבן. עס האָט אים אַ טאַרע־געטאַן אין מוח, אַז דער־אַ דאָקטער מיטן לעמבערגער אַקצענט מוז אַוודאי זיין אַ ייד? דאָס האַרץ האָט ביי אים אָנגעהויבן האַסטיקער קלאַפּן. דאָס שטיקל מעטאַל האָט פעסטער געדריקט, איבערגעשפּרונגען פון איין האַרץ־ווינקל צום צווייטן. אַ צווייטער דאָקטער האָט אים מיט אַ העמערל געקלאַפּט איבער די קני, צוגעשטעלט אַן אַפּאַראַטל אין די אויערן. ער האָט זיך דערנאָך אַרויסגעקליבן פון געצעלט אויסגעמאַטערט און אויסגעפּאַרעט, ווי פון אַ מרחץ.

פּאַפּיעל האָט אויף צומאָרגנס געקריגן אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט, ער זאָל דאָס צושטעלן דעם פּוילישן קאָמענדאַנט אין תל־אָביב. ער איז באַפרייט פון מיליטער־דינסט, און קען פירן אַ ציווילן לעבן, ווי אַלע אַנטלאָפענע פּוילישע ברידער אויף אויסגעבאָרגטע פּענסיעס פון זיין פּוילישן מלוכה־אוצר.

2

דער אויטאָבוס פון „דרום־יהודה״ האָט זיך געיאָגט איבערן שוואַרץ־אַספּאַל־טענעם שאָסיי קיין תל־אָביב. פון ביידע זייטן זענען געלאָפן פעלדער און מאַ־ראַנצן־סעדער האָבן זיך געדרייט, ווי גרינע לעבעדיקע פעכערס. עס זענען פאַר־ביי־געלאָפן יידישע קאָלאָניעס, מיט פיין־געבויטע הייזקעס. פּאַפּיעלס פאַרלאָפענע אויגן פון אונטער די שפּיציקע ברעמען האָבן געקוקט אין דרויסן־אַרויס, נישט געוואָלט זיך צוזאַמענטרעפן מיטן ציווילן יידישן עולם, וואָס האָט פול געמאַכט

אַלע פּלעצער אין אויטאָבוס. לעבן אים איז מיטגעפּאָרן אַ פּוילישע זעלנערקע מיט אַ הויכן בוזים און פאַרריסן נעזל. פּאַפּיעלן האָט עס צוגעגעבן אַביסל האַפּט צו זיין פאַרלאָרנקייט. אָט די זעלנערקע איז שוין עטלעכע מאָל געווען דינסטלעך אין תל־אביב, זי וועט אים שוין צוהעלפן אָנצוקומען אויפן ריכטיקן אַדרעס. פּאַפּיעל האָט זיך געכאַפּט, אַז דער אויטאָבוס יאָגט שוין איבער גאַסן, פון ביידע זייטן הייזער מיט מאַגאַזינען. נאָך אַביסל זענען זיי שוין אַריינגעפאָרן אין דער צענטראַלער אויטאָבוסן־סטאַציע, ווו עס האָט געשווירבלט און געווימלט מיט אַ ים מענטשן און זעלנער אין פאַרשידענע אוניפאָרמען און לשונות. אַלע האָבן זיך געאיילט אויף זייערע וועגן און צילן.

פּאַפּיעל האָט זיך געלאָזט מיט זיין באַגלייטערין דורך רוישיקע גאַסן צו געפינען זיך אַ ציל אין נייעם אָרט לעבן.

נאָכדעם, ווי ער האָט דורכגעפירט די אינסטרוקציעס ביי די פּוילישע קאָ־מענדאַנטן, איז ער אַריין וווינען אין אַ צימער, ווו דאָרט האָט שוין געהויזט אַ פּוילישער פּליט, אַ געוועזענער מאַטראָז, וועלכן מ׳האָט אין אַ שיפס־עקספּלאָזיע אַרויסגעראַטעוועט פון די וואַסערן אַ האַלב־טויטן — איז ער שוין געבליבן טויב אויפן געהער — און במילא האָט ער מיט פּאַפּיעלן אַ סך זיך נישט געקענט אויסטענהן, און דאָס, וואָס פּאַפּיעל האָט מיט אים גערעדט, האָט יענער אים נישט פאַרשטאַנען און געבעבעט נישט צו דער זאַך. פונדעסטוועגן האָט ער טויבערהייט אים געפירט איבער די גאַסן. מיט דער צוגעפּלאָטשעטער נאָז און שיקלדיקע אויגן האָט ער דערשמעקט דעם פּוילישן רעסטאָראַן, ווו אייגענע מענטשן האָבן געגעסן צו דער זעט מיטאָגן. פּאַפּיעל האָט גענומען פאַר ליב דעם טויבן שכן. — דערפאַר האָט ער שוין נישט געמאַכט שלום מיטן צימער, און געפילט אַרום זיך פאַרשטיקטע לופט: מחמת דעם, וואָס זיין באַלעבאָס איז נישט קיין קאַטאָליק, נאָר אַ ייד, רינדפלייש, מיט אַ ברוינער בכבודיקער באָרד און איז אַ שותף צו דער פירמע פון טעקסטיל־שטאָפן „הירשנזאָן את רינדפלייש". און נאָך אַן אָנשיקעניש האָט ער אויף זיין קאָפּ: תמיד ווען ער באַווייזט זיך אויף די טרעפּ, הויבנדיק זיך צו זיין צימער, באַפאַלט אים אַ ווייס־וואָלענער הינטל, וואָס קומט אָנגעפלויגן פון אַן אויבערשטן שטאָק מיט אַ בילעריי און רייסעריי, פונקט ווי אַ גאַנצע כאַפּטע הינט וואָלטן זיך אויף אים געוואָרפן און אויסגעשריגן פאַר דער גאַנצער וועלט וועגן דער שנאה, וואָס ער טראָגט אויסבאַהאַלטן פאַר די יידישע שכנים.

וואַנדערט ער דעריבער איבער די לאַנגע זוניקע גאַסן און זעטיקט זיך אָן מיט די שרייענדיקע שוי־פענצטער, וואָס זענען אָנגעפּראָפּט מיט כל־הגוטס. די שילדן מיט די ריזיקע העברעישע אותיות דערמאָנען אים יעדער רגע, אַז ער געפינט זיך דורכאויס צווישן יידן. אים איז ליבער צו פאַרברענגען ביים ברעג

ים. — דאָרט, מיינט ער, האָבן די יידן נישט קיין שליטה. בלויער ים יאָגט די כוואַליעס שורותוויז, און עס שוימט־אויף ביים ברעג מיט געברום און רעש. זיינע אויגן זענען אָנגעשפּיזט אין ים־ווייטקייט, אָפּטמאָל דוכט זיך אים, אַז ער שווימט אַוועק צום האָריזאָנט פון הימל — אָט פון יענער זייט וועט ער דער־גרייכן זיין לאַנד. זיין ווייב און קינדער וואַרטן אים אָפּ. ער גיט זיך אַ טרייסל פון דער איינגעבילדעטער אילוזיע — הינטער אים אויף די טראָטואַרן שטראָמען אַהין און צוריק מאַסן מענטשן. און ים ברומט און רעשט מיט אויפגעקאָכטן שוים.

דער יידישער שבת מיט די פּאַרקלאָפּטע געשעפטן ווייעט אויף אים אָן אַ טאָפּלטן אומרו. אין צימער פילט ער זיך, ווי אין אַ תפיסה. זיין שכן, דער טויבער מאַטראַז, איז נישט מיד צו ליגן ביים ברעג ים און איינאָטעמען די געזאַלצענע ים־ריחות, און יענעם דוכט זיך אַלץ, אַז ער הערט דעם געברום פון לויפנדיקע כוואַליעס. פּאָפּיעלן ווערגט די לופט אין צימער, ער ווערט אויפגעפרעסן פון עלנטקייט, און דער ריח פון „זשידאָווסקי קוגעל" פאַרסמט זיין פּויליש־אָנגעדראָלענע נאָז.

דער באַלעבאָס, רינדפלייש, פּראַוועט איצט מיט זיין הויזגעזינט די שבת־דיקע סעודה. די געריכטן ווערן בהרחבה באַגלייט מיט קלינגענדיקע זמירות. די גענאַנגען שפּאַרן דורך די ווענט, מאַכן פול דעם קאָרידאָר — און דאָס דרינגט אַריין צו פּאָפּיעלן אין די אויערן. רינדפליישס פולע באַריטאָן־שטימע רימפּלט אים אויף די נערוון, ווי אַ קאָנטראַ־באַס. די דינע אַלט־שטימעלעך פון רינד־פליישס יינגלעך צעלעכערן אים די אויערן. פאַר כעס פאַרשליסט ער מיט אַ טראַסק די טיר, און לאָזט זיך אַ צעקאָכטער אַראָפּ פון די טרעפּ, אונטער דער באַגלייטונג פון הינטלס עזותדיקע בילערייען.

איינמאָל אַ שבת, ווען ער האָט אַ צעשרויפטער זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ, וואַרטשענדיק אין דער וואַנצע אַריין, האָט אַנטקעגן אים אויף די שטיגן זיך געהויבן דער שותף הירשנזאָן מיט זיין ווייב סלאָווע. דאָס קומען זיי אָפּ־געבן רינדפליישן דעם שבתדיקן וויזיט ביי קרישטאָלענע סערוויזן מיט כיבוד, און פאַר איינוועגס אַ נאַש־טאָן פון אַביסל פּאָליטיק און דברי־חול.

הירשנזאָן, אַ נידעריק געפּאַקט יידל מיט אַן אויסגעקראָכן בערדל פון צופיל מסחרן, האָט אין מיטן פון זיין הויבן זיך אויף די שטיגן געבליבן שטיין לעבן זיין ווייב צעטומלט, פונקט ווי דער טרעפּ וואָלט זיך אַ וואַקל־געטאָן אונטער זיינע פיס, אָדער אַ תהום וואָלט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן.

פון בלויז אָנקוקנדיק זיך אין די צעשראָקענע אויגן, האָט שוין זיין ווייב סלאָווע, אויסגעפּיטערט אין יום־טובדיקע שטאָפן, פאַרשטאַנען, אַז מיט איר מאַן איז דאָ מסתמא עפּעס געשען.

— דו ווייסט, סלאָווע, — איז הירשנזאָן געקומען צום לשון, — זאָל איך קיין ליגן נישט זאָגן, עפּעס דער־אָ, וואָס האָט זיך דורכגעשלייכט פאַר אונז, איז מיר שטאַרק באַקאַנט.

— וואָס פאַלט דיר איין ? — האָט זי פאַרטריבן דעם מאָגנס שרעק, און אַ קאַלטער שאַרך איז איר אַדורך איבערן לייב.

זיי זענען פאַרסאַפּעטע אַריינגעפאַלן צום שותף אין די צימערן און מיט אומגעדולד און שטאַמלעניש האָבן זיי זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם פאַרשוין, וואָס איז אָקאָרשט אַרויסגעפאַלן מיט אַ צעקלונגענעם געפּילדער פון דעם צימער.

רינדפלייש, אין אַ יאַרמולקעלע אויפן שפּיץ קאָפּ, האָט זיך געגעבן אַ בכבודיקן גלעט אויף דער ברוינער באָרד — ס׳זאָל הייסן : עט, מ׳דאַרף זיך נישט אָפּעסן שטאַרק די לעבער. אָט דער־אָ מאַן איז זיינער אַ שכן, אַ גלות־גוי, מארץ־פּוילן.

דערהערנדיק די לעצטע ווערטער האָט הירשנזאָן זיך געגעבן מיט ביידע הענט אַזאַ קלאַפּ אין די שענקלען, ווי ער וואָלט פון זיך פאַרלאָרן דעם גרעסטן קאַפּיטאַל.

— זיין נאָמען איז אפשר „פּאָפּיעל״ ? — האָבן הירשנזאָנס אויגן געשפּרונגען פאַר אומגעדולד.

— איז זענט דאָך עפּעס אַ טרעפער, אַ וואָרזאָגער — איז דער שותף אויפ־געלעבט געוואָרן. — ער הייסט טאַקע פּאָפּיעל און ער ליגט מיר שוין געזונט אין די ביינער.

— אוי, איך האַלט עס נישט אויס, סלאָווע, — האָט הירשנזאָן זיך ווידער אַ קלאַפּ־געטאָן אין די שענקלען. — דאָס איז דאָך אונזער מלאך־המות !

זיין ווייב, סלאָווע, האָט געקריגן קאַלירן אין די באַקן, די אויערן־לעפּלעך האָבן זיך געצונדן אין רויט. פאַר גרויס איבערראַשונג האָט זי געבראָכן די פינגער און געהאַט תרעומות צום שותף — צוליב דעם־אָ גוי זענען מיר דאָך אַנטלאָפן קיין ארץ־ישראל. ער האָט דאָך אונדז בדיל־הדל געשטעלט, דער רוצח.

— האָווא, האָווא, — האָט הירשנזאָן נישט געקענט קומען צו זיך, — גיי וויים, אַז דער „אומגליק״ וועט זיך מיר נאָך באַווייזן פאַרן פּנים !

וואָס מער הירשנזאָן איז אַרויס פון די כלים צוליב דעם שותפס שכן, דעם גוי — אַלץ מער צוריקגעהאַלטן איז רינדפלייש געווען. ער האָט בכבודיק זיך געגלעט אין דער ברוינער באָרד, און אויפגעוויזן זיין שותף באותות ומופתים, אַז דער „מלאך־המות״ איז גראָד פאַר אים געווען דער מלאך המשיח. נישט אַלע יידן האָבן געקענט געבן דעם ריכטיקן טייטש אויף די קללות פון בלעמס אייזל — דאָס זענען דאָך פאַר אונדז, אַרויסגעראַטעוועטע יידן, אין ישראלס לאַנד, געווען ווי אמתע ברכות.

אַז פּאָפּיעל איז אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ אויף דער אָנגעהייצטער גאַס, האָט ער זיך געלאָזט צום ים קילן דעם כעס. דאָרט האָט ער זיך געטראָפן, ווי אַלעמאָל, מיט זיין שכן, דעם טויבן מאַטראָז. און געטראָפן האָט ער זיך מיט נאָך אַ פּוילישן פּליט מיט אַ פולן בויך. אָט דער פּליט איז דווקא אַן אָפּטימיסט, ווייל ער האָט מיט זיך דאָ אין לאַנד זיין פרוי מיט צוויי קינדער — און מעסט די צייט לויטן באַראָמעטער פון זיין הויזן־פּאַסעק. — געווען צייטן — זאָגט ער צו פּאָפּיעלן, מיט דער אָנגעדראָלענער נאָז אויף דער וואָנצע — אין טעהעראַן האָב איך פאַרצויגן דעם פּאַסעק אָט־דאָ־אָ — האָט ער זיך אָנגעוויזן אויפן בויך — און איצט, באַגודזשענקי, ער האָט שוין אַרויסגעלאָזט אַלע לעכלעך פון פּאַסעק. די קינדער גייען אין אַ פּוילישער שול און דאָס ווייב קאָכט אים וווּנדערלעכע מיטאָגן.

די רייד פון פאַן זאַרעמבסקי, דעם נייעם פריינט, האָבן אַריינגעבראַכט ווייניק פרייד אין פּאָפּיעלס צעפּרעסענעם געמיט. דער טויבער מאַטראָז האָט געשיקלט די אויגן, ווי שפּרינגענדיקע פליגן, אויף ביידנס פּנימער, נישט וויסנ־דיק מיט וועמען ער זאָל מסכים זיין. האָט זאַרעמבסקי געפונען אַ ווילע עצה. ער האָט איינגעלאַדן די קאָלעגן אויף אַ קעלישעקל בראָנפן — דאָס שווענקט אַרונטער דעם אומעט פון פּנים, ביי די זשידקעס קריגט מען אַליך, וואָס מען וויל!

זאַלבעדריט האָבן זיי זיך צוגעזעצט ביי אַ טישל אין אַ נאָענטער שענק. אַ קעלנערין אין אַ ווייס־בלאַנקענדיקן פאַרטוך און רויט־פייערדיקע ליפּעלעך האָט מיט אַ זינגעוודיקן פּויליש צוגעטראָגן די געסט דעם געטראַנק. עס האָבן אָפּגע־קלאַפּט גלעזלעך — און דריי מיילער האָבן אַראָפּגעלאָזט די האַרבע משקה אין די גאָרגלען.

פּאָפּיעל האָט געווישט די וואָנצע און די אויגן פון אונטער די בעזים־ברעמען האָבן אַרויסגעלאַנצט מיט גרינעם צאָרן. דערפאַר האָט ער געהייסן דערלאַנגען נאָך אַ דריי קעלישעקלעך מיט בראָנפן. די פיס זענען אים שוין געשטאַנען אַביסל העכער פון דער פּאָדלאָגע, און אין קאָפּ איז אַזוי לויז געוואָרן — און די צונג באַלעבאַטעוועט ברייטלעך, ער שווערט זיך פאַר די פריינט מיט דער האַנט אויף דער ברוסט, אַז ביי זיך אין שטאָט איז ער אַ „יאַסני ויעלמאָזשני״ געווען, געריסן פון די זשידקעס פאַסן פאַרן מלוכה־אוצר. זאַרעמבסקי האָט געפּרייכט מיטן בויך און געווישט דעם פּליך אויפן קאָפּ. ער האָט איבערצייגט די קאָלעגן, אַז אין פּוילן האָט ער געהאַט פון אַלדאָס־גוטס, און זיין ווייב איז אים אַ טרייע ווירטן געווען. דער טויבער מאַטראָז האָט געפּויקט מיט די פינגער אין טישל, אין וואָרט האָט זיך ביי אים נישט געקלעפּט צום אַנדערן. ער האָט געשיקלט די אויגן צו דער וואַנט־מאַפּע. די צעשטעלטע פענדלעך האָבן געוויזן, ווי די פאַרבינדעטע אַרמייען רינגלען־אַרום דעם שונא — און גייען פאָרויס. אים

האָט געצויגן צום בלויען ים־פּלעק אויף דער מאַפּע — אָט פון דאָרט פלעגט ער זיך לאָזן מיט שיפן אויף די וואַסערן. עס האָט אים אויסגעדוכט, אַז ער הערט דעם געררויש פון לויפנדיקע כוואַליעס.

פּאָפּיעל האָט זיך דערקליבן מיט צעשרויפטע פיס צו דער וואַנט. זיינע אויגן האָבן זיך געפּלאָנטערט איבערן נעץ אויף דער מאַפּע. איבער שווינדלדיקע באַגנען און טייכן. — וואָס זוכסטו, שכן? — האָט ער געקלאַפּט דעם טויבן מאַט־ראַז איבער דער פּליצע. — דיינע שיפן אויף די ימען? האַ־האַ! — האָט זאַ־רעמבסקי געדעכעט מיטן בויך. — די רויטע אַרמיי שפּרינגט פאָרויס! פּאָפּיעל האָט נאָכגעקוקט מיט אַ בייז אויג אויף די רויטע פענדלעך מיטן „סערפּ און האַמער" — זיי רינגלען־אַרום זיין פּוילישע ערד. אָט האָבן זיי שוין באַלד ווידער דערגרייכט זיין שטאָט. ער האָט נישט אויפגעהערט צו וואָרטשען שימף־ווערטער — און נאָכגעקוקט מיט אַ קרומען אויג דעם קליינעם מרחק פונעם רויטן פענדל מיטן „סערפּ און האַמער" ביז זיין שטאָט.

אין שענק־הויז איז פּאָפּיעל געוואָרן אַן אָפּטער גאַסט. די קעלישעקלעך בראָנפן, וואָס די קעלנערין אין ווייס־בלאַנקעדיקן פאַרטוך האָט אים קאָקעטיש צוגעטראָגן, איז פאַר אים געווען, ווי אַ באַלזאַם צום נישט־איינגעשטילטן כעס, וואָס ער האָט געטראָגן צו די יידן. פון אונטער די בעזים־ברעמען האָבן די אויגן געפּרייעט, ווי גרינע סאַזשעלקעס. און אין צימער ביי זיך האָט ער זיך אויך איינגעשאַפּט אַזאַ פּלעשעלע משקה, און איטלעכס מאָל, ווען ער האָט זיך אויפ־געהערגט פון די יידישע שכנים מיט די שבתדיקע זמירות, פלעגט ער אַריינכאַפּן מיט רוגזה דאָס פלעשל אין מויל און אַריינבולבען אין האַלדז דעם האַרבן געטראַנק.

3.

דער צוג האָט זיך געיאָגט דורך די בערג פון יהודה קיין ירושלים. די וואַגאָנעס זענען געווען געפּאַקט מיט פּוילישע מענער און פרויען, אייגענע מענטשן, קאַטאָליקן. פּאָפּיעל און זאַרעמבסקי האָבן פאַרגאַפּט אַרויסגעקוקט צו די מעכטיקע בערג, וואָס האָבן זיך געדרייט שטיינערנע, גרוי־נאַקעטע. פּאָפּיעל האָט אין וואַגאָן זיך געפילט וווּנדערלעך גוט, וואָס ער איז ווייט פון יידן. ער האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר זיין פולבייכיקן פריינט, זאַרעמבסקי. ער האָט געהאַט תרעומות צום שכן, דעם טויבן מאַטראַז, וואָס יענער איז נישט־מיטגעפאָרן מיט זיי אינאיינעם. ער באַנוגנט זיך אָפּצועסן אַ זאַטן מיטאָג, און עס אַרט אים נישט, וואָס די יידן האָבן פאַרכאַפּט תל־אָביב, און דער קאַטאָליק

האָט דאָך דאָ קיין לופט נישט צו עטעמען. פּאָפּיעל ווייסט גאָרנישט, ווי אַפּצו־דאַנקען זאַרעמבסקין, וואָס צוליב אים טראָגט זיי איצט דער צוג צו די אַפּאָסטאָלן, צום הייליקן קבר פון יעזוסן. דער צוג דרייט זיך ווי אַ שלאַנג ביים באַרג־רוקן. די רעלסן קריצן און שרייען פון ר׳עדער־דרוק. און דאָ קומען קאָפּויער הענגענדיקע באַרג־סקאַלעס, וואָס דערגרייכן די וואַגאָן־פענצטער און טראַגן־אָן אַ פינצטערניש אין פּאָפּיעלס אויגן. באַלד לויפט ווידער דער צוג פאַר אַן אָפּגרונט, און אַנטקעגן וויקלען זיך בערג, הויך, ריזעדיק אָן אַ סוף.

ענ‌ד־לעך האָט דער צוג דערגרייכט ירושלים. די מחנה פּוילישע מענטשן האָבן זיך געלאָזט מיט זייערע וועגווייזערס איבער קלויסטערס און מאָנאַסטירן. אויף די וועגן האָבן פּאָפּיעל און זאַרעמבסקי געזען דורכשלייכן לאַנגבערדיקע מאָנאַכן מיט הויכע שקאָרמיצן אויף די קעפּ און פאַרלייגטע גרעקן אויף הינטן. קאַפּוצינער אין יאַרמולקעס, אין ברוינע לאַנג־פאַרגאַרטלטע סוטאַנעס מיט באָרוועסע פיס אין סאַנדאַלן. די צלמים האָבן זיך געבאַמבלט אין גאַנג. עס האָבן דורכגעשוועבט פראַנציסקאַנער גלחים מיט ברייט־ראַנדיקע היט און שוואַרץ־פלאַטערנדיקע קאַפּאָטעס. פּאָפּיעל האָט אַ טאָרע געטאָן זאַרעמבסקען, וואָס האט געדעכעט מיטן פולן בויך, ער זאָל אָנקוקן די אויסטערלישע מאָנאַכן אין שוואַרצע קאַפּושאָנען איבער די אויגן, וואָס האָבן געבראָדזשעט פון דער זייט. פון אַלע זייטן וואַקסן־אויס אין פּאָפּיעלס אויגן קלויסטערס און מאָנאַסטירן, קלויסטער־טורעמס מיט צלמים קלינגען און רופן צו תפילות. פון די ווינקלען שלייכן זיך אַרויס איינגעשלייערטע מאָנאַשקעס מיט זילבערנע צלמים אויפן ברוסט, מיט ווייס־פאַרלייגטע קאָפּ־טיכער איבער די פרומע פּנימער.

פּאָפּיעל איז געגאַנגען מיט דער מחנה פּילגרימען דורך טונקעלע ליקן, וואָס זענען באַהאַנגען געווען פון ביידע זייטן מיט זאָטלען, טראָלדן און פאַרביקע געשפּאַנען פאַר אייזלען. זיי האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט טרעפּ אַראָפּ אין שמאָלע דורכגענג מיט געשטעלן פון פּאַטשערקעס, קרעלן און קרוציפיקסן. דער ריח פון געבראָטענעם שעפּסן־פלייש האָט געדעמפּט אין טונקעלן חלל, ווי מען וואָלט פון דערוויטן געברענגט קרבנות אויף פאַרצייטיקע מזבחות. זיי האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט מיט טונקעלע טרעפּ נאָך נידעריקער צום יסורים־געסל — פון דאָרט האָט געפירט דער וועג צום יעזוס־קלויסטער. די מאָנאַכן האָבן זיך אַרויסגעשלייכט פון טונקעלע ווינקלען, ווי שאָטנס, און זענען צוריק פאַרשווונדן געוואָרן אין די ווענט־שפּאַלטן, וואָס זענען באַלויכטן געוואָרן מיט אַן אומהיימלעכן ליכט. זאַרעמבסקי האָט געפּרייכט אַרום פּאָפּיעלן, ווען זיי האָבן מיט אַ שטילן פאָרכטיקן אָטעם זיך אַרונטערגעלאָזט אין אַ מערה. זיי האָבן געקניט און זיך געצלמט. אַריבער די ברענענדיקע אייל־לאָמפּאַדעס, האָט מען פון דער ערד געזען אַרויספינצטערן לעכער — די טריט פון יעזוסעס פיס, און נאָך

פאַרשלייערטע צייכנס, וואָס האָבן אויסגעזען אין אַלעמענס פאַרוווּנדערטע אויגן, געטלעך און פאַרהוילן.

אויף צו מאָרגנס האָבן אויטאָבוסן מיט אַראַבישע שאָפערן אין רויטע פעסקעס געפירט די פילגרימען קיין בית־לחם און נצרת. פּאַפּיעל און זאַרעמבסקי זענען אומגעדולדיק געווען, זיי האָבן שוין געוואָלט אָנקוקן דעם הייליקן אָרט, וווּ ס'איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון פאַן־בוג יעזוס, זען די פעלדער ווו ער האָט געפּיטערט די שאָף, באַטרעטן דעם הייליקן באַרג, פונוואַנען ער איז אַרויף אין הימל.

אַז זיי זענען געפאָרן צוריק פון די אַלע הייליקע מאָנאַסטירן איז פּאַפּיעל געווען צערודערט פון דעם, וואָס ער האָט געזען. עס האָבן אים געמאַטערט פּיינ־לעכע רעיונות און ער האָט זיך אַראָפּגערעדט פאַר זאַרעמבסקען. — אָט פאַרוואָס האָבן די יודאָשן געפירט יעזוסן צום קרייץ? פּאַפּיעל האָט איצט דערפילט פאַר־וואָס ער ליידט נישט די זשידעס. עס האָט אים נישט צורו געלאָזט דער געדאַנק, וואָס קריסטוס שטאַמט פון זיינע יידישע ברידער. זאַרעמבסקי האָט אים געטרייסט. אַז דאָס איז לייִדער אַ ביטערער אמת, און מערערע מאָל ווילן מיר דעם „אמת״ פאַרוואַנדלען אין אַ ליגן. — זענען דאָך די יידן האַלבע קריסטן? — האָט פּאַפּיעל אַריינגעוואָרטשעט אין דער וואָנצע. — און מיר קריסטן, ווידער, — האָט זאַ־רעמבסקי זיך געווישט דעם פּליך — זענען האַלבע יידן, עס פליסט אין אונדז דאָס בלוט פון געקרייציקטן יעזוס.

פּאַפּיעלן האָט אויסגעדוכט, אַז עס ציט אים צוריק אין דער יידישער תל־אָביב, צו זיינע האַלבע ברידער, און אפשר בעגקט ער נאָך זיין שכן, דעם טויבן מאַטראָז, וואָס ער האָט נישט געוואָלט מיטפאָרן מיטן אויספלוג?

4.

שנעל איז אויסגעוועבט געוואָרן פון פּאַפּיעלן די קדושה, וואָס איז איינ־געזאַפּט געוואָרן ביים אים אויפן אויספלוג איבער קריסטוסעס הייליקע ערטער. ער האָט געוואַנדערט איבער די יידישע טומלדיקע גאַסן, און דער געדאַנק, אַז ער איז אַ האַלבער ייד, האָט אים נישט אויפגעהערט צו מאַטערן. אָט ווינט ער צווישן די פאַרהאַוועטע יידן, הערט זייער לשון, פלעגט עס אים פאַרטרייבן אין די שענק־הייזער, פאַרלעשן דעם כעס מיט באַרוישנדיקן אַלקאָהאָל. און אויף די גאַסן איז ער געוואָרן מער תקיף, געשפּאַנט מיט זיכערע טריט, פונקט, ווי ער וואָלט געהאַט אַ חלק אין האַנדל פון די פול־געפּאַקטע מאַגאַזינען. פון מויל האָט אים געזעצט דער בראַנפן און נישט אויפגעהערט צו וואָרטשען אין דעם טומל פון מענטשן, אַז ער האָט עס אַהערגעשיקט די יידן פון זיין פוילן. פאַר זיין געלט

אויסגעבויט הייזער, פּאַלאַצן, פאַר זיין געלט, צו אלדי רוחות! — ער פלעגט זיך אָפּשטעלן פאַר די רייכע שויפענצטער, און אין זיין בגלופנדיקן מוח האָבן זיך דורכגעוואָרפן חשבונות, וויפל שטייערן וואָלט אַזאַ געשעפט געקענט אַריינ־טראָגן אין פוילישן מלוכה־אוצר? זיין האַרבאַטע אַנגעדראָלענע נאָז האט נאָכ־געקוקט מיט אייפער די געשעפטן און שילדן. — און עס האָט זיך אים אויס־געדוכט, אַז ער איז דער שטייער־מאַנער אין זיין פויליש־יידישער שטאָט.

פּאָפּיעל איז געזעסן אין שענק־הויז פאַר שוימיקע קופליעס ביר. אין גע־דרענג פון אָפּגעבערענטע זעלנער און פּאַרטויבנדיקע קאַפּעליעס פון קוויטשנדיקע דזשאַזן, איז דער מוח געגאַנגען אויף רעדער. די סאַקסאָפאָנען האָבן געוויזן משונהדיקע שטיק: געוואָיעט ווי קעץ, געהאַלדערט ווי אינדיקעס. די קאַסטאַנעטן האָבן געקלאַפּט אַהער־אַהין, אַהין־אַהער, און פּאָפּיעל האָט געוואָרטשעט אין דער וואָנצע: פוילן־פּאַלעסטינע, פּאַלעסטינע־פוילן.

איינמאָל אַ פרימאָרגן, ווען פּאָפּיעל איז אַרונטערגעגאַנגען פון די טרעפּ אויף דער גאַס, האָט ער געטראָפן די מאַגאַזינען שבתדיק געשלאָסן. די דורכ־שפּאַצירנדיקע רואיקע מענטשן אויף די גאַסן האָבן אויף אים ארויפגעווייעט אַן אומרו. אין די אַלייען האָט ער זיך געטראָפן מיטן פאַן זאַרעמבסקי. יענער האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז היינט איז ביי די יידן „באָווי־ראַק". וואָס מער פּאָפּיעל האָט געוואָלט אויסמיידן די יום־טובדיקע מענטשן, אַלץ מער האָבן זיי אַרויסגעשטראָמט פון אַלע ווינקלען. פאַר כעס זענען אים די אויגן פאַרלאָפן מיט פאַרע. — ער וועט זיך אַוועקשטעלן אין מיטן גאַנג און נישט לאָזן קיינעם דורכ־גייך, די פאַרשאָלטענע!

ער איז גראָד אַרויסגעקומען אויף דער אַלענבי־גאַס פאַר דער גרויער שול מיטן יאַרמולקע־דאַך. עס האָט געווימלט מיט יידן אויף די טראָטואַרן. יונגעלייט מיט פלאַטערנדיקע טליתימלעך אויף די אַקסלען האָבן מיט יום־טובדיקע זוניקע פנימער געפירט וויכוחים אונטער צעוואָקסענע גרינעביימער. פּאָפּיעל האָט זיך אויסגעדרייט צוריק, ווי אַ פאַרסמטער. מיט זייטיקע גאַסן האָט ער זיך געלאָזט צום ים.

דער ים האָט אים געמאַכט פאַרגעסן פון דער שטאָט, פון די מענטשן. די כוואַליעס זענען אלעמאָל אָנגעלאָפן און זיך צעגאָסן מיט קלינגענדיקן שוים פאַר זיינע פיס. יפו האָט פון וויטן זיך געטורעמט און געשניטן מיט אַ קלין אין בלויען ים. ער איז אַרויף אויף אַ בעטאָנענעם צונג — אַ כוואַליע־ברעכער. ים האָט געברומט מיט לויפנדיקע כוואַליעס. ער וואָלט אַזוי אַוועקגעשווומען אין ימישער וויטקייט, ער וועט דערגרייכן זיין פוילן? ער איז אַ לאַנגע צייט גע־שטאַנען אויפן בעטאָנענעם צונג, פאַרשפּילט אין דער מוזיק פון ים און גאָרנישט

באַמערקט, אַז הינטער׳ן אים, פון די געסלעך אַרויס, האָבן זיך אַרויסגעשאָטן מחנות ייִדן צום ים.

פאַר די בלויע וואַסערן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער שורה ייִדן און ייִדענעס. עס האָבן זיך געשאָקלט מיט די אָפענע מחזורים אין די הענט חסידים מיט פוטערנע שטריימלעך אויף די קעפּ, די בערד יומטובדיק צעקאַמט, ווי ביי צאַרסקע גענערעלער. אַטלעסענע פּלייצעס האָבן זיך געשאָקלט און געבליצט מיט שטיקער זון. ייִדענעס מיט אַראָפּגערוקטע שייטלען אויף די שטערנס האָבן פאַר די וואַסערן געזאָגט „תשליך" און געבעטן מחילה.

לעבן פּאָפּיעלן אויפן בעטאָנענעם צונג האָבן זיך פאַרקליבן עטלעכע ייִדענעס. די געקנייטשטע באָבעשע פּנימער, באַצירט מיט ברוין־געקאַרבטע שייטלען, האָבן מיט פאַרכטיקע העוויות געפּרעפּלט תחינות, די אויעריינגלעך האָבן גע־באַמבלט און געציטערט. זיי האָבן איבערגעקערט די קעשענעס פון די זיידענע זשופּעצעס און אַריינגעוואָרפן נישט־געשטויגנס אין ים אַריין. —

פּאָפּיעלן האָט געבריט אונטער די פיס, ער האָט אָוועקגעשפּאַנט ווייטער איבערן בעטאָנענעם צונג, די וואַסערן האָבן אָנגעהויבן שווענקען זיינע טריט, פאַר כעס האָט ער געוואָלט אַריינשפּרינגען אין די וואַסערן און אַוועקשווימען אין דער וויט. ער האָט געוואָרטשעט אין דער וואָנצע: דעם ים האָבן זיי, צום טייוול, אויך פאַרכאַפּט!

נאָך דעם ייִדישן יום־טוב האָט פּאָפּיעל ממש זיך צעקריגט מיטן טויבן מאַטראָז, זיין שכן, און זאַרעמבסקען — מחמת דעם, וואָס זיי אַרט נישט, וואָס די ייִדן געוועלטיקן דאָ פראַנק און פריי, און זענען גראָד צופרידן פון די ייִדישע פּאַראַנדקעס. פּאָפּיעל האָט זיך אַראָפּגערעדט דאָס האַרץ פאַרן פלעשעלע מיט בראָנפן. ער האָט געזעטיקט דעם בייזן מאָגן מיטן האַרבן אַלקאָהאָל.

אין אַ קאַטוילישן חגא־טאָג האָט פּאָפּיעל געזויפט מער ווי אַלעמאָל. ער איז אַרויסגעקומען פון אַ שענק־הויז אַ פאַרשניאַקעטער, צעשרויפט פון גרילצנ־דיקע ז׳זשאַזן. דער מוח איז פאַרטויבט און אַרונטערגעלאָזט. די פיס שוועבן אין דער לופטן און גייען נישט אויף דער ערד. האָט ער זיך געפּלאָנטערט איבער די גאַסן און געוואָרטשעט נישט־געשטויגענע רייד אויף די דורכגייער. — האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ האַנדלס־גאַס, און געמיינט רק, אַז ער גייט צוריק, האָט עס אים שטאַרק פאַרדראָסן און געשטעלט אַ זעלנערישן טראָט אויף פאָרויס. און שטעלנדיק אַזוי פיס האָט ער אַדורכגעשפּאַנט גראָד פאַרן מאַגאַזין פון טעקסטיל־שטאָפן „הירשנזאָן את רינדפליש".

רינדפליש, מיט דער בכבודיקער ברוינער באָרד און יאַרמולקעלע אויפן שפּיץ קאָפּ, האָט גלייך באַמערקט דורך דער אָפענער טיר זיין פּוילישן שכן, האָט ער געלאָזן, נישט געאיילט, געוואָלט פאַר זיין שותף איבערגעבן דאָס, וואָס די

אויגן האָבן געזען. אָבער דער שותּף הירשנזאָן איז מיט אַ פּראַל און שפּרונג שוין געווען אויף דער גאַס. מיט אויפגעהויבענע הענט האָט ער מקבּל־פּנים־געווען דעם פאַרשניאַקעטן פּאָפּיעלן: האַ, שאַנאָוואַניע, וועמען זע איך דאָ, דער פּאַן פּאָפּיעל? און עס האָט געהייסן בערך: אַ שיינע ריינע כּפּרה, מלאך־המות מיינער!

פּאָפּיעל איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין. די פאַרלאָפענע אויגן האָבן זיך גע־גליטשט אויף דעם נידעריק־געפּאַקטן הירשנזאָן מיטן אויסגעקראָכענעם בערדל.

— דאָס יידל איז אים דאָך באַקאַנט, צו אַלדי רוחות, זיינער אַ בעל־חוב, ניין? — זיינע שטרויכלענדיקע פיס האָבן נישט געמאַכט קיין שהיות און אַריינגעשטעלט אַ משונהדיקן טראָט אין געשעפט אַריין. נאָך אים האָט נאָכגעטענצלט דער צע־שרויפטער הירשנזאָן, נישט אויפהערנדיק צו פּאַטאַקעווען: אוי־ווײ, איך האַלט עס נישט אויס, מיין סלאָווע זאָל עס וויסן?

רינגדפליייש האָט מיט תּרעומות זיך אַ גלעט געטאָן אין דער בכבודיקער ברוינער באָרד און געהאַט טענות צום שותּף, הלמאַי ער האָט אַריינגעפירט דעם ערל אין געשעפט. ער האָט אים ווייניק ביי זיך אין דערהיים?

הירשנזאָנס אויגן האָבן געשפּרונגען אויף פּאָפּיעלן, אויפן שותּף, זיי האָבן גערעדט: זע, מלאך־המות, יידן לעבן־אויף אויף זייער אייגן לאַנד.

פּאָפּיעל האָט געפלאַכטן די פיס אויף איין אָרט. אין מוח האָבן זיך גע־פלאָנטערט נישט־געשטויגענע געדאַנקען, ער האָט נישט געקענט כאַפּן, ווו ער איז דאָ: אין פּוילן, אין פּאַלעסטינע? די אויגן, ווי גרינע שפּילקעס, האָבן דורכ־געשטאָכן די ברעמען, אָנגעשפּיליעט זיך אין דעם יידן מיט דער ברוינער באָרד, און אויף הירשנזאָנען, וואָס האָט געפלאָטערט אַרום אים מיט שאָדן־פרייד. פאַר די אויגן האָבן אים געשווינדלט פּאַליצעס מיט שטאָפן. די פּאָדלאָגע האָט גע־שטרויכלט און געהויבן די פיס הינטערווײלעכץ. אַ וואַנט מיט פּאַליצעס איז אים אַנטקעגנגעקומען, אָפּגעקלאַפּט די צעפּאָרענע עלנבויגנס. — אַ שטיק שטאָף האָט זיך פאַרפלאָנטערט און מיט אַ קלאַפּ אַראָפּגעפאַלן פאַר די פיס. אין קאָפּ האָט אים געקאָכט. ער האָט גענומען שלעפּן דעם שטאָף און געזעוועט מיט אַ גאַוועדיק מויל: גיטס צינזן, פּאַסקאַזשעס!

רינגדפליישן איז געוואָרן קאַלט אונטער דער באָרד, צוזעענדיק, וואָס דאָ קומט־פאָר. איידער ער האָט באַוויזן זיך אַרויסצוקלייבן פון הינטערן טאָמבאַנק, איז זיין שותּף, ווי אַ קוועקזילבער אַרויסגעפלויגן אויף דער גאַס און מיט באַ־נומענע קולות געשריגן: ש־ו־ט־ר! ש־ו־ט־ר!

פּלאַמען

.1

דאָס פרידלעכע אַרבעטער־דאָרף תל־יצחק האָט מיטאַמאָל דערפילט די בשורה פון אַ נאָענטן געוויטער. דאָרף האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי אַ געהיימער שפּרוך איז די בשורה געפלויגן, אָנגעשטעקט אַלע דערפער — דעם גאַנצן טאָל יזרעאל. אויף די בערג האָבן זיך באַוויזן אַראַבער אויף פערד, די קעפיעס אויף די קעפּ האָבן געפלאַטערט אין ווינט, ווי ווייסע פענער. זייערע גרויסע אויגן האָבן זיך געשאַרפט, געצונדן קנאָה אויף די צעבליטע פעלדער און ביימער, אויף די ליכטיקע געביידעס און וואַסער־טורעמס. זיי האָבן געביילט פויסטן און געוואָרפן וויסטע קללות.

מאָניע האָט זיך געטראָגן אויף דער גניאַדער שקאַפּע דורך די צייטיקע תבואָה־פעלדער צום נאָענטן שכנותדיקן דאָרף. ער האָט זיך געטראָגן איבערצוגעבן אַ וויכטיקע שליחות פון קאָלעקטיוו. די בלאָנדע קוטשמעס האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך געהויבן אין גאַלאָפּ. די שקאַפּע איז געפלויגן, צעטרייבנדיק אַרום זיך וואָלקנס שטויב. דאָס האַרץ האָט פאָרויסגעזאָגט נישט פריילעכס, אומרואיקס — פון יענעם דאָרף דאַרף ער נאָך אָפּקערעווען צו דער באַן־סטאַנציע, ווו גיטעלע וועט אָנקומען מיט איר טאַטן פון פּאַרט.

ער האָט מיט די קניען אָנגעדריקט אין בויך פון דער שקאַפּע, זי זאָל זיך האַסטיקער צעלאָזן אין גאַלאָפּ. מיט צעפלאַטערטע נאָזלעכער האט מאָניע

געוואַלט דערגרייכן די ווייטקייט,ער האָט שוין געוואָלט זיין ביי דער באַן, אָנקוקן דעם „שווער" זיינעם מיט גיטעלען.

אויף די פעלדער און גערטנער איז די אַרבעט געווען געלאָדן מיט אומרו. די זון האָט אין דעם זומער געברענט מיט טאָפּלטער חמימה, געשפּיגן מיט שטיקער פייער. די ווינטן, וואָס פלעגן תמיד אָנפליען פון די בערג, זענען דאָס מאָל פאַרשלונגען געוואָרן אין די לאָווע־אינגעווײדן. חברה האָבן אַהינגעשיקט זייערע דורשטיקע הייסע אויגן צו די בערג — זייערע הערצער האָבן זיך געוואָלט באַגעגענען, ווי פריינט מיט יענע בערג־שכנים, אַראַבער־שבטים, וועלכע זענען פון דער העלער הויט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שונאים.

נאָך דער אַרבעט האָט דער אויסגעהאָרעוועטער עולם זיך פאַרקליבן צום שאַסיי. וואָס פירט אַהין צו דער באַן־סטאַנציע. — דער קיבוץ איז געגאַנגען אויף רעדער:

גיטעלע, די ליטוואַטשקע, איז שוין עטלעכע טעג אין חיפה. זי ברענגט אַראָפּ דעם טאַטן פון דער ווייטער ליטע — וועט עס זיי מאַניע איצטער ברענגען פון דער באַן־סטאַנציע. דער עולם האָט זיך דערוויל געווערטלט:

—מ'וועט מוזן ברייטער מאַכן דעם בית־המדרש.

— נאָך אַ תהלים־זאָגער — האָט אַן אומצופרידענער אַ בורטשע געטאָן.

— לאָמיר שוין אָנקוקן מאַניעס „שווער"!

בערקע, דער פאַרקשנטער שוויגער, מיט די ווילד־פאַרלאָזטע האָר אויפן קאָפּ, ווי אַן אוקראַינישער פּאָפּ, האָט נישט אויפגעהערט צו קנעטן מיט די פינגער די שפּיין־גאָמבע מיט דעם טיפן פינצטערן גריבעלע. פון טונקעלן טרויער אין די אויגן, פון יעדן קנייטש אויפן פאַרבאַקענעם פּנים האָט אַרויסגעשריגן: אַן אומזיסטער פרעסער...

בערקעס טיפע אויגן האָבן אָוועקגעקוקט ערגעץ צום תהום פון זיין אייגענעם „איך"—פון דאָרט האָבן צו אים אַרויסגעקוקט גיטעלעס וואַרעמע בלויע אויגן—אויגן, וואָס דוכט זיך: אָט קוקן זיי דיך אָן און זעען דיך נישט — האָבן עפּעס אין זינען אַ צווייטן. אירע פיין־געצייכנטע ברעמען איבער די אויגן, באַוועגן און בערגלען זיך אין פרעג־צייכנס און ווייסן נישט צו געבן אַ באַשייד.

בערקע איז בכוונה געווען צווישן דער מחנה אָפּוואַרטערס — זאָל מען אויף אים נישט מיינען, אַז ער לעבט דורך אַ טראַגעדיע. זיין פאַרבאַקן טונקל פּנים, די טיפע טרויעריקע אויגן האָבן סיי־ווי אויסגעדריקט די פאַרשטיינערטקייט פון אַ מצבה: היגטער דעם ווייס מען נישט, צי דער מת שמייכלט, אָדער וויינט...

— האָ, האָ, חברה, מען פאָרט!

אין עולם האָט זיך די שמחה פאַרשטאַרקט. מ'האָט געהויבן הענט מיט התפעלותדיקן האָ, האָ!

פון האריזאַנט האָט זיך אַלץ בולטער דערנענטערט צו זיי דאָס פערד און וואָגן, באַלייגט מיט פעק און טשעמאָדאַנעס. ביי דער זייט פון וואָגן איז מאַניע זיגעריש געריטן אויף דער שקאַפּע. בערקע האָט אַזוי בולט דערפילט, אַז וואָס נענטער גיטעלע קומט צו אים אַנטקעגן מיט איר טאַטן — אַלץ ווייטער פליט זי גראָד אוועק פון אים. ער וועט זי שוין קיינמאָל מער נישט דערגרייכן, קיינמאָל.

מאַניע איז מיט קוראַזש אַריינגעריטן אין דער מחנה. די שקאַפּע, אַ צעפּאַ־רעטע, האָט געפּאַרסקעט מיט די ראָזע נאָזלעכער, ווי זי וואָלט שטאָלץ געווען: אָט, מיר קומט דער פאַרדינטער כבוד! חברה האָבן מיט געפּילדער זיך געשטופּט צום וואָגן, אָפּצושטעקן „שלום". גיטעלע איז געשטאַנען אַ צעהיצטע איבער די פעק און געפּאַכעט מיט די הענט: שלום, חברה, שלום!

בערקע האָט מער דאָ נישט געקענט פאַרבלייבן. אים איז קלאָר: ער האָט גיטעלעס טאַטן נישט געגעבן קיין „שלום". הינטערווייַלעכץ האָט ער זיך אַוועק־געדרייט פון דער טומלדיקער מחנה. פאַרעקשנט, אַנגעכמורעט האָט ער זיך געשלייכט צווישן צייטיקע ווייצן, פאַרטרונקען די ביטערע גאַל צווישן דופּטיקע זאַנגען.

די ברענענדיקע סיון־זון האָט אָנגעהויבן זיך צו פאַרשטעקן הינטער די גראָע פּיאַלעטע בערג. אין קיבוץ־הויף איז האָפּערדיק פריילעך. חברה רינגלען אַרום דעם איינגעפּאַרענעם גאַסט, וואָס איז אָקאָרשט נאָר־וואָס אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן. ער איז אַ זשוואַווע פאַררויטיקט מענטשל מיט אַ צוגעשפּיצט גראָ בערדל, מעשה פריץ. אַלץ, וואָס ער טראָגט אויף זיך גיט צו וויסן, אַז ער איז נישט אַבי־יואָס — אָנגעהויבן פון מאָדנעם האַלב־יידיש, האַלב־פּריצישן קאַשקעט אויפן קאָפּ — ביז די כראָמאָווע געקנייטשטע שטיוועלעך אויף די פיס.

דעם ערשטן איינדרוק האָט גיטעלעס טאַטע געהאַט, ווי ער וואָלט אַריינגע־פאַלן אין אַ לאַגער פון אָפּגעבערענטע געזונטע זעלנער. ביי אַלעמען נאַקעט אָפּגע־ברענטע פיס, קורצע כאַקי־הייזלעך. פון די פאַרבאַקענע פנימער האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון קאָרן־ברויט, פון פריש־געמאַלקענער מילך.

מאַניע, אַז ער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דער שקאַפּע און אָנגעפּאַטשט איר צערטלעך איבערן האַלדז — האָט נישט געוווסט, וואָס פריער אָנצוהייבן: זאָל ער העלפן אַראָפּנעמען די פעק פון וואָגן, אָדער גאָר אננעמען פאַר אַ האַנט זיין נייעם „שווער" — וואָס ער האָט נאָך מיט אים קיין צוויי ווערטער נישט אויסגערעדט — און ווייזן אים דאָס האָב און גוטס פון קיבוץ. און דאָ ווידער פאַליעט נאָך ביי אים דאָס האַרץ פון ראַשיקן רייטן, און דער פאַרגעפּיל איז נישט פריילעך און אומרואיק. ער האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן פון די אַרומיקע פאַרשלייערטע בערג.

— וואָס שטייסטו, מאָניע ? — האָט גיטעלע זיך צו אים דערקליבן פּלוצים מיט תרעומות. — שוין אויסגעגעבן די קינדער אין נחת ?

זי האָט זיך דורכגעשטופּט מיט דער זעלבער האָפעררדיקייט צום טאַטן און אָנגענומען אים פאַר דער האַנט: קום, טאַטע, ביזט מיד, דאַרפסט זיך אָפּרוען פון שווערן וועג.

— ווייס־איך־וואָס, מיד — האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פון אירע הענט — ווען איך דערמאָן זיך, טאָכטער־לעבן, וואָסערע מאַרשן איך פלעג מאַכן אַמאָל ביי פאָניען, איז מיין איצטיקע רייזע צו דיר געגליכן צו אַ סמעק טאַבאַקע.

גיטעלעס טאַטע האָט קענטיק שטאַרק אויסגענומען ביים פאַרזאַמלטן עולם, וואָס איז געקומען אָנקוקן אויף חידושים דעם נייעם אורח אין די כראָמאָווע גע־קנייטשטע שטיוועלעך און מאָדנעם קאַשקעט אויפן קאָפּ. מ׳האָט אָפּגעפּסקנט: אַ נישקשהדיק יידל, אַ פריילעכס.

אַ חבר מיט אַ היפּש פאַרוואַקסן יעזוס־בערדל און פרום־וואָסערדיקע אויגן פרעגט אים: וואָס הערט מען עפּעס אין דער ליטע ?

— מע סלאָגט יידן, — האָט גיטעלעס טאַטע קורץ אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַ שנעלן גלעט זיך אין בערדל, — און אַווו איז דען יע גוט אַחינו בני ישראל ? אין דער גאַנצער וועלט סלאָגט מען יידן.

דער, מיט דעם יעזוס־בערדל האָט אַ קאַרב־געטאָן דעם אָפּגעברענטן שטערן: אין אונדזער לאַנד וועלן מיר זיך נישט לאָזן קריכן אויפן קאָפּ. — דאָ קענען מיר אויך שלאָגן.

—וואָט־טעביע־נאָ — האָט דער אַלטער אויפגעלעבט. — אָט־דאָס זאָג איך דאָך: גיט אונדז כלי־זיין, וועט איר זען... בשעת איך האָב געדינט ביי פאָניען אין די סיבירער טאַיגעס האָב איך זיי געגעבן צו סמעקן פולווער אָט די יאַפּאָנצעס.

— טאַטע, איצט איז נישט די צייט אויף די מעשיות, — האָט גיטעלע אַ אַ פאַרפּאָרעטע זיך ווידער צו אים דערקליבן. זי האָט באַפרייט דעם טאַטן פון די נייגעריקע חברים און זיך געלאָזט מיט אים צו זיך אַהיים.

גיטעלעס טאַטן האָט געלאָקט דער הויף מיט די ליכטיקע הייזקעס. זיי האָבן צו אים געשיקט גרוסן באָענט־היימישע. עס האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן געזונטע יונגען מיט צעפּאַטלטע שויבערס אין די אויגן, מיידן צעוואַקסענע אין קורצע שאַראָוואַרן, אַנדערע האָבן געטראָגן אויף די אַקסלען פריידיקע קינדער, און יעדער איינער שיקט זיי אַנטקעגן אַ ליכטיקן שמייכל: מיט גליק, גיטעלע, מיט גליק!

און דאָרף איז שוין איינגעהילט געווען אין נאַכט־פינצטערניש. די בערג האָבן נאָך פינצטערער געלויערט מיט גבורה. דער אַרבעטער־עולם איז אויסגעזעצט פאַר די קיבוצישע הייזער. זיי רעדן און סודען זיך פון פאַרגאַנגענע טעג, פון אָנ־קומענדיקע טעג מיט סודותדיקן ציטער.

ביי גיטעלען אין צימער האָלט מען אין איין אַריינגיין און אַרויסגיין. — איר טאַטע איז שוין מיד פון די סאַך געסט, וואָס זענען געקומען אים אָנקוקן — דעם ליטווישן פריצל מיטן גאָלן קאָפּ. די צונג פלאָנטערט זיך ווי ביי אַ שיכור, און עס ווינקט צו אים אַ זויבער אויפגעבעט בעטל — אַט שוין אַריינצוואַרפן זיך אַהין.

גיטעלע האָט זיך פאַר אים באַוויזן אין קורץ־איבערגעטאָנע שאַראַוואַרן. דער טאַטע קוקט אויף איר דורך אַ פאַרזשמורעט אויגל: דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זעט ער זי אַזאַ־אָ! און אַז מאַניע איז אַריינגעקומען אים זאָגן „שלום", האָט ער אים פאַרהאַלטן — וואָס איז די איילעניש? דער צוג אַנטלויפט דאָך נאָך נישט!

— ער האָט בדעה זיך אויסצושמועסן מיט מאַניען.

מאַניע קווענקלט זיך און טוישט די פיס: מען דאַרף גיין אויף „שמירה".

— אַזוי גאָר? — האָט דער טאַטע אַ פיר־געטאָן די האַנט איבער גאָלן קאָפּ. — קומען צו אייך גנבים?

— אַמאָל נאָך ערגער פון „גנבים", — פאַרריכט גיטעלע.

אַז ער איז געבליבן איינער אַליין אין ריינעם געלעגער, האָט דער שלאָף קיין שליטה נישט געהאַט אויף אים. אין מוח האָבן אויפגעבליצט געדאַנקען און ספקות, ער זוכט אַ באַשייד אויף אַ סאַך זאַכן, וואָס ער האָט שוין דאָ געזען און געהערט.

זיין טאַכטער גיטעלע איז שוין נישט די אייגענע, ווי פון אַמאָל. אַט זעט ער זי אַזאַ צעוואַקסענע און זוניק־פאַרברענטע. אַט אַקאָרשט איז זי דאָך אַ קינד געווען — און האָט שוין אַ מאַן. די נאַכט האָט פונאַנדערגעוויקלט פאַר אים בילדער לאַנג פאַרגעסענע. איין שעה האָט געיאָגט די צווייטע.

אָט איז פישל זיידלער, דער געוועזענער „שרייבער" פון די ליטווישע גרויסע וועלדער, פאַרטראָגן געוואָרן אַזש אַהער אויף די פעלדער פון יזרעאל. דאָרט אין ליטע איז זיין פרוי געשטאָרבן. זיינע צוויי קינדער זענען אַוועק וואַנדערן אין דער גרויסער וועלט. די ליטווישע פויערים האָבן שיטערער געמאַכט די וועלדער. דאָס געהילץ האָט זיידלער טראַנספּאָרטירט איבערן ניעמאַן, שטראָם־אַרונטער צו די באַרזשעס פון ימישן ברעג. ער איז געבליבן דאָס ציינגל איבער דער וואָגשאָל פון זיינע צוויי קינדער: פון איין זייט זיין זון אין אַמעריקע, פון דער אַנדערער זייט די טאָכטער פון קיבוץ אין ארץ־ישראל. — נו, האָט גיטעלע איבערגעוויגן.

די נאַכט האָט זיך געצויגן נישט אַריבערצוטראָגן. פון ערגעץ אַ ווינקל האָט אַ גריל כסדר געגרילצט, געטאַטשעט די פינצטערניש. עס האָט זיך אים אויס־געדוכט, ווי פון דער ווייט וואָלט אָפּגעקנאַלט אַ ביקסן־שאָס. ער האָט זיך גע־דרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, נישט געקענט זיך צוגעווינען צום

רעווען פון די קי אין די נאָענטע שטאַלן. רעכט באַגינען, אין כאַר פון הענער־געקריי, איז ער שווער איינגעשלאָפן. דאָס צימער איז פול געוואָרן מיט אַ פאַרביסן געדיכטן כראָפּען.

2.

אויף־צו־מאָרגנס, ווען די זון איז הויך געשטאַנען אין הימל, האָט גיטעלעס טאַטע האַסטיק זיך אויפגעריסן פון שלאָף. ער האָט זיך דערזען איינער אַליין אין צימער.

אַ־וואַ, אַ־וואַ — האָט ער זיך געריבן די פאַרשלאָפענע אויגן. הערסט אַ מעשה?

ער האָט נישט געזען גיטעלען, נישט מאַניען. די ארבעט האָט זיי אַלעמען פאַרשלונגען. אים האָט געצויגן צום זוניקן דרויסן, וווּ עס האָט וויברירט און אָפּגעשלאָגן מיט פאַרשידענע ווידערקולות. הונדערטער מענטשלעכע הענט האָבן ריטמיש זיך געפלאָכטן אין דער בשותּפותדיקער קאָפּעליע איבער פעלדער און וועגן פון קיבוץ תּל־יצחק.

דורכן הויף האָט פישל זיידלער זיך געלאָזט גיין צו די שטייגן פון עופות — גיטעלעס אַרבעט דאָרט היינט. אַ גרייז־גראָער ייד מיט אַ רייך־געדיכטער „גראַף־טאָלסטאָי״־באָרד איז אים אַנטקעגנגעקומען מיט אַ ברייטן „שלום־עליכם״.

— עס וועט ווערן פרייליכער ביי אונדז אין מנין — האָט דער אַלטער, אַ צופרידענער איבערגעלייגט דעם געשוואָלענעם טלית־זאַק פון איין אָרעם אין אַנדערן. — מ׳האָט שוין געשמועסט... אַ נייער אָנגעקומען נעכטן, איאָ?

— אַ נייער אָנגעקומען — וואָסי־דען?

— עס פעלט אונז אַ „לוי״.

— איז טאַקע סלעכט, — האָט זיידלער אויף גיך אַ וויש־געגעבן דאָס צוגעשפּיצטע בערדל.

— „ישׂראלים״ פעלט אונדז נישט, ברוך־השם!

— אויב אַזוי, סאַלאַם אייך — האָט זיידלער פלינק זיך אָוועקגערוקט פונעם ייִדן מיט דער „טאָלסטאָי־באָרד״.

— נעמט נישט פאַר אומגוט... האָט אים דער אַלטער נאָכגעשטאַמלט מיט אַ ציטערנדיקער באָרד. רעב ייִד, ווי רופט מען אייך... כ׳מיין...

זיידלער האָט זיך פון אים דערווייטערט מיט האַסטיקע טריט.

— וואָט־טעביע־נאַ — האָט ער געמורמלט. — גיי, וויקל זיך אין טליתים...

ער איז אַריינגעפאַלן אין געמויערטן עופות־שטייג אַ צעצאָרנטער, פאָכנדיק פון זיך מיטן קאַשקעט די טוכלע געדעמפטע לופט. דערזעענדיק גיטעלען שטיין

צווישן אַ מחנה מילך־ווייסע עופות, אין דעם כאַר פון אַ געדיכטער קוואַקעריי — איז ער צו זיך געקומען און אויפגעלעבט געוואָרן.

— אַט־דאָס געפעלט מיר, הוראַ, גיטעלע!

— וואָסי, טאַטע, שלום, האָסט געטראָפן צו מיר?

— אַ שיינע מעשה, איך זאָל נישט טרעפן?

— דו זעסט דאָך אויס, ווי אַ גענעראַל צווישן סאָלדאַטן, — האָט ער אַ בליק געטאָן אויף דער אַרמיי ווייסע עופות מיט די רויטע טשעפּקעס.

גיטעלע מיט דער גראַבליע אין האַנט האָט זיך שטאַרק געפילט פאַרשולדיקט, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט דעם טאַטן, שוין דעם ערשטן טאָג, אויף גאָטס באַראַט — און געגעבן אים איידל צו פאַרשטיין, אַז דאָ איז יעדער איינער — נאַטירלעך אַחוץ די באַיאָרטע עלטערן — איינגעשפּאַנט אין דער אַלגעמיינער דישציפּלין פון אַרבעט.

אויסהערנדיק אירע רייד, האָט זיידלער פאַרזשמורעט אַן אויגל, אַרויפגעקוקט מביניש צו אַ כאָפּטע הינער אויף אַ שטאַנג און געקלערט וועגן זיך, אַז ער איז נאָך, נישט צו פאַרזינדיקן, נישט אַזאַ סטראַפּצע, ער איז נאָך בכוח צו ווערן דאָ אַ גלייכער שותף צום געשעפט. און צו גיטעלען האָט ער אַזוי געזאָגט:

— ווערדליק איך זע, האָסטו אַ טעות אין חשבון, מיינסט אוודאַי, איך וועל זיצן דאָ, ווי יענע זקנים, בטלנים און קוועטשן די באַנק?

גיטעלע האָט אָנגעשטעלט אויפן טאַטן אירע בלאָע וואַרעמע אויגן, נישט געמאַכט זיך פאַרשטיין, וואָס ער רעדט. אירע פיין־געצייכנטע ברעמען האָבן זיך באַוועגט און געבערגלט אין פרעג־צייכנס.

— יאָ, טאַכטער־לעבן — האָט ער אַנטשלאָסן איר צוגעוואָרפן — „פישל זיידלער" איז נאָך ביי די כוחות.

אַז דער טאַטע רעדט נישט קיין פוסטע רייד — האָט גיטעלע זיך איצט איבערצייגט אין עטלעכע טעג אַרום, ווען זי האָט אים דערזען, שוין אין אַ ווייסער לייוונטענער בלוזע אַריבערגעלאָזט איבער די הויזן, אויפן קאָפּ אַ גרויסן שטרויענעם הוט, וואָס מאַניע האָט אים פון ערגעץ אויפגעזוכט. ער איז אַפּגעברענט און עפּעס ווי יינגער געוואָרן, דאָס צוגעשפּיצטע גראָע בערדל איז קלענער און איינגעשרומפּן געוואָרן. פון אונטערן שטרויענעם גרויסן הוט האָבן צו גיטעלען אַרויסגעלויכטן אַ פּאָר אויגן מיט ניי־דערוואַכטן ווונדער — דעם ווונדער פון צעבליטע פעלדער, גערטנער און גרינע ביימער.

מאַניע האָט אים שוין עטלעכע מאָל גענומען אויפן טראַקטאָר אין פעלד. מ'האָט זיך געגרייט צום „שניט". דער ווייץ איז געשטאַנען מיט פולע זאַנגען, געבויגן פון שפע אונטער זוניקן שמעלץ.

אויפן פעלד איז מען אומרואיק: די צו אָפטע וויזיטן פון די אַראַבישע רייטער

אין די בערג האָבן אַרויסגערופן חשד אין די הערצער פון די פעלד־אַרבעטער. די בליקן זענען כסדר געצילט געווען צו די בערג.

די שנייד־מאַשין האָט געשניטן מיט מעטאַלענעם געקלימפּער די תבואה פון פעלד, די זאַנגען זענען שאַרשענדיק, טרוקן געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, זיי זענען געפאַלן שורותווייז, ווי געפאַלענע אין שלאַכט.

פישל זיידלער האָט געאַרבעט אין דער קבוצה ביים אויפקלייבן די געבונדענע גאַרבן. דער האַרבער ריח פון רייפער תבואה האָט אים געקיצלט אין די נאָזלעכער, געלייגט זיך אין האַלדז. די זון האָט געשמאָלצן און געברוינט זיינע אָפּגעדעקטע אָרעמס און פּנים.

אין דער פרישטיק־הפסקה האָט מאַניע זיך צוגעזעצט צו זיידלערן אין שאָטן פון טראַקטאָר — איאָ, אַ שווער לעבן דאָ אויפן פעלד? — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו אים, שאַרנדיק דעם שויבער פלאַקסענע האָר פון פאַרשוויצטן שטערן. ער האָט נישט געוווּסט, ווי אָנצורופן דעם „שווער" — ביי חברים האָט ער געהייסן פּראָסט־פּשוט: חבר זיידלער!

זיידלער האָט געקייעט אַפּעטיטלעך דעם סענדוויטש און געאַרט האָט אים ביז גאָר מאַניעס רייד — ער מיינט אַוודאי, אַז אָט אַזוי דאַרף אַזאַ ייד ווי ער טראַכטן: „אַ שווער לעבן דאָ אויפן פעלד". ניין, ער האָט זיך נישט, וואָס צו באַקלאָגן. להיפך, עס קומט אים צו אַ שטיק חיות, ווען מען קען אַוועקגעבן אַביסעלע כוחות פאַר דער טייערער ערד. זיידלער האָט גראָד אַ הנאה פון זיין איידעם, וואָס רעדן רעדט ער אַזוי ווייניק, און דאָס גאַנצע לשון ליגט אים אין די הענט. גאָלדענע הענט פאַרמאָגט דאָך מאַניע, די אַרבעט ברענט אונטער זיינע הענט! מאַניע דערמאָנט אים אין די פּויערים פון ליטע מיט דער פאַרריסענער נאָז און אַרויסגעזעצטע באַקנביינער. ער איז גויאיש בלאָנד, און זיינע בלאָנדע אויגן לייכטן גרין און דראָענדיק.

זיידלער זאָגט מאַניען, אַז ער נעמט פאַר ליב די פאַרפּראַצעוועטע פעלדער, איטלעכן אויפגעבליטן בוים — „דאָרטן", ביי די גוים זענען מיר אויסגעשפּילט. די וועלדער ווערן שיטערער און דער באָדן גליטשט זיך פון אונטער די פיס. „דאָ", מאַניע־לעבן, איז עפּעס אַנדערש. די פיס טרעטן דאָך אויף אייגנס.

מאַניע האָט אַהינגעקוקט פאַרזאָרגט צו די פעלזיקע בערג. די אויגן האָבן זיך געשאַרפט אין גרין — זיי זענען מקנא, די אויסוווּרפן — האָט ער געמורמלט.

דער טראַקטאָר האָט ווידער אָנגעהויבן צו טראַסקען און קנאַקן, צעשיקנדיק אין דער ווייט הילכיקע ווידערקולות. אַלע רעדלעך, שרויפן און שטאַלענע געדערים האָבן געפיבערט אין היץ. די שניידמאַשין האָט אומגעוואָרפן די תבואה־זאַנגען, לאָזנדיק הינטער זיך פלאַכן שטח.

און דאָ איז מיט פישל זיידלערן געשען, דוכט זיך אַ קלייניקייט, אָבער עס האָט

געקענט ברענגען צו אַן איבעררייס אין דער אַרבעט. ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ שפּיץ פון טראַקטאָר, דערפילנדיק אַ גוואַלט־ריס אין די הויזן.

מאַניע האָט זיך צעשמייכלט מיט די געזונטע ציינער, דערזעענדיק אַ נאַקעט שטיק פּוס פון זיידלערס צעריסענער הויז. ער איז גרייט געווען אַראָפּצוטאַנצן פון געזעס און אים קומען צו הילף. איז צוגעלאָפן איינער פון די אַרבעטער צו זיידלערן. ער האָט אַרויפגעשריגן צום טראַקטאָר:

— פּאַשאָל, מאַניע, ווייטער!

ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קני צו זיידלערס צעריסענער הויז און געשלעפּט טשוועקלעך פון קעשענע.

— די ערשטע הילף, חבר זיידלער, וועל איך אייך געבן. — ער האָט צונויפגעשפּיליעט דעם גוואַלטריס מיט טשוועקלעך, פילנדיק אין די הענט זיין וואַרעמען פּוס. — דאָס איבעריקע וועט אייך פאַרריכטן אונדזער פּראָפעסאָר רעב לייזער... דאָרט, אין אונדזער וואַרשטאַט...

זיידלער האָט אַרונטערגעקוקט, ווי יענער פאַרעט זיך ביי זיין פּוס און איבערן לייב איז אים אַדורך אַ קאַלט־וואַרעמער שוידער.

— הערסט אַ מעשה... נאָך ערגער פון אַ הונט איז דאָס מאַשינדל; פון יענעם קענסטו זיך כאָטש אָפּטרייבן מיט אַ שטעקן. פון דעם־אַ, ברודערקע... עך, אַ חיהלע דאָס איז....

אויפן שפּוע פון די בערג האָבן קופּעסווייז געבראָדזשעט אַנגעפּעלצטע שעפּסן מיט פּעטע שווערע ווידלען. זיי האָבן מיט פייכטע שנופּן געפּאַרסקעט, האָבן גענישטערט און געסמאָרעט דעם גרינעם מאָך אין די טיפע שטיינער־קאַרבן, אָפּגעפּליקט אַ געשמאַקן קרייטעכץ, אַ זאַפטיקן גראָז. די בערג האָבן גיגאַנטיש זיך געטורעמט צום געוועלבטן טיף־בלאָען הימל. בערקע איז געזעסן ביי די טריט פון בארג און געוואַכט די עטלעכע הונדערט שעפּסן, צעוואָרפענע איבער באַרגיקער הויכקייט. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געגאָלדיקט צייטיקע ווייצן־פעלדער מיט אַרונטערגעלאָזטע זאַנגען פון זוניקער שפע. די ברייטע ראַנדן פון שטרויענעם הוט האָבן אים געשיצט פאַר דער שרפהדיקער זון.

זינט גיטעלעס טאַטע איז געקומען אין קיבוץ, האָט ער נאָך מער אויפגעהערט זיך צו טרעפן אין די אָוונטן מיט חברים. זיין התבודדות איז צוגעפּאַסט געווען פאַר דעם אַרט פּאַסטוך־לעבן. מ׳האָט אין פלוג געקענט מיינען, אַז בערקע, דער געוועזענער עקסטערניק פון אַ דרום־רוסישער אוניווערסיטעט, איז טאָקע אַזאַ שווייגער מיט אַ פאַרבונדענער צונג. וואָס אַ וואָרט איז ביי אים אַ רענדל

טייער. אָט דער בערקע קען שוין צופיל רעדן, רעדן שווייגנדיק מיט זיך. ער האָט ליב צו זיין אַליין מיט זיין משפחה שעפסן, זיי וועלן נישט שטערן זיינע מחשבות, נישט פאַרראַטן אים... ער האַלט זיי פאַר קלוגע באַשעפענישן, פאַרשטייט זייער שפּראַך, רגילותן. — מענטשן אויף צוויי פיס, טראַכט ער, קליגלען זיך, שפּרייטן תורות פאַר אומוויסנדיקע, גאַנצע חכמים זענען זיי. — אין דער ווירקלעכקייט זענען זיי נאַרישער פון שעפסן...

גיטעלע האָט אים פאַרראַטן. זי האָט נישט פאַרשטאַנען און נישט געהאַט דאָס פיינע אויער פאַר דער מוזיק פון זיין האַרצן. וויפל ער האָט אויסגעזונגען אין דער שטיל פאַר איר האַרץ־לידער — און זי איז נישט ביכולת געווען דאָס צו פאַרנעמען.

...זי איז אַוועק צו מאַניען — — —

בערקע האָט איצט אויסגעשפּילט אויף זיין פייפל דאָס ליד פון אַבדאַל־אַלי, דער, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין דער שיינער טאָכטער פון זיין האַר, כאַדזש יוסוף אַבו־זאַהאַראַ. ער האָט דעם דינער פאַר אַ שטראָף אַריינגעוואָרפן אין אַ טיפער פינצטערער מערה — דאָרט האָט זיך געפונען אַ ריזיקע שלאַנג. דער דינער האָט פון טיפן גרוב אויסגעשפּילט זיינע בענקשאַפטן צו דער געליבטער, וואָס איז אַ פאַרשפּאַרטע געשטאַנען לעבן פאַרקראַטעוועטן פענצטער און זיך איינגעהערט צו זיינע לידער. דאָס פייפל האָט דערציילט פון יענעמס ליידן אין פינצטערן גרוב. די שלאַנג וויקלט זיך אַרום זיין קערפּער — און ער זינגט פאַר איר זיינע בענקשאַפטס־לידער. די שלאַנג וויקלט זיך אַלץ העכער, העכער ביז זי דערגרייכט זיין האַלדז — — דאָס פייפל ווערט שטילער, שטילער — און ער גיט פון זיך אַרויס דעם שטילסטן פליסטער פון האַלדז — —

ווען בערקע האָט אַ צעחושטער זיך אָפּגעריסן פון פייפל, האָט ער זיך דערזען אַרומגערינגלט פון זיין סטאַדע שעפסן. ענג צוזאַמענגעדריקט זענען זיי געווען, איין קאָפּ געטוליעט אין צווייטן. זיי האָבן געפיבערט מיט די וואָלענע געקרייזלטע פעלן, זיי האָבן געציטערט פאַר מתיקות. מיט גוטע פייכטע אויגן האָבן זיי געקוקט אויף בערקען, פאַרנומען דעם טיפן טרויער פון זיינע אויגן. זיי האָבן אים פאַרשטאַנען...

בערקע האָט זיך געלאָזט נידעריקער פון באַרג, מיטן לאַנגן שטעקן האָט ער געטאַפּט אַן אָנשפּאַר פאַר די פיס. די שעפסן האָבן אים פאָלגעוודיק נאָכגעהיפּסלט. אַרבעטער האָבן זיך שוין געלאָזט פון די פעלדער אַהיים. דאָס טראָסקעריי פון טראַקטאָר האָט פאַרהילכט דעם אַרום.

בערקע האָט מקבל־פּנים־געווען די דורכגייער פאַרביסן שווייגנדיק. זיין פאַרבאַקן בראַנזענער פּנים האָט זיך געחושכט נאָך יעדן שלום־אויסרוף פון די חברים. דער טראַקטאָר איז אים אַנטקעגנגעקומען, קריכנדיק אויף ברייטע צייי־

נערדיקע רעדער. מאַניע מיט גיטעלעס טאָטן זענען געזעסן ביים רול. מאַניע האָט ניט בדעה געהאַט אָפּצושטעלן די מאַשין, אים האָט אויסגעדוכט, אַז בערקע האָט אים פריינדלעך צוגעוואָרפן אַ שמייכל — אַ שמייכל, וואָס האָט פאַרוואַנדלט זיין צעאַקערט פאַרברוינטן פּנים אין מאָדנע גרימאַסן.

שלום, בערקע!

זיי זענען ביידע אַראָפּ פון די געזעסן.

פישל זיידלער האָט מער געבליצט אויף די שעפסן, ווי אויף בערקען. ער האָט זיך אָנגערופן: דוכט מיר, אַז איך זע דעם ערשטן יידישן פּאַסטוך אין מיין לעבן. ער האָט מיטן פלאַך פון האַנט דורכגעפירט איבער דער שאַרסקער וואָל פון אַ שעפּס. — אָט אַזוי מסתמא האָט יעקב אָבינו אויך געפּאַשעט די שאָף פון לבן הארמי?

— ס'איז משל קאַבאַק. — האָט בערקע טרוקן אַרויסגעוואָרפן פון מויל. ס'איז אים אַליין פרעמד געווען דער קלאַנג פון זיין אייגענער שטים. — איך פּאַשע דאָ די שאָף פאַר מיר אַליין....

— פאַר דיר, פאַר מיר, פאַר אונדז אַלעמען — האָט מאַניע פאַרראַכטן.

בערקען איז דערווידער געווען אין דער רגע אָט דער מאַניע און געהאַט פאַרדרוס, הלמאי ער האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין. ער מיידט דאָך אים סיי־ווי אויכ. וועגן גיטעלעס טאָטן אין די אַרבעטס־קליידער האָט ער געטראַכט: צו וואָס דאַרף מען אָט די אַלטוואַרג? אַן איבעריקער באַגאַזש...

— חבר, זאָגט מיר, איך בעט אייך — האָט זיידלער אים אויפגעוועקט פון די צעטראָגענע מחשבות. — עס מוז, אַפּנים, זיין קאַלעמוטנע אָט אַזוי־אָ, מיין איך, אַ גאַנציקן טאָג אַרומגיין מיט די באַשעפענישן.

— אינטערעסאַנטער ווי מיט מענטשלעכע באַשעפענישן... — האָט בערקע אַ בורטשע געטאָן. — מיט „זיי" דאַרף מען נישט אַקערן מיט דער נאָז, ווי מיט „מענטשן". די שעפסן פאַרשטייען זיך אויפן ווונק. צו אייערע מענטשן, אַז מען וועט קלינגען מיט גלעקער, וועלן זיי אויך נישט דערהערן...

בערקע האָט גענומען שפּאַנען אָנגעכמורעט צווישן די שעפסן. ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף מאַניען מיט זיידלערן.

דער טראַקטאָר האָט זיך אָוועקגעריסן פון אָרט מיט אַ פאַרטויבנדיקער קלאַפּעריי, לאָזנדיק הינטער זיך וואָלקנס שטויב.

— אַ טשעקאַווער מענטש, אָט דער פּאַסטוך אייערער — האָט זיידלער אַריינגעשריגן מאַניען אין די אויערן, וועלנדיק איבערשרייען דאָס טראַסקעריי פון מאָטאָר.

— אַ ווילער חבר — האָט מאַניע אָפּגעשריגן.

— צו וואָס טראָגט ער אַזעלכע לאַנגע קאַלטאָנעס אויפן קאָפּ?

— אַט ווייס־איך־וואָס. אַ שטיק פילאָזאָף איז ער.

— נגע... — האָט זיידלער אַריינגעקרעכצט אין צוגעשפּיצטן בערדל — פאַרשידענע משוגעים ביי איך!

.3

אויף־צו־מאָרגנס האָט פישל זיידלער זיך געלאָזט גיין צום „וואָרשטאַט". די הויזן האָט ער פאַרלייגט אין אַ פּעקעלע אונטערן אָרעם. ער האָט זיך שטאַרק געערגערט, וואָס דער טאָג ווערט אים צעטרענצלט אויף גאָרנישט. מיט מאָניען וועט ער שוין נישט קענען מיטפאָרן אין פעלד. אַריינשטעלנדיק זיך אין דער אָפענער טיר פון וואָרשטאַט האָט ער דערזען זיצן ביים צעפראַלטן פענצטער אַן איינגעהויקערטע פליִיצע. דער קאָפּ פון דער פליִיצע איז איינגעגראָבן געווען אין אַ ניי־מאַשין. די מאַשין האָט געיאָגט, געשטעפּט מיט אַ שניידערישן זמר. אויף אַ בענקל איז דאָרט אויך געזעסן אַ מאָגער יידל מיט אַ היפּשן טלית־קטן אויפן בלויזן העמד, דאָס שטיקל פּנים האָט פיינלעך אַרויסגעשוויצט פון דעם צעקנאָדערט געל־גרוי בערדל. זיינע קורצזיכטיקע קאָסאָקע אויגן זענען צוגע־קלעפּט געווען אין אַן אָפענעם סידור, פון וואַנען ער האָט כסדר געפּרעפּלט פּסוקים תהילים. זיידלער האָט אַריינגעשפּרייזט טיפער אין צימער. דער מיטן סידור פאַר די אויגן האָט אַ טאַרע געטאָן יענעמס איינגעבויגענע פליִיצע ביי דער ניי־מאַשין.

— נו־אַ, ר' לייזער.

די מאַשין איז שטום געוואָרן, און פאַר זיידלערן האָט זיך אויסגעדרייט אַ בכבודיקע זילבערנע באָרד, צעקאַמט מיט אַ טאָלק אין דער ברייט אויף צוויי גלייכע חלקים. יעדער אָקסל האָט געשלעפּט צו זיך אַ האַלבע באָרד. פון זיין ווייך־דיקלעכער נאָז האָבן צו זיידלערן געגלאַנצט אַ פּאָר דיקע שפּאַקולן.

— וואָס וועט איר זאָגן גוטס? האָט ער אַרויפגעשיקט די שפּאַקולן אויפן למדנישן ווייסן שטערן.

זיידלער האָט ראשית־כל אויסגעטאָן דעם אַרבעטס־הוט. דערנאָך האָט ער פונאַנדערגעוויקלט די הויזן פון אונטערן אָרעם, צוגעטראָגן אים דעם גוואַלט־ריס כאָרן פּנים:

— דאָס וועט איר אַזוי גוט זיין גאַנץ מאַכן.

— צאָ... צאָ... — האָט ר' לייזער מבינישׁ באַטראַכט דעם ריס. — פון תהילים־זאָגן קומט עס נישט... מגע... מיר האָבן שוין אַמאָל פאַראַכטן

גענעראַלסקע הויזן אויך. באַלד, איין רגע — האָט ער ווייטער געלאָזט לויפן מיט אַ שטעפּערײַ די מאַשין. — איך דאַרף דאָ עפּעס ענדיקן.

עס האָט זיך אַרײַנגעטראָגן מיטאַמאָל אין וואַרשטאַט ציפּורקע די עקאָ־נאָמקע, אַן אָפּגעבערענטע מויד מיט געקרײַזלטע פּעך־שוואַרצע האָר אויפן מולאַטישן קאָפּ. די קורצע געפּאַלדעוועטע שאַראַוואַרן האָבן איר צוגעגעבן הפקרדיקס. אונטערן אָרעם האָט זי געטראָגן אַ פּאַק ווײַסע לײַוונט. אירע ווײַסע געזונטע צײַנער האָבן געשמייכלט און געשווימט אויף דעם ברוינעם קאַווע־פּנים — גרייט געוועזן צו צעקנאַקן די האַרטסטע ניס.

— פון דער־אַ לײַוונט, ר׳ לייזער, וועט איר צושנײַדן אַ טוץ פּאַרטיכער. — זי האָט דעם פּאַק אַ שלײַדער־געטאָן אויפן טיש.

דער ייד מיטן סידור פאַר די אויגן האָט האַסטיקער געגומען בראָקן אין תהילים. ער האָט געוואָרפן קאָסאָקע בליקן דאַ אויפן גאָלן קאָפּ פון זיידלערן, דאַ ווידער אויף די ברוין־נאַקעטע פיס פון ציפּורקען.

— אוי, יחלקו בגדי להם ועל לבושי יפילו גורל... — זײַנע אויגן האָבן טאָפּלט מער זיך אַרײַנגעגראָבן אין סידור.

— אָט אַוי איז שוין. — האָט ר׳ לייזער זיך אויפגעשטעלט פון דער מאַשין.— אָדער דו זיצסט־אָפּ שעהן אײנער אַליין,, אָדער אַלע פּאַראַמאָל צערײַסן דיר די קאָפּאָטע.

זיידלער איז צוגעגאַנגען אויפגערעגט און אומגעדולדיק צום יידן מיטן תהילים:

— דער תהילים העלפט אייך עפּעס?

— וווּ? — האָט יענער אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר קורצזיכטיקע, קינ־דערישע אויגן.

זיידלער האָט אים ווידער געפרעגט דאָס אייגענע.

— אַ זינדיקן העלפט ער. — האָט ער, נישט וועלנדיק מפסיק־זיין, צוריק אַײַנגעגראָבן דאָס קאָלירטע בערדל אין סידור.

זיידלער האָט זיך אויפגערעגט:

— די גרעסטע זינד איז, וואָס איר זענט געקומען אַהער!

עס האָט זיך אַרויסגעריסן אַ זיפץ פון סידור:

— אוי, דערפאַר קלאָגט דאָך ישעיה הנביא: בנים גדלתי ורוממתי, אוי, והם פשעו בי... מיר זענען זינדיק, מיר זענען זינדיק... עמלק טראָגט זיך פון די בערג אונדז צו פאַרטיליקן... אוי, צו וואָס האָט מיך מײַן זון דאָ אַהערגעבערענגט?

— ננע... — האָט זיידלערן אינעווייניק געקאָכט. ער האָט זיך אַוועקגעדרייט פון אים, הייבנדיק די אַקסלען.

ר׳ זיידלער האָט שוין פון לאַנג אָפּגעפּטרט ציפּורקען און ער האָט זיך גע־נומען צו זיידלערס הויזן.

— ווי איר קוקט מיך אָן, מיין ליבער ייד, האָב איך אַמאָל געשפּילט אַ ראָלע, געהאַט צו טאָן מיט „גאַטשאַלסטווע״. צען געזעלן האָבן ביי מיר געאַרבעט. און היינט? פּשע... נייט מען גאַטקעס פאַרן קיבוץ.

ער האָט זיך צוגעזעצט צו דער מאַשין און ווייטער זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן:

— דאָס רעדל דרייט זיך איבער: היינט גייען קייסאָרים אין די הייזער. — ער האָט אַרונטערגעלייגט די הויז אין דער מאַשין און אַריבערגעקוקט פון אונטער די שפּאַקולן צו זיידלערן: — עס האָט מיר אַמאָל אַ גענעראַל אַריינגעבערענגט אַ פּאָר נייַ־בלאַנקע הויזן מיט רויטע לאַמפּאַסן — אַזאַ־אַ ריס איז דאָרט געווען! (ער האָט מיטביידע הענט אָנגעוויזן אַ מאָס) גאָספּאָדין לאַזאַר, זאָגט צו מיר דער גענעראַל, דו מוזט מיר פאַרשטאָפּן דעם ריס, אַז דער סאַמע טשאָרט זאָל עס נישט דערקענען. מאָרגן דאַרף דאָ דער קייסער דורכפאָרן און איך מוז אין די הויזן זיין אויפן פּאַראַד. נו, ווי קלערט איר? „מיינער״ האָט גענומען אַ דין נעדעלע, וואָס קוים דאָס אויג דערזעט עס, און אַזוי קונציק פאַרנייט, אַז צען גענערעלער מיט „ניקאָלייקעס״ אינאיינעם וואָלטן עס נישט דערקענט. נו, וואַשע־פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, דערקענט דעם ריס? — וואָט! — ווייזט מיר אָן דער גענעראַל אויף אַן אַנדער אָרט. האָסט געטראָפן ווי אַ בלינד פערד אין גרוב! — טראַכט איך מיר.

ר׳ לייזער האָט זיגעריש אַ קער־געגעבן די בכבודיקע באָרד צו דער מאַשין און געלאָזן לויפן מיט אַ גרילצעריי דאָס רעדל. — אַ פינף־רובלשטיק, אַ גאָלד־שטיקל האָט אַ קלונג געטאָן פאַר מיר אויפן טיש. און היינט, מיין ליבער ייד, נייט מען גאַטקעס...

— גלייכער ווי בראָקן תהילים — האָט זיידלער געטרייסט.

ר׳ לייזער האָט אָפּגענומען די הויזן פון מאַשין, צוגעקלאַפּט מיט דער האַנט דעם פאַרנייטן ריס, — נו־יאָ, מיין זון זאָגט אויך אַזוי: איך בוי דאָס לאַנד פּונקט ווי ער.

— ואני כחרש לא אשמע וכאלם לא יפתח פיו.... — דער ייד מיטן סידור פאַר די אויגן האָט נישט אויפגעהערט צו שלינגען די פּסוקים.

זיידלער האָט זיך געלאָזט אַן אומגעדולדיקער צו דער טיר. ר׳ לייזער מיט דער צעפּליגלטער באָרד איז אים נאָכגעגאַנגען אויף ווייכע וויגנדיקע פיס. ביי דער אָפענער טיר האָט אים זיידלער אַ פרעג־געטאָן:

— מיט דעם יידן האָט איר אָפּנים דעם זעלבן געשעפט געמאַכט, ווי יששכר מיט זבולונען?

— געזונט זאָלט איר זיין. — האָט ער זיידלערן שטיפעריש אַ דריק־געטאָן פאַרן אַקסל. — צו אַלצדינג געווינט זיך צו אַ מענטש. וואָס זאָל ער, נעבעך, טאָן, מיין בן־עיר. דער תהילים און „איך" דערהאַלטן אים ביים לעבן.

אין זוניקן דרויסן האָט זיידלער זיך דערפילט אָפּגעפרישט פון דער באַגעגע־ניש אין וואַרשטאַט. ער האָט נאָכגעקלערט וועגן דעם גורל פון טאַטע־מאַמע, אַהערגעקומענע פון ווייטע יידישע מקומות צו זייערע זין און טעכטער אויף די בערג און טאָלן פון יזרעאל. ער האָט געטראַכט פון גיטעלען, וואָס איז שטאַרק נישט צופרידן, אַז מאָניע נעמט אים מיט אין פעלד. ער, זיידלער, קען אָבער נישט בטלענען, ווי יענע טאַטעס. ער זעט דאָ אַ זין אין לעבן: אַ ר ב ע ט. מען דאַרף זיך פאַרבינדן מיט דער שווער־פאַרפּראַצעוועטער ערד, פון דאָרט דעם לעבעדיקן קערן אַרויסברענגען.

פאַר זיידלערן איז פאַרבייגעריטן אויף אַ ברוין אייזעלע בן־יהודה, דער אַרבעטס־פאַרטיילער פון תל־יצחק. פון לאַנגיאָריקע מאַטערנישן, זון און קדחת איז דער גוף און דאָס פּנים אויסגעהאַמערט געווען ווי אויף אַ קאָוואַדלע.

— וואָס עפּעס, חבר זיידלער? — האָט ער געקוקט אויף זיין געמישטן הלוך — חול־המועד ביי אייך, האַ?

— צוליב אַ נאַרישקייט, אַ ריס אין די הויזן, גייט מיר דער טאָג אַוועק אויף גאָרנישט — האָט זיידלער שטאַרק זיך מצער געווען.

— נישט געדאַגהט. דער טאָג איז נאָך גענוג גרויס. — האָט אים בן־יהודה געטרייסט. ער האָט אַ קוק־געטאָן אויפן האַנט־זייגערל. — איך האָב פאַר אייך אַרבעט!

זיידלער איז אויפגעלעבט געוואָרן.

דאָס אייזעלע האָט צעעפנט דעם פּיסק און זיך צעהעשעט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, געוואַלדעוועט און געקלאָגט אויף באַרג און טאָל.

בן־יהודה האָט געבוכטשעט אינעם אייזעלע און אַריבערגעשריגן צו זיידלערן.

— נעמט אַ פּיאָש אין מאַגאַזין. דאָרט ביים וואַסער־טורעם וואַרט אַ וואָגן. איר וועט מיטפאָרן אין פּרדס אַריין. — דאָס אייזעלע האָט מיט שטייפע פּיסלעך זיך אַוועקגעריסן פון אָרט.

זיידלער האָט אין צימער פלינק זיך איבערגעטאָן, געשאַפּט זיך אַ פּיאָש, פאַרלייגט די כלי אויפן אַקסל און זיך געלאָזט צום וואַסער־טורעם, וואָס האָט פון וויטן זיך געהויבן מיט בעטאָנענער גרויקייט און זיך געצונדן אין גאָלדיקן בלוי.

גיטעלע איז גראָד אַרויסגעקומען פון די שטעלער מיט אַן עמער אין האַנט, זי האָט דערזען דעם טאַטן מיטן שטאָלענעם פּיאַש אויפן אַקסל. און דעם אמת געזאָגט, אַז זי האָט נישט דערקענט איר אַמאָליקן טאַטן, פּישל זיידלער, דער „שרייבער" און געשעפטס־פירער פון גרויסן וואַלד אין פּריציש־ציכטיקן אַנטועכץ. דער טאַטע, אין דער לייוונטענער לויזער בלוזע, אין ברייטע פּלודערן, מיטן שטרויענעם הוט, האָט דערמאָנט גיטעלען אין די דאָרפישע פּויערים פון דער אַלטער היים. און ביי איר אין האַרצן איז אַ פּלאַנטער פון געפילן, און עס ציטערט־אויף ביי איר אַן איידעלער רחמנות צו אים. זי האָט אָוועקגעשטעלט דעם עמער און זיך אָנגערופן:

— זאָל דער טאַטע אָוועקשטעלן די כלי, איך וויל נישט, זאָלסט זיך פּאָרען דערמיט... עס איז שווער פאַר דיר...

— וואָס הייסט „דו" ווילסט נישט? — האָט ער אַראָפּגעשטעלט דעם פּיאַש אויף זיער ערד. אָבער „איך" וויל!!

זיידלער האָט צוריק אַרויפגעלייגט דעם פּיאַש אויפן אַקסל, נישט וועלנדיק מאַכן קיין איבעריקע טענות מיט גיטעלען. ער האָט איר צוגעוואָרפן:

— מיט מאָניען קאָן מען שוין בעסער מאַכן דעם געשעפט. שלום. איך גיי אין פּרדס!

הינטער זיך האָט ער דערהערט רופן מיט אַ געבעט: טאַטע!!

ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו גיטעלען, דאָס בערדל האָט זיך געטרייסלט פאַר כעס: האָסט נישט קיין דעה איבער מיר, דו הערסט, איך בין אַ גלייכער מיטגליד אין קיבוץ.

גיטעלע האָט געזען, ווי דער טאַטע דערווייטערט זיך פון איר. דער שטאָלענער גלאַנציקער פּיאַש האָט געבליצט מיט שטיקער ליכט, מיט זון פון אַ ניי־דערוואַכטן אַרבעטס־טאָג. ביי איר אין ברוסט האָט זיך געוואָלקנט, אַ גערעגנגל פון פּיינפולע געפילן.

און זיידלער האָט אָוועקגעשפּאַנט מיטן פּיאַש אויפן אַקסל. די משא פון דער כלי האָט אים דערמאָנט די שווערקייט פון אַ ביקס. ער האָט געטראַכט פון יענע אַלטע צייטן, ווען ער, נאָך אַ יונגער, אַ קרעפּטיקער, פלעגט מיט דער ביקס אויפן אַקסל מאַרשירן מיטן פּאָלק איבער רוסישע וועגן. ער האָט זיך איצט דערזען מיטן פּיאַש, ווי אַ זעלנער, וואָס דינט דער ערד, די לעבעדיקע פעלדער — דאָס אייגנטום פון גרויסן כלל.

די זעקס־יאָריקע מאַראַנצן־ביימער זענען באַבלעטערט מיט גרינער שפּע,

די שטאַמען געקאָלכט מיט ציכטיקן ווייס. דיביימער האָבן געאָטעמט און געווירצט אין צעגראָבענער ערד. עס האָט זיך געהערט דאָס טשאַפּען פון פיאָשן, מ׳האָט געגראָבן טעלערס אַרום די שטאַמען. וואָרצלען וועלן קענען פריי איינאָטעמען לופט, דער זאַפט וועט זיך גיסן דורך צווייגן און בלעטער, אין גרינעם קוועלנדיקן פּרוכט.

זיידלער האָט געאַרבעט מיטן פיאָש גלייך מיט די אויסגעפּרוווטע קיבוצניקעס. זיין שכן, אַ ברוין־אויסגעקנעטענער גוף אין אַ ווייס־אַנגעצויגענעם טריקאָ־העמדל, האָט געלייגט מיטן פיאָש אין דער ערד און אַריבערגערעדט סאָפּענדיק צו זיידלערן:

— נישטאָ אַזאַ זאַך מ׳זאָל עס נישט קענען. „וויל נאָר, וועסטו ווערן אַ גאון״ — האָט אַמאָל אונדזער ווילנער גאון געזאָגט צו אַ תלמיד.

— יאָ, אַלץ דער ווילן, — האָט זיידלער געטשאַפּעט מיטן פיאָש.

— און אַז מיר האָבן געוואָלט, — האָט זיך דער שכן אויסגעגלייכט, — האָבן מיר די פריערדיקע וויסטעניש פאַרוואַנדלט אין דעם גן־עדן.

איינגעבויגענערהייט האָט זיך איינער פאַרבייגעטראָגן מיט אַ קערבל מיסט אונטערן אָרעם. ער האָט אונטערגעכאַפּט: — אַ גן־עדן אָן מיסט, איז ווי אַ געקעכץ אָן זאַלץ.

די פיאָשן האָבן פאַרטייענדיק געטשאַפּעט, געהיפּערט אַלץ ווייטער אין די שורות ביימער, סימעטריש צעשטעלטע איבערן צעוואָרפענעם פרדס.

בן־יהודה איז אָנגעריטן אויפן אייזעלע און צוויסן־געגעבן דער חברה, מ׳זאָל זיין פאַרזיכטיק — אין די בערג איז אַ פאַרדעכטיקע באַוועגונג פון אַראַבער. אונדזערע „שומרים״ זענען אויף דער וואַך.

מ׳האָט געאַרבעט מיט איינגעבויגענע רוקנס, און געפילט אויף זיך די לויערנדיקע בליקן פון די בערג. די בליקן האָבן דורכגעבויערט די געדיכט־באַבלעטערטע ביימער און געדראָט מיט פּחד.

מיטאַמאָל האָט אָפּגעקנאַלט אַ ביקסן־שאָס, פון די ווייטע בערג האָט אָפּגעהילכט אַ ווידערקול. איבער די ביימער־קעפּ האָט דורכגעשניטן אַ פּייף פון אַ קויל. עס האָט אָפּגעקנאַלט אַ צווייטער שאָס, אַ דריטער. חברה האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד, די קעפּ אַלץ פלאַכער צום צעאַקערטן באָדן.

זיידלער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד הארט לעבן פיאָש. די שיסערייען האָבן העפטיקער געקנאַלט. ער האָט געהערט די הילכיקע ענטפערשאָסן פון די „שומרים״. יעדער שאָס האָט ווי אויפגעריסן די אויער־פּייקלעך.

— אַ סלעכטער עסק, — האָט זיידלער געמורמלט צו זיך. די שלייפן האָבן אים געהאַמערט. דער קאָפּ איז אים אָנגעשפּאַרט געווען אויף דער דלאָניע. איבער אים האָבן געסווישטשעט פליענדיקע קוילן. און עס איז אים פאַרבייגעקומען

יענע צייט, ווען ער, אַ סאָלדאַט, איז געלעגן אין די מאַנדזשורער אָקאָפּעס, און עס האָבן זיך געטראָגן דעם פּיינדס קוילן. פּאַר אים איז איצט געלעגן דער פרידלעכער אַרבעטס־פּיאַש, פאַרשעמט און אָוועקגעשליידערט, און אויפן שטאָלענעם שאַרף איז אָנגעקלעפּט שטיקער ערד. די קוילן האָבן נישט אויפגעהערט צו פייפן איבער זיין קאָפּ. זיינע בליקן האָבן זיך איינגעגראָבן אין צעאַקערטן באָדן, וואָס האָט געווירצט מיט שאַרפע ריחות אין נאָז. שורות מוראַשקעס האָבן נישט אויפגע־הערט צו מאַרשירן אַהין און צוריק, פאַרענדיק זיך אינטענסיוו אין זייער מוראַש־קע־צוג. זיי איז נישט אָנגעגאַנגען די אַרומיקע שיסעריי.

זיידלער האָט געטראַכט פון אַ לאַנג־פאַרגאַנגענער צייט. אַ צייט, וואָס חזרט זיך אים איבער נאָך אַמאָל? ער האָט געמורמלט אין צעגראָבענעם געווירצטן באָדן: נחדש ימינו כקדם?

4.

טעג זענען געקומען גרויליקע, געלאָדענע מיט אומרו. איין טאָג האָט איבער־געשטיגן דעם אַנדערן. ווי אַ גיפט האָט זיך די שנאה צעגאָסן איבער דערפער אַראַבישע, איבער געצעלטן פעלאַכישע.

תל־יצחק איז ווי אַ לויערנדיקער לייב צעלייגט געווען מיט גבורה און גע־וואַכט מיט פייערדיקע אויגן אין די הייס־טרוקענע תמוז־טעג.

יעדן פרימאָרגן האָבן חברה זיך צוגעכאַפּט צו די פריש־געדרוקטע צייטונגען, וואָס זענען אָנגעקומען מיט דער נאָענטער באַן־סטאַנציע. די מידע אויגן פון גאַנצע נעכט נישט שלאָפן האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט די שוואַרצע טרויער־רעמלעך: געפאַלענע קדושים איבער פעלדער און וועגן. ציינער האָבן געקריצט פון די גרויליקע נייעסן.

זינט מ׳האָט באַשאָסן דעם פּרדס מיטן כרם האָט בערקע זיך נישט געשיידט מיט דער ביקס. פינף שעפסן זענען געטראָפן געוואָרן דעמאָלט פון די קוילן. בערקע פלעגט זיך נישט דערווייטערן מיט דער סטאַדע שעפסן ווייט פון די פעלדער. פון אונטער די שוואַרץ־געדיכטע ברעמען האָבן בערקעס אויגן גע־פינקלט מיט כעס, מיט אָנגעצונדענעם אייפער האָט ער געקוקט צו די בערג.

אין אים איז פאַרגעקומען אַן ענדערונג: ער האָט אויפגעהערט צו גרונטע־ווען דעם אייגענעם „איך". ער האָט זיך געזען, ווי אַ טייל פון גרויסן קאָלעקטיוו. אין אים האָט געיערט דער כוח פון אָ נ ג ע ג ר י פ ע נ ע ם כ ל ל.

די שעפסן האָבן גערויעט ביי די טריט פון באַרג, געפליקט די געשמאַקע גראָזן, און פלאַמיקע תמוז־זון האָט געשמאָלצן מיט העלישן פייער. דער גערשטן אין פעלד האָט זיך געבאַקן, די זאַנגען האָבן אַזש געקלונגען גלאָזיק. נאָך אַ טאָג

וועט די מאַשין שניידן דעם צייטיקן גערשטן און נאַקעטע פעלדער וועלן אַרויס־רופן בענקשאַפט אין בערקעס האַרצן. די גערשטן האָבן זיך געצויגן בידעריק, פלאַך, ווי צוגעברווינטער גאָלד האָבן זיך די שטחים פונאַנדערגעשפּרייט אונטער געוועלבטער הימל־הויכקייט — ביז די באַן־רעלסן, אָנגעגליטע פון דער המימה־דיקער זון. ער האָט יעדע פּאָר שעה געהערט דורכלויפן אַ צוג מיט גע־פּילדער און רעש, צערייסנדיק אויף שטיקער דעם אַרומיקן חלל. בערקע האָט געוואַרט אויפן לעצטן צוג. ער וועט צונויפזאַמלען די סטאַדע שעפּסן און זיך לאָזן צו די שטעלער.

פּריייטיק־צו־נאַכט. תל־יצחק האָט געלויערט הייס־טרוקן אונטער גראַנאַטע־נע טיפע הימלען. וועגט פון הייזער האָבן געדעמפט מיט טוכלער היץ — אַז איבערבלייב פון באַטאַגיקער זון. שטיקער וואָלקנס האָבן געטונקלט דעם הימל. געלאָשן די בריליאַנטענע שטערן. די בערג אַרום האָבן געלויערט פינצטער, אָנגעכמורעט.

זיידלער האָט אין דעם אָוונט זיך נישט געפונען קיין אָרט. ער איז אַרומגעגאַנגען צעטראָגן מיט אַ גאָלן קאָפּ. מיט גיטעלען איז ער כמעט ווי צעקריגט: זי וויל אים נאָר זען ווי אַ טאַטן, געהיט און געשירעמט פון איר געטרייען אויג. ער קען נישט זיין אַזוי. ווי אַ יונגער וויל ער זיין אויסגעמישט מיט פריילעכע חברה, עסן צוזאַמען ביי איין טיש, זיין איינגעשפּאַנט אין יאָך פון אַרבעט אויף די פעלדער און בליענדיקע סעדער.

מאָניע האָט אין „שוועד" געזען אַ חבר. ער האָט אים נישט געקענט פאַר־גלייכן מיט די אַלטוואַרג, וואָס זיצן ביים „כשרן" טיש אין אַ באַזונדערן צימער, און נאָכן עסן בענטשן זיי אַריין מיט אַ ניגון אין די בערד. גיטעלע פלעגט פאַר מאָניען דערציילן פון איר טאַטן, פישל זיידלער — ביי די פרומע יידן אין שטעטל האָט ער געשמט פאַר „פישעלע אַפּיקורס". שמעקט קיינמאָל נישט אַריין צום דאַוונען אין שול. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז מ׳קען זיין אַ שטאָלצער ייד אָן די זאַבאַבאָנעס. דערפאַר האָט אים דאָס יונגוואַרג פון שטעטל געהאַלטן פאַר זייער רבין. ער פלעגט קומען אויף זייערע פאַרזאַמלונגען, אָנטיילנעמען אין די וויכוחים, אַז די אַנטיסעמיטישע סטודענטן פלעגן איבערפאַלן יידן אין גרויסן שפּאַציר־פּאַרק, האָט איר טאַטע אָרגאַניזירט די יוגנט אין אַ „זעלבסטשוץ". נישט איין סטודענט האָט מען אַוועקגעפירט מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ.

זיידלער איז צוגעשטאַנען צו מאָניען, ער זאָל אים מיטנעמען אויף „שמירה" אין די נעכט. — מיט אַ ביקס איז ער אַ מומחה, ווי יענער ייד מיטן תהילים,

מען דאַרף זיך פאַרטיידיקן קעגן די פלישתים, וואָס ווילן צעשטערן דאָס פאַר־פּראַצעוועטע האָב און גוטס. מאַניע האָט געקווענקלט און נישט געוואָלט מסכים זיין מיט אים.

זיידלער האָט דעם אָוונט זיך קיין אָרט נישט געפונען. אָפּפּאַטערנדיק דאָס עסן ביים קאָלעקטיוון טיש, האָט ער זיך געלאָזט צום „פאַרזאַמלונגס־זאַל" הערן נייעס פון נציבס ראַדיאָ. אין געפּאַקטן זאַל האָבן געווימלט אָפּגעברענטע אַרבעטער אין בלויע „הפועל"־העמדלעך. די אויסגעצוואָגענע גריוועס זענען ביי זיי שבת־דיק פאַרקאַמט. אויף דער פאָדערשטער באַנק האָט זיידלער דערזען זיצן ציפּורקע די עקאָנאָמקע. זי איז אויסגעפּוצט אין אַ בלאַנק־ווייסער מאַטראָזן־בלוזע. לעבן איר האָט זיך וואַזשנע געכמורעט דער מיט דעם יעזוס־בערדל און פרום־וואַסער־דיקע אויגן. ציפּורקעס געזונטע ציינער האָבן געשמייכלט, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו צעקנאַקן די האַרטסטע ניס. דער חבר מיטן יעזוס־בערדל האָט גע־קנייטשט דעם געקאַרבטן שטערן, איינגעהערט זיך מיט כּוונה צו דעם גערעדעריי פון פאַלירטן ראַדיאָ־קעסטל, וואָס איז געשטאַנען ווי אַן אָנגעצונדענע איקאָנע אין ווינקל.

אַ פאַרקוועטשטע פאַרדבקהטע שטימע האָט אויסגעקרעכצט פון ראַדיאָ די הפטורה פון דער וואָך. „מהפך־פשטא׳ס", „פזר׳ס" און „שלשלתן" האָבן זיך ווי עראָגליפן, געציקלט איבערן זאַל. ציפּורקע האָט אַריינגעקוקט מיט חשיבות אין אַ חומש, וועלנדיק כאַפּן, ווו האַלט ער דאָרט אין ראַדיאָ.

— שקט! — האָט זיך געלאָזט הערן אַ שטימע.

פאַר די פענצטער האָט מען געטומלט און געשטערט אינעווייניק די הפטורה.

לייזער דער שניידער איז געשטאַנען פאַר אַ פענצטער און אַריינגעשמייכלט. מיט דער ווייכער נאָז אין דער צעקאַמטער צעפּאָרענער באָרד, לעבן אים זענען געשטאַנען עטלעכע ווייבער מיט פאַרבונדענע קאָפּטיכלעך אונטער די גאָמבעס, און געשאָקלט פרום מיט די קעפּ. אַן עלטערער ייד אין שטעקשיך איז אויסגעוואָקסן אינצווישן מיט אַן אָנגעגאָסענעם בייכל. פון אונטער דער כאָמעטענער יאַרמולקע האָט זיך געוויקלט אַ גרוי בערדל. זיינע גרויסע בייזע ברעמען, ווי צוגעקלעפּטע צום שטערן, האָבן זיך אַלעמאָל געהויבן צו לייזערן מיט אַ פראַגע:

— ווי? וואָס זאָגט ער?

— שש... שטילער, עץ הערט דאָך די הפטורה!

— האַ? — האָט יענער מיט די בייזע ברעמען צוגעלייגט אַ האַנט צום אויער. — די הפטורה טאַקיש, אין ענגליש?

— ענגליש, שמענגליש — האָט לייזער אָנגעצילט די אויערן אין זאַל אַריין. — איר הערט דאָך לשון־קודש.

— גאַר אַזוי? — האָט ער זיך אַ קראַץ־געטאָן אונטערן קאַלנער און אַוועק־געסלאַפּעט אַנטוישט פון פענצטער.

— אייסעך וואָס... וואָס פאַלט זיי דאָרט איין, הפטורה גאַר...

ווען זיידלער האָט זיך אַרויסגעקליבן אין דרויסן, האָבן וואָלקנס נאָך מער געטונקלט די גראַנאַטענע הימלען. אויסגעהאָרעוועטע יונגען האָבן זיך געשאַרט פויל פאַר די הייזער, מ'האָט זיך פאַרקליבן אין די צימערן אויסרוען די מידע קערפּערס.

און מיטאַמאָל האָט אָנגעהויבן קלינגען דער גלאָק אין הויף. עס האָט גע־קלונגען האַסטיק. עס האָט געוועקט צו טרעוואָגע. הימלען האָבן ראַפּטום זיך גע־צונדן אין ראַז, איבערגעגאַנגען אין רויט. די וואָלקנס האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט בלוטיקן פייער און געשראָקן פון אויבן די הייזער, מענטש און בהמה.

חברים זענען געלאָפן צעשראָקענע איבערן הויף, די פּנימער באַלויכטן ווי קופּער.

— עס ברענט!

— די פאַרשאַלטענע!

— די פעלדער ברענען!

נישט אַלע זענען געלאָפן אַהין צו די גערשטן־פעלדער, וואָס האָבן פון ווייטן געברענט ווי אַ פייערדיקער ים. די הימלען האָבן זיך געצונדן אין בלוטיקן רויט. איין רויטער גרויל האָט אַרומגעכאַפּט אַלץ און אַלעמען.

דער גלאָק האָט אויפגעהערט צו קלינגען. חברים מיט געווער אין די הענט האָבן זיך אַהינגעלאָזט צו די ברענענדיקע פעלדער.

זיידלער איז געלאָפן איבערן הויף אַ צעטראָגענער ער האָט געזוכט מאָגיען. ער האָט אים נישט געפונען. גיטעלע האָט אים אין דער טיר אָנגעכאַפּט פאַר די הענט.

— טאַטע, בלייב דאָ, ווו גייסטו?

זיידלערן האָבן טרערן געוואָרגן אין האַלדז, די אויגן האָבן געגלאַנצט מיט רויטן גרויל.

— לאָז מיך! — האָט ער זיך אַרויסגעריסן מיט אַלע כוחות פון אירע הענט.

— טאַטע!!

זיידלער איז אַרויסגעלאָפן, ווי אַ וויכער, פון צימער. ער איז געלאָפן איבערן הויף, גיטעלע האָט אים נאָכגעשריגן מיט תחנונים. ער איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין דער פינצטערניש.

מיט פאַרפעלטן אָטעם איז זיידלער דערלאָפן צום אייזערנעם טויער, פון וואַנען חברה האָבן זיך געלאָזט ראַטעווען די ברענענדיקע פעלדער. אַ באַוואָפנטע וואַך האָט קיינעם מער נישט אַרויסגעלאָזט. זיידלער האָט זיך געקלאַמערט אין

די אייזערנע שטאַבעס. אין די שלייפן האָט אים פייערדיק געקלעמט. ער האָט זיך געוואָלט געפינען מיט די דרייסטע יונגען ביי די פלאַמיקע פעלדער, ראַטעווען די פאַרפּראַצעוועטע תבואה.

פון ווייטן האָט זיך געהערט אַ טראַסקעריי פון טראַקטאָר.

— האַ, האַ, — האָט זיך אַרויסגעריסן אַ טרייסט פון דערשלאָגענע הערצער. נאַכט האָט דערנענטערט דאָס הילכיקע טראַסקען פון טראַקטאָר, פון די בערג האָבן אָפּגעקנאַלט ביקסן־שאָסן.

זיידלער האָט הייסער געדריקט די אייזערנע שטאַבעס פונעם טויער. ווען ער האָט אַ ביקס אין האַנט, וואָלט ער אָפּגעפייערט צו די מנובלים אין די בערג. די אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין די פלאַמיקע שייטערהויפנס. ער האָט בחוש געפילט, ווי דער טראַקטאָר רייסט זיך אין פאַרסמאַליעטן גערשטן. און ווי מאַניע, אַ באַלויכטענער פון פייער, קערעוועט מיט כוח דעם רול, און די אַקערס דערשטיקן דאָס פייער.

— אָט אַזוי, מאַניע, — האָט זיידלער געקריצט די ציינער, — ראַשיקער, שנעלער!

די בערג האָבן נישט אויפגעהערט צו קנאַלן מיט סווישטשנדיקע קוילן.

און ראַפּטום איז אויסגעוואַקסן אַ מאַשין־געווער. די נאַכט האָט געקייכט. עס האָט געהאָגלט און געשטעפּט מיט קוילן אויף די פינצטערע בערג.

— האַ, האַ — האָט אויפגעהעלט אַ טרייסט אין פאַרקלעמטע הערצער. — אַוודאי די ענגלענדער?

דאָס מאַשין־געווער האָט אַ רגע אויפגעהערט צו שטעפּן, און שטילקייט האָט געהוזשעט אין די אויערן אינאיינעם מיטן הילכן פונעם טראַקטאָר. אַ יללה פון שאַקאַלן האָט זיך צעטראָגן איבער די פעלדער, צעשיקנדיק דער וועלט וויסטע שרייענדיקע קללות.

די הימלען האָבן זיך געלאָשן און פינצטערער געוואָרן און פון פייער איז קיין זכר נישט געבליבן.

ווען זיידלער האָט זיך אומגעקערט אין הויף אַריין, האָבן די הימלען זיך געשפּרייט טיף־גראַנאַטענע, ווי פריער. די שטערן האָבן געשיקלט מיט פּאָלירטן זילבער. פאַר אים איז פאַרבייגעלאָפן האַלב־געבויגן לייזער דער שניידער מיט דער צעפליגלטער באָרד. ער האָט זיך געהאַלטן מיט גרימאַסן פאַרן בויך.

— שוין נאָכאַלעמען, ווו לויפט איר? — האָט אים זיידלער נאָכגעשריגן.

— נישט פאַר אייך געדאַכט, — האָט לייזער זיך געקרימט געבויגענערהייט. — איך לויף שוין דאָס זעקסטע מאָל... איך הער נאָר די קאַפּעליע, לויף איך אין בית־הכסא...

זיידלער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיינערנער באַנק. ער איז אָפּגעקילט

און פאַרטראַכט. ער זוכט אַ באַשייד פאַר די רציחות און פאַרוויסטונגען, וואָס די אַראָבער־שבטים ברענגען די יידן. האָבן דאָך יהושע בן־נונס שבטים, די בני־שם, אויך געברענט דערפער און פעלדער, פאַרטיליקט כנענים אין טאָל פון יזרעאל. אַ מהלך פון תקופות. די געשיכטע קייקלט זיך אויף צוריק, צום בראשית, צום קרבן פון בלוט, פאַר דער גאולה פון כלל.

— מיר וועלן נישט פאַרטיליקן. — האָט אין אים גערעדט אַ שטים. — מיר וועלן פאַרטיידיקן יעדן שפאַן ערד, ווו מיר וואַקסן.

עס האָבן זיך אין אים געעפנט מחיצות. ער האָט געזוכט אַ באַשייד פאַר אָנגעפלויגענע ספקות אין זיין מענטשלעך האַרץ.

איבער די פינצטערע בערג האָט זיך אויפגעהויבן א מעשענע לבנה, אַ פולע און קיילעכדיקע. זי האָט געקוקט פאַרבליפט אויף די צעשפרייטע פלאַכע פעלדער, וואָס האָבן צעטראָגן ווייט אַרום אָפּגעזונקטע ריחות פון פאַרסמאַליעטע תבואות. די מעשענע לבנה האָט געשמייכלט ביטערלעך אויף דעם צעשפרייטן אַש: פאַרוואָס?

אויף צו מאָרגנס האָט זיך געשטעלט אַ הייסער טאָג מיט חמימה פון תמוז. בלויע הימלען האָבן זיך געוועלבט מיט געדיכטער היץ, ווי עס וואָלט דאָ דעם אָווגט גאָרנישט פּאַסירט. אין מיטן הויף איז געשטאַנען אַ געפּאַנצערטער טאַנק, פאַרשלייערט ביז צו דער ערד מיט שטאָלענער גבורה. ענגלישע סאָלדאַטן מיט איבערגעקערטע אייזערנע שיסעלעך אויף די קעפּ האָבן געוואַכט אַרום דעם געפּאַנצערטן בער. די סאָלדאַטן זענען באַהאַנגען געווען מיט רימענס און רימענדלעך איבער זייערע כאַקי־לענדן, איבער די פאַרשאַרפטע גאָמבעס. זיי האָבן געענגלישט אויף באַקציינער מיט אַ פול מויל צונג.

עס האָבן געאיילט צום פאַרזאַמלונגס־זאַל אַרבעטער מיט צעשויבערטע גריוועס אויף די שטערן. אויף איטלעכן פּנים האָט מען איבערגעלייענט די נעכטיקע געשעענישן. פון די פאַרשאַרצטע מוסקולירטע הענט און אָפּגעברענטע פּיס האָט געוויעט מיט רו־טאָג פון פּראַלעטאַרישן שבת.

מאָניע האָט געשפּילט מיט גליק: נעכטן, ווען ער האָט זיך געריסן מיטן טראַקטאָר אין ברענענדיקן גערשטן, איז צו אים פאַרפלויגן אַ קויל פון די בערג און דורכגעשניטן דעם האַנט־מוסקול. מאָניע האָט זיך איצט געלאָזט מיט זיידלערן אין קליניק. די האַנט איז אים פאַרוויקלט געווען אין ווייסע באַנדאַזשן און גע־האַנגען איבער דער ברוסט אויף אַ האַלדז־באַנד. די עלטערע יידן מיט די טליתים־זעקלעך אונטער די אָרעמס האָבן אים נאָכגעקוקט מיט מיטלייד אין די בערד.

— נגע... — האָט מען געהויבן מיט די אַקסלען. — אַן אמתע מלחמה!

— ווער האָט זיך גערינכט אויף דעם?

— דאָס זענען דאָך היישעריקן.

— ס'לעבט פון גזלה און רציחה.

ציווי יידענעס מיט טערקישע שאַלן אויף די קעפּ, די פּנימער שבתדיק צע־פלאַמט, האָבן זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט מיט די קרבן־מנחה־סידורים אויף די פולע בייכער:

— מען זאָגט, אַז „ער" איז דאָרט אויך געווען. — האָט איינע אַריינגעפליס־טערט אין דער אַנדערער.

— ווער? דער שוואָגער זיינער? — האָט זיך אויסגעדרייט אויף הינטן אַ ווײַ־בעריש פּנים מיט אַ פעט געמבעלע.

— ער מיינט, ער גייט קריק....

— אַוודאי, — האָבן זיי וויטער געשטעלט טריט, — אַז מען שמעקט נישט אַריין אין אַ מקום־קדוש, מוז מען מיטטאַנצן מיט יונגוואַרג.

פון פרימאָרגן אָן האָט דער טעלעפאָן נישט אויפגעהערט צו קלינגען אין ביוראָ. מ'האָט גערעדט פון צענטער, פון די אַרומיקע יידישע דערפער. די צייַ־טונגס־רעדאַקציעס האָבן געפאָדערט פּרטים. בן־יהודה, וואָס האָט דיזשורירט ביים טעלעפאָן, האָט דעם טרייבל פון האַנט נישט אַרויסגעלאָזט. זיין פאַרבאַקן אויס־געהאַמערט פּנים האָט געצאַרנט און געפינצטערט מיטן טרייבל ביים אויער:

— יאָ, צוואַנציק דונאַם... גערשטן, ווי? יאָ... דאָס איבעריקע געראַטע־וועט... איינער בלויז... לייכט פאַרווונדעט... ווי? נאַטירלעך... זענען דאָ, זענען דאָ... דער עיקר אונדזערע חברה... ווי? יאָ...

— צום טייוול! — האָט ער אַוועקגעלייגט דעם טרייבל. — האַלטן אין איין טרעגען די אַדערן.

עס האָט ווידער אָנגעהויבן כריפּען דער טעלעפאָן.

אין דרויסן האָט דער טאַנק זיך געכמורעט צו דער ערד. די סאָלדאַטן מיט די שיסעלעך אויף די קעפּ האָבן זיך געכמורעט מיט דער אייגענער קאָליר פון טאַנק, זענען אויטאָמאַטיש צוגעשמידט געווען צו דער ערד, ווייסע טויבן האָבן פרידלעך שפּאַצירט פּאָר זייערע פיס, שיקנדיק פאַרויס זייערע ציכטיקע בייכלעך.

די יידן אין צעשפּיליעטע שבת־רעקלעך און קאַפּאָטעס זענען שוין צוריק־געגאַנגען פון שולעכל, אָנגעזעטיקט מיט טאָפּלטן דאַווענען, האָבן זיי האָפערדיק זיך צערעדט פון פּאָליטיק, געמאַכט חשבונות מיט ענגלאַנד, מיטן מופטי, און ווידער אָנגעהויבן אויפסניי מיט דער נעכטיקער גיהנום־נאַכט:

— און ווי קלערט איר? — האָט איינער אַ שאַר־געטאָן דעם דאַשעק אופן שטערן. — פון אַזאַ באַד, ווי נעכטן, איז פון זיי ווייניק געפאַלן?

גייט שוין, גייט. האָט אַ צווייטער ברייט צעעפנט דאָס מויל מיט אַ פּוילישן ניגון. — אַנישטן שיסן זיי צום פּונקט? מ'שיסט גלאַט אין דער לופטן...

—זייט נישט קיין חכם, בעט איך אייך זייער. אַז מען האָקט האָלץ, פאַלן שפּענער.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן געפאַנצערטן געמאַך.

לייזער דער שניידער האָט מעשה מיליטער־מבין אַרויסגעשטעלט דאָס בייכל און זיך אָנגערופן:

— יידן, איך זאָג ענק: אַלע יוונים האָבן אייך פּנים.

— גערעכט, ר' לייזער, — האָט אַ צווייטער זיך אַ קראַץ־געטאָן אונטער דער באָרד, — אונדזערע פּאַליאַקן האָבן די זעלבע צורה. געזען שוין די יעקעס, דורכ־געפאַרן איטאַליע, — אַלעמען האָב איך געזען אין די מעטאַלענע העלמס.

— ווײ, ווײ, דערפאַר האָבן מיר טאַקע אַזאַ פּנים, — האָט דער ייד מיט דער רייכער טאָלסטאָי־באָרד זיך געיאושט, — עס פעלט אונדז אַזעלכע שקאַצים.

— וואָס רעדט איר, בענדעט, מיר פאַרמאָגן ווייניק שקאָצים?

— אָט ד אָ ס פעלט אונדז! — האָט לייזער אַ ווונק געטאָן מיט דער גענע־ראַלסקער באָרד צום טאַנק.

די ענגלענדער מיט די רימענדלעך אויף דער גאַמבע האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט ווערטער אויפן חשבון פון די „בייבל־דזשוס". האָבן געצישעט אויף באַקציינער מיט אַ פול מויל צונג.

אויף אַ באַנק זענען געזעסן עלטערע ווייבער שבתדיק געשלייערט און נאָכ־געקוקט מיט הנאָה די קינדערלעך אויפן שפּאַציר, געפירט פון דער לערערין.

— איך זאָג אייך, טייערע — איז אַ יידענע אויפגעלעבט געוואָרן — ווען איך זע די קינדערלעך, קוועלט אין מיר דאָס האַרץ פאַר פרייד.

— און איך דערקען צומאָל נישט מיין איינקל, — האָט איינע געציטערט מיטן קאָפּ ניין־ניין, — אַלע פּנימלעך זענען ווי איינס.

— מען זעט עס נישט אין דער גאַנצער וועלט.

— כ'זאָג ענק, זיי מעגן איינשטיין ביי קייסאָרים.

— אוי, זאָל זיי דאַרט אויספאַלן צו זייערע קעפּ, די רוצחים, — האָט די יידענע געציטערט מיטן קאָפּ ניין־ניין, — סאַ נאַכט, סאַ גיהנום. איך האָב גע־מיינט, איך וועל עס נישט אויסהאַלטן.

— עס האָט געמעגט שוין קומען אַ ישועה אויף אונדזערע יידן, — האָט זיך אַרויסגעריסן ביי איינער אַ זיפץ.

— איך זאָג ענק, אַז משיח וועט א י צ ט נישט קומען, — ווייס איך שוין נישט...

איבערן הויף האָט דורכגעשפּרייזט מאַניע, די האַנט באַנדאַזשירט אויף דער

ברוסט. ער האָט געשטעלט מונטערע טריט. זיידלער איז מיטגעגאַנגען באַזאָרגט פון דער נעכטיקער נאַכט. זיי האָבן געשפרייט אַרום זיך שאַרפע שפּיטאָל־ריחות.

5.

יידישע דערפער זענען איינגעוועבט געווען אין אַ מעכטיקן שפּינוועב. דער נעץ האָט דערגרייכט די הייליקע בערג פון ירושלים, און געלויערט האָט דאָרט כּסדר מיט בלוטיקע אויגן אַ פאַרשלייערטע שפּין און געשלעפּט צו זיך קרבנות אייג־ציקווייז, איינציקווייז. די טעג זענען בלוטיקע געפאַלן פאַר די פיס; מ׳האָט גע־ציילט די בלוטיקע „ספירה". פון וואָכן זענען חדשים געוואָרן. תל־יצחק האָט שוין אָנגעהויבן ציילן אין חודש אָב.

זיידלערן פלעגט אין דער אַלטער היים תמיד קאַלעמוטנע ווערן אויפן האַרצן, ווען דער חודש אָב פלעגט זיך באַווייזן אויף דער יידישער גאַס. דאָס טרויערן נאָכן חורבן בית־המקדש פלעגט אים דערברענגען צו מרה־שחורה, און געריסן האָט אים צו נצחונות, געטראָגן צו ווערן אויף מעכטיקע פליגל.

זינט זיידלער געפינט זיך אין קיבוץ, איז ער גרינטלעך איבערגעפורעמט גע־וואָרן אין אַ נייעם מענטשן. עס פלעגט אים דוכטן, אַז ער געפינט זיך שוין דאָ יאָרן, מיטגעוואַקסן מיט דיביימער און פעלדער — מיט דעם גרויסן נצחון איבער דער פריערדיקער וויסטעניש.

זיידלערן האָט מען סוף־כל־סוף נאָכגעגעבן: אין די נעכט פלעגט ער אַרויס־גיין אויף „שמירה" מיט אַ געלאָדענער ביקס.

ווען גיטעלע האָט זיך פון דעם דערוווּסט, האָט זי שיער נישט פאַרלאָרן דעם קאָפּ. זי האָט זיך געראַנגלט און געפייניקט מיט די געדאַנקען און געוווּסט, אַז זי טוט אַ חטא קעגן קיבוץ. האָט זי זיך אָנגעטאָן כּוחות און אַרויס צום טאַטן אויף דער וואַך.

— האָב רחמנות אויף מיר, טאַטע...

גיטעלע איז פאַר אים געשטאַנען און זיך געשטיקט מיט טרערן.

זיידלער האָט לכתחילה געוואָלט אַ שמייכל־טאָן. ס׳האָט אים געאַרט איר בעטן און צושטיין צו אים. ער האָט זי לאַנג אָנגעקוקט מיט שווייגנדיקע פרעמדע אויגן. מיטאַמאָל האָט אים אָנגעהויבן צוקן אַ האַלב פּנים, אַן אויג, און פון ברוסט האָט אים אַ שלאָג־געטאָן צום האַלדז אַ הייסער קנויל, אים איז אַזוי מאָדנע ענג געוואָרן. ער האָט זיין פריערדיקע האַנט אַרויפגעלייגט אויף גיטעלעס אַקסל און אויסגעפּליסטערט:

— גיי אַהיים, גיטעלע... זעסט... אָט איז אַ צייט אַזאַ...

זי איז אָוועקגעגאַנגען פון אים צעפּיינִיקט מיט טרערן אין די אויגן. זי האָט זיך געפילט פאַרשולדיקט קעגן זיך, קעגן טאַטן און מאַניען. זינט תל־יצחק איז באַלאַגערט פון די אויסבאַהאַלטענע לויערער אין די בערג זענען אירע טרוימען צעשטערט געוואָרן. מאַניע איז תמיד ביי די גרענעצן פון קיבוץ. די האַנט האָט זיך אים שוין פון לאַנג פאַרהיילט. ער איז נאָך אַנטשידענער און דרייסטער ווי פריער. ער האָט אויך אַריינגעשלעפּט דעם טאַטן אין דער „שמירה״ (כאָטש ער איז געווען קעגן דעם).

מ׳האָט שוין באַוויזן אַראָפּצונעמען די תבואה פון די פעלדער און איינזאַמלען אין שייער. און איצט איז די אַרבעט געווען אין פולן ברען אין די וויינגערטנער.

גיטעלע האָט געאַרבעט אין וויינגאָרטן מיט נאָך אַ סך בחורות פון קיבוץ. מ׳האָט אַלעמען מאָביליזירט צום טרויבן־סעזאָן. מיידלשע רוקנס האָבן אַ גאַנצן טאָג זיך געבויגן צו די נידעריק צעקריפּלטע שטאַמען. די צווייגן האָבן זיך גע־גלידערט הייסע צו דער ערד מיט העגגלען גרינע, שוואַרצע טרויבן. די פולע קערב האָבן יונגען אַרויסגעשטעלט אויף די וועגענער.

פאַר גיטעלען האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ יונג מיט אַ געקרייזלטן קאָפּ האָר.

— עך, גיטעלע, אַמאָל איז געווען אַ לעבן ביי דער־אָ אַרבעט, מ׳האָט געזונ־גען און געהוליעט!

גיטעלע האָט געפּליקט מיטן קנייפּ־שערל די טרויבן און דער קאָפּ איז איר פול געווען מיטן טאַטן און מאַניען, אויפן האַרצן איר איר געווען, ווי ערב תשעה־באָב.

— יאָ, — האָט זי זיך אויסגעגלייכט קעגן אים — „אַמאָל איז געווען אַ מלך״.

צום יונג האָט זיך דערטראָגן אַ קול פון אַ שכנותדיק ביימל:

— ווען איז דאָס ביי דיר דער „אַמאָל״, האַ?

— ווער זינגט עס אַזוי שיין, ציפּורקע? איך האָב באַלד געטראָפן, — האָט ער אויפגעלעבט, — נישט דער „אַמאָל״ פון חשמונאים־צייט.

ציפּורקע האָט אַ בליק־געטאָן מיט די ווייסע ציינער: — וואָס זאָגסטו, גיטעלע, צו אונדזערע „פּועלי־ציון״?

דעם יונג האָט געוואָרפן די נכפּה. ער האָט איר געוואָלט אַריינזאָגן אַ שאַרף וואָרט, האָט ער אויסגעשאָסן:

— צוליב דיין צאַצקען זיך מיט „היסטאָריע״ האָבן מיר איצט די בלוטיקע מערכה.

ציפּורקע האָט פאַרלייגט ביידע הענט אויף די בעדרעס און מיט ביטול אָפּגעצײַלט ווערטער:

— דו ווייסט, וואָס דו רעדסט?

— איך ווייס שוין יאָ, וואָס איך רעד! אַנשטאָט פירן אַן אויפקלערונג ביי

די מדבר־שבטים, האָט איר זיי איבערגעגעבן אין די אָרעמס פון בלוטדורש־טיקע עפּענדיס.

— נאַרישע פּראָזעאָלאָגיע, האָט ציפּורקע מיט כעס זיך אָראָפּגעבויגן צו די טרויבן. זי האָט האַסטיק געקלימפּערט מיטן קנייפּ־שערל און אַרויסגעצאָרנט: — אינטערנאַציאָנאַלע פאַרברידערונג מיט די מדבר־מענטשן, פּשע...

דער יונג האָט אַ הויב־געטאָן אַ קאַרב טרויבן און געלאָזט זיך צום וואָגן.

— זי מיינט אַוודאי, אַז זי לעבט אין דער תקופה פון ניראָן קייסער, — האָט ער אַריינגערעדט אין די ברוינע פּערדישע הינטנס.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער ווידער געשטאַנען פאַר ציפּורקען:

— האָסט פאַרגעסן, אַז מיר לעבן אין אַ פאַשיסטישן „היינט", דו מיינסט אַלץ, אַז דו צאָלסט נאָך צינזן, האַלבע טאַלערס, פאַרן רוימישן גאָט יופּיטער? נישט אַטפּסינותעס חיילות האָבן אָקופּירט דאָס איצטיקע ארץ־ישראל — זעסט די סקאָטלענדער? — האָט ער אָנגעוויזן אין דער ווייט אויף אַ מיליטערישן פּאַטרול.

ציפּורקע האָט אים נישט געענטפערט. מ'האָט געהערט אַ פאַרביסענעם קלימ־פּערן מיט די קנייפּ־שערלעך.

גיטעלע האָט זיך אויסגעגלייכט פון ווייַנשטאָק. אירע אויגן האָבן געקוקט אינדערוויט. זי האָט מיט אַ זיפץ אַ זאָג־געטאָן: יאָ, עס זינגט זיך נישט ווי אַמאָל, פּלישתים עליך, ישראל!

קוקנדיק אינדערוויט האָט זי באַמערקט זיך טראָגן אַ וואָגן. עס האָט גאַ־לאָפּירט באַרג־אַראָפּ צעטרייבנדיק וואָלקנס שטויב. אָט דערזעט זי עמעצן אין וואָגן. יאָ, זי וועט שווערן, אַז דאָס איז איר טאַטע. וואָס עפּעס אינמיטן דערינען, זאָל האָבן וואָס געשען? זי האָט זיך געריסן פון אָרט, אָט שוין צו רעדן מיט אים.

דער וואָגן האָט זיך אַריינגעשניטן אין ווייַך־צעאַקערטן ווייַנגאָרטן. זיידלער איז זשוואָווע אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן. גיטעלע איז אים אַנטקעגנגעלאָפן מיט דעם שערל אין האַנט.

— וואָס איז געשען, טאַטע?

— גאָרנישט, גאָרנישט! — האָט ער צונישט געמאַכט איר שרעק.

מ'איז אַרום אים זיך צוזאַמענגעלאָפן.

— איך בין געקומען אייך העלפן אין דער אַרבעט — האָט ער אַלעמען באַרואיקט — און ווייטער גאָרנישט. וויפל הענט עס זאָלן היינט נישט זיין איז קיבוץ, זענען ווייניק. גייט, גייט צו דער אַרבעט! — האָט ער געטריבן.

אַז זיידלער איז שוין געשטאַנען ביי די איבערגעלאָדענע ביימלעך מיט הייסע טרויבן, האָט ער אַ באַרואיקטער אין אַ שטיקל צייט אַרום דערציילט, אַז מ'האָט געכאַפּט אַ בעדואינער. ער האָט זיך געגנבעט אויף אַלע פיר צו די

עלעקטרישע עמודים. און ווער, קלערט איר, האָט אים באַמערקט? מאָניע! רייטנדיק אויף זיין שקאַפּע האָט ער פון ווייטן באַמערקט דעם תכשיט, ווי ער פאָרעט זיך אין דער אַדמה. מ׳איז אים פאַרלאָפן פון הינטן און געכאַפּט ביי דער אַרבעט. יענער שווערט זיך ביי מוחאַמדן, ביי די קעמלען און ווייבער. היתכן? ער איז דאָך אונדזערער אַ שכן, אַ ברודער, געזוכט ווייס־איך־וואָס זעל־טענע גראָזן צו אַ רפואה — און דאָ אַזאַ בלבול אויף אים, הע... מ׳האָט געזוכט, געגישטערט אין דער אַדמה, און איר מיינט אַוודאי, אַז מ׳האָט נישט געפונען אַ באַמביניערקע?

— אַ וואָס? — האָט מען נישט דערהערט דאָס לעצטע.

— אַ באָמבע! — האָט זיידלער טריאומפירט בקול רם.

— אַ כאָלעריע! — האָבן אויפגערעגטע מיילער געצאַרנט.

— מיר האָבן דעם תכשיט איבערגעגעבן די סקאָטלענדער, און איר האָט באַדאַרפט זען די אויגן פונעם בעדואינער? — האָט זיידלער פאַרענדיקט. — צוויי שאַרפע מעסערס, גרייט אָפּצוקוילען דעם ערשטן פון אונדז.

— נו, ווו איז ער דאָרט — האָט ציפּורקע טריאומפירט מיט אירע בליאַס־קעדיקע ציינער, — גיי, שאַף אַ ברודער־בונד מיט די דאָזיקע!

— דער יונג מיט דעם געקרייזלטן קאָפּ איז אויסגעוואַקסן.

— איך בעט דיך זייער, ציפּורקע, — האָט אַרום זיין מויל זיך צעלייגט אַ שפּאָט, — עס איז דעמאַגאָגיע! — הערט, חבר זיידלער, — איז ער מיט פּאַטאָס גלייך אַריבער צו גיטעלעס טאָטן, — איר זענט דאָך אַ ייד מיט פאַרשטאַנד, ווי האַלט איר, מ׳האָט געקאָנט אויסמיידן דאָס בלוטבאָד?

זיידלער האָט מיושבדיק זיך אַ גלעט געטאָן אינעם פאַרשפּיצטן בערדל און זיך אָפּגערופן:

— די געסיכטע פון דער היסטאָריע איז אָט־וואָס: וועדליק מיר דוכט זיך, קען מען אַ בער אויך אויסלערנען טאַנצן; עס ווענדט זיך אין ווילן. אַז איך האָב געוואָלט, בין איך פון אַ ליידיקגייער געוואָרן אַ דאָרף־מענטש, אַ יגיע־כפּים: האָבן צו טאָן מיטן גרויסן כלל, זעט איר, איז אַ סלעכטער עסק.

— באַלד, נאַכאַמאַל, — האָט זיך יענער אַ טאַרע געטאָן אין דעם געקרייזלטן קאָפּ, — איר זאָגט דאָך, עס ווענדט זיך אין „ווילן", יאָ?

— כאַפּט נישט! — האָט זיידלער פאַר אים אויפגעשטעלט די דלאָניע, — אונדזער סטאַדע שאָף קען געפירט ווערן פון איין איינציקן פאַסטוך, פון אונדזער בערקען. מענטשן אָבער זענען, מ׳זאָל נישט געשטראָפט ווערן מיט די רייד, ריכטיקע חיות. גרויזאַמע חיות, צו מענטשן דאַרף מען האָבן דעם גרויסן מאַגנעטישן כוח, כדי זיי צו צוימען און באַהערשן.

— קומען מיר טאָקע מיטן מאַגנעטישן כוח, מיט דער אידיי פון סאָציאַ־

ליזם, — האָט דער יונג אַ שאָט־געטאָן פון מויל, — מיט מעשים דאַרף מען אַרויסקומען. מ׳קען נישט סתם יוצא זיין מיט פּאַפּירענע דעקלאַראַציעס.

אַרום זיי איז געוואָרן אַ גאַנצער טומל און האַמפּעריי. אַ גאַנצער קרענצל מיט חברה זענען אריין איינער אין אַנדערנס רייד. ציפּורקע האָט אַריינגעוואָרפן ראַיהס פון דער געשיכטע. יענער חבר איז אַ בוגד, פאַרקויפט זיך דעם פיינט, פּונקט ווי אַמאָל די בוגדים ביים חורבן בית־המקדש.

אַ גליק איז, וואָס דער פול־געפּאַקטער וואָגן מיט די קערב טרויבן האָט קרעכצנדיק אַוועקגעשלעפּט זיך פון כּרם, מיטנעמענדיק דעם צעהאָצטן דיס־קוטאַנט.

נאָכדעם איז צוגעפאַלן אין וויינגאָרטן אַ הייסע שטילקייט. מ׳האָט געהערט אַ פאַרביסן האַסטיקער קלימפּערן פון די שערלעך.

— אַ צרה מיט אונדזערע יידן — האָט זיידלער אַראָפּגערעדט צו די בינט־לעך טרויבן. ניין מאָס רייד און איין מאָס מעשים; ווען דאָס וואָלט געווען פאַר־קערט, עד...

6.

תּל־יצחק האָט געציילט דעם אַכטן טאָג אין חודש אָב. איבער בלויע הייסע הימלען האָבן זיך געכמורעט פאַרנע וואָלקנס, ווי ערב רעגן. וואָלקנס האָבן גע־שאָטנט זוניקע שטיקער פעלדער און הייזער. זון האָט מער ווי אַלעמאָל געשרפהט און נאָס־געמאַכט מענטשנס לייבער.

זיידלער איז געבליבן אַרבעטן אין די שטעלער פון די בהמות. ער האָט אַרויסגעשאַרט מיט אַ גראַבליע הויפנס מיסט אין זוניקן דרויסן־אַרויס. טוכלע שלעכטע ריחות האָבן פול געמאַכט דעם אַוויר. זיידלער איז צוגעוווינט געווען צו דעם. עס האָט אים נישט געאַרט. צוויי קי, חולהוואַטע, מיט ברוינע לאַטעס אויף ווייסע פעלן, זענען געבליבן ביי די מולטערס פאַשע, זיי האָבן אַלעמאָל געדרייט די קעפּ צו זיידלערן, אין די גרויסע טונקעלע אויגן האָט געוויי טיקט אַ שטומער בהמהשער צער.

אין דער ברייט צעפּראַלטער טיר האָט זיך באַוויזן לייזער דער שניידער מיט די הענט פאַרלייגט אויפן הינטער־חלק. ער האָט מיט דער נאָז אַ בכבודיקן שמעק־געטאָן די טוכלע שטאַל־לופט. עס האָט אים אַ גרים־געטאָן אויפן ניכ־טערן מאָגן.

— הע, דאָס זענט איר? — האָט לייזער זיך גאַרנישט געריכט צו טרעפן

דאָ זיידלערן, — וואָס עפּעס ביחידות? — האָט ער אַ שיק־געטאָן די באָרד צו די קי.

— זענען קראַנק!

— נעבעך... — האָט לייזערן אַרומגענומען אַ רחמנות. — להבדיל, איך בין אויך נישט מיט אַלעמען...

— וואָס עפּעס? — האָט זיידלער אים אַנטקעגנגעטראָגן אַ גראַבליע מיסט.

— אַן אַלטע געשיכטע, דער מאָגן. דער דאָקטער זאָגט: דער קלימאַט איז שולדיק. וויס־איך־וואָס? פּאַסט מען טאָקע מער, ווי מען עסט.

— עס גייט דאָך צו תשעה באָב — האָט אים זיידלער געטרייסט.

— נו, מאַכט מען זיך „שוועגטי" — האָט לייזער נישט געוואָלט הערן יענעמס טרייסט־וואָרט — קוקט מען אָן ס'באַלעבאַטישקייט. איך בין אָקאָרשט געווען ביי די אקובאַטאָרן, אַ נחת צו זען די עופּהלעך, ווי דאָס פּיקט זיך אויף „לעקטריע". פּלאי פּלאים.

— אַלץ דער מענטשלעכער שכל, אַ־יאָ, ר' לייזער?

— נע... — האָט לייזער אַריינגעשיקט די האַנט אין דער בכבודיקער באָרד — מען דאַרף זיך שוין גרייטן צום „פּאַרפּאַסטן". שלום!

די הייסע שעהן האָבן זיך געמעקט און די זון האָט אָנגעהויבן אַראָפּגיין צו מערב. איבערן הויף פון קיבוץ איז געוואָרן אַ באַוועגונג פון פאַרשטויבטע האָרעפּאַשניקעס, צוריקגעקומענע פון פעלדער און גערטנער. מ'האָט געטריבן די קי און שעפּסן אין די שטעלער. דאָס מעקען און רעווען פון די בהמות האָבן פול־געמאַכט דעם גאַנצן הויף.

אין זיידלערן האָט געציערט אַן אומרו. בן־יהודה האָט אים נאָך פון מיטן טאָג אָנגעוווּנקען, אַז אין די בערג איז נישט כשורה. די חברים אויף דער וואַך האָבן נישט איבערגעגעבן קיין פריילעכע גרוסן. מאַניען האָט ער גאַנצן טאָג נישט אָנגעזען פאַר די אויגן. ער איז ביי די גרענעצן פון דאָרף. דער אומרו האָט בסדר אין אים געוואַקסן. צי איז דאָס מחמת דעם, וואָס די נאַכט פון תשעה־באָב דערנענטערט זיך? ניין, ער וויל נישט טרויערן נאָכן אַמאָליקן חורבן פון ירושלים; ער וויל אויפהאַלטן אין זיך דעם אויפגעבליטן נצחון פון הײַנט. די אָפּגעברענטע יונגען מיט די שויבערס אין די הייסע אויגן האָבן אין אים געוועקט אַזויפיל גלויבן און כוח פאַרן ליכטיקן מאָרגן.

פון אָפּענע פענצטער האָט זיידלער דערהערט אַרויסשרייען וויינענדיקע קולות. די קלאָגערייען זענען געגאַנגען בציבור. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז מען האַלט שוין אין שולעכל ביי די „קינות". אין דער אָפּענער טעראַסע האָט ער דערזען זיצן אויף אויסגעשפּרייטע ראָגאָזשעס ווייבער, די פאַרוויינטע פּנימער איינגעשלייערט אין טיכער. איבער די באַקן און וויינענדיקע רויטע נעז האָבן

זיך אַראָפּגעגאָסן גרויסע זודיקע טרערן — גלייך אויף די געל־פּאַרפּלעקטע ב׳לעטער פון די קינות. איינע מיט אַ פּנים, ווי אַ צעקרימטע מאַסקע, האָט גע־שלוכצט און אַרויסגעקרייט פון עברי־טייטש: „און ער האָט פאַראומרייניקט, אַנטיוכוס, די וואַנט פון דיינע הייליקטימער. און ער האָט געלאָזט טון קוילענען אַ חזיר אויף דיין געטלעכן מזבח״.

זיידלער איז אַריין אין צווייטן צימער, ווו אַלץ איז געווען צעלייגט ווי טונ־קעלע שאָטנס אויף דער פּאָדלאָגע. די בענקלעך זענען געווען איבערגעקערט, ווי נאָך אַ חורבן. יידן מיט טרויעריקע בערד אין די בלויזע שקאַרפּעטקעס האָבן געכליפּעט ווי קליינע קינדער. יענץ יידל, דער „תהילים־זאָגער״. האָט זיך גע־קלאַפּט מיט די הענט אין קאָפּ. פון זיין צעווייטיקט מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי: „לא האמינו מלכי ארץ וכל יושבי תבל כי יבוא צר ואויב בשערי ירושלים...״

זיידלער איז געשטאַנען אַ פרעמדער אין דער וויינענדיקער עדה. דער אומרו האָט אים געהויבן פון דאַנען. ער האָט דאָ צווישן דעם געוויין דערזען דעם „געכטן״, וואָס פאַרגייט און קומט שוין מער נישט צוריק.

ווען ער איז אַ צעטראָגענער אַרויס פון דעם קלאָג־שטיבל, האָט ער הינ־טער זיך געהערט שלוכצן אַ ווייבערישע שטימע: „אַ, דו יונגפרוי, טאָכטער פון ציון, גרויס איז דיין אומגליק, ווי דער ים. ווער קען דיר ל־י־ג־ד־ע־ר־ן דיינע ווונדן?...

אין דרויסן איז שוין געווען טונקל, נאַכט. זיידלער האָט זיך געלאָזט צום פאַרזאַמלונגס־זאַל הערן „נייעס״ פונעם נציבס ראַדיאָ. די ראַדיאָ־כוואַליעס האָבן געברענגט צו טראָגן די קרעכצן פון גוססע אין שפּיטעלער. דער בלוטיקער שפּין איבער די הייליקע בערג פון ירושלים האָט געשלעפּט צו זיך קרבנות איינציקווייז, איינציקווייז. דאָס פייער האָט זיך געשפּרייט איבער תבואה אוןביימער, און חרוב־געמאַכט פּראַצע פון מענטש־לעכע הענט.

זיידלערן האָט געווייטיקט דאָס האַרץ. ער האָט דעם ווייטיק פאַרקריצט מיט די ציינער.

יונגען האָבן זיך אַ וויג־געטאָן; זיי זענען געווען גרייט מיט די קערפּערס צו פאַרצוימען די ווילדע מגפה.

— מיר וועלן נישט לאָזן! — האָבן פויסטן געבײַלט — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — פון די בערג האָבן אין דער רגע זיך אַרונטערגע־לאָזט טונקעלע געשטאַלטן פון מדבר־געצעלטן, ווילדע שנאה האָט געברענגט

אין זייערע בוזימס. זיי האָבן זיך געגנבעט מיט שטילע באָרוועסע טריט באַרג־אַראָפּ צום טאָל. די אויגן, ווי אָנגעצונדענער פאָספאָר האט דורכגעשטאכן נאַכ־טישע פלאַנצן און קוסטעס. אויף אלע פיר האָבן זיי זיך געצויגן צום נאָענטן וועלדל — צו די צעשטעלטע עקאַליפּטוס־ביימער — — — — — — דאָס פייער האָט אויפגעקנאַלט מיט איין זעץ. פלאַמען, רויטע צונגען האָבן געקלאַפּט די שטאַמען און צווייגן.

אויפן זאַל איז געוואָרן אַ טרעוואָגע. יונגען מיט אָנגעצונדענע אויגן האָבן ווי אַ מאַגנעט, זיך אַ וויג־געטאָן און מיט ליאַרעם אַרויס אין הויף. אין איין רגע איז דער זאַל ליידיק געוואָרן. דאָס פּאַלירטע ראַדיאָ־קעסטל האָט געגלאָצט מיט אָנגעצונדענע עלעקטרישע אויגן צו די ליידיקע שורות צעשטעלטע בענק און אַריינגערעדט אין דער ליידיקייט. (ס'האָט קיינער נישט פאַרדרייט דאָס קנעפּל).

ציידלער איז געלאָפן אויסגעמישט אין דער צעשטורעמטער מחנה. דער הימל האָט זיך געצונדן אין רויט.

פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן קנאַלן ביקסן־שאָסן. די קוילן האָבן געצוווישטשעט, ווי נישט־גוטע, איבערן קיבוץ. מ'איז געלאָפן מיט איינגעבויגענע רוקנס ביי די ווענט. מ'איז געלאָפן און געפאַלן. די בערג האָבן הילכיק געקנאַלט. תל־יצחק האָט געענטפערט מיט פייער.

לענג־אויס די פינצטער אויסגעלאָשענע הייזער איז געלאָפן בן־יהודה. ער איז געלאָפן געבויגן מיט דער ביקס אין האַנט. ער האָט געשיקט באַפעלן די פרויען און קינדער. ער האָט די עלטערע מענטשן אַריינגעיאָגט אין די בעטאָנענע ווענט. אין דער האַווענייש האָט ער מיטאַמאָל באַמערקט אַרויסבלישטשען פון פאַרזאַמלונגס־זאַל אַ טונקעלע שיין.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ חוצפה?! — האָט ער געצישעט מיט די ציין.

צו זיינע אויערן האָבן זיך דערטראָגן קלאָגעדיקע טענער פון „איכה" — טענער, אַש פון חורבנות.

אַ פינצטער צעצאָרנטער איז ער אַריינגעלאָפן אין זאַל, ער איז צו צום ראַדיאָ־קעסטל און מיט ווילדן כעס אַ דריי־געגעבן דעם קנאָפּ:

— צום טייוול מיט זייערע „קינות"!

— — — — — — — — — — — —

ציידלער איז געלעגן אין פאַרטיידיקונגס־גראָבן מיט נאָך אַ סאַך דרייסטע יונגען. די ביקסן האָבן געקנאַלט מיט פייער איבער דעם אָנגעשאָטענעם וואַל,

איבער זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו פייפן קוילן, אָנגעפלויגענע פון די בערג. דער אָנגעצונדענער הימל האָט באַלויכטן די איינגעגראָבענע פּנימער אויף די ביקסן. די שיסערייען האָבן נישט נאָכגעלאָזט אַ רגע, ווי זיי וואָלטן אין געוועט געגאַנגען: ווער וועמען וועט איבערשטייגן.

זיידלערן האָט געפּאַליעט דאָס האַרץ. נאָך יעדן קנאַל פון ביקס האָט די קאָלבע אים אַ שטויס געטאָן אין אַקסל. עס האָט אים אויסגעדאַכט, אַז לויפט מען אים אַנטקעגן, אַז פאַלט מען צו דער ערד. עס דרייט זיך, ווי אַ קריפּל אין די קוסטעס און גראָזן. ער האָט פיבערדיק געקלימפּערט מיטן מעטאַלענעם שלאָס, פאַרזעצט קוילן און ווייטער געפייערט.

דער מהלך פון אַ תקופה יאָרן האָט זיך איינגעשרומפּן פאַר אים אין עטלע־כע רגעס. עס דאַכט זיך אים, אַז ער, פישל זיידלער, געפינט זיך איצט אין די מאַנדזשורער אָקאָפּעס. ער, אַ קרעפּטיקער, אַ יונגער, איז גרייט אָפּצושטויסן דעם פיינט, וואָס וועט זיך וואַרפן אויף אים.

מיט אַ צען טריט ווייטער איז געלעגן בערקע מיט דער ביקס. די לאַנגע האָר זענען אים צעפּאַטלט געווען איבערן קאַרק און פּנים. דער אָנגעצונדענער הימל האָט אים אַריינגעלויכטן אין די אויגן, און פון דאָרט האָבן אַרויסגעגלאַנצט צוויי גליאיקע קוילן. אין דער ווילדער וואַקכאַנאַליע פון דעם פאַרטויבנדיקן קנאַלן, האָט אים געוועקט דער באַוווסטזיין: זיי ווילן אונדז אומברענגען, די מנובלים, אָפּמעקן פון דער ערד. נאָך יעדן פייער־שאָס האָט ער אַ קריץ געטאָן מיט די ציין: אין זייער טאַטן אַריין!

ענדלעך האָט זיך דערהערט דאָס הילכיקע שטעפּן פון אַ מאַשינגעווער. עס האָט געהאָגלט מיט קוילן. עס האָט אַריינגעקאַמט מיט פייער אין די בערג. בער־קען איז לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט דעם הייסן שטערן צוגעלייגט צום קאַלטן ביקס־שלאָס. די געדאַנקען ביי אים זענען געווען איין שטיק בליי. אין דער ליידנשאַפטלעכער האָגלעריי פון מאַשינגעווער זענען די ביקסן־קנאַלן פון די חברים שוואַכער און שיטערער געוואָרן. בערקען האָט גערעגט דאָס העפּ־טיקע קנאַלן פונעם שכן, וואָס האָט נישט אויפגעהערט אַ רגע צו שיסן.

— ווער איז דאָרט?... חבר... — האָט ער אַריבערגעשריגן מיט איינ־געהאַלטענעם אָטעם.

ער האָט נישט באַקומען קיין ענטפער.

דאָס שיסן פונעם שכן האָט נישט אויפגעהערט.

בערקע האָט אָנגעהויבן קריכן אויפן בויך, שיקנדיק פאָרויס די ביקס.
זיידלער האָט דערהערט עמעצן קריכן.
— ווער איז דאָרט?? — האָט ער אויסגעשריגן.
בערקע האָט זיך צו אים דערשאַרט, קריכנדיק ווי אַ געשפּענסט.
— דאָס בין איך, בערקע...
— ווער?
זיידלער האָט דערזען פאַר זיך בערקען מיט די ווילד־צעפּאַטלטע האָר אויפן פּנים און אַקסלען. די אויגן האָבן ביי אים געגליט, ווי ביי אַ פּאַרצייטיקן נביא.
— האָ, דאָס זענט איר? — האָט בערקע ממש אויסגעשריגן פאַרווּנדערט
— גיטעלעס טאַטע!
ער האָט נישט געגלויבט די אייגענע אויגן.
זיידלער האָט געהאַלטן פעסט פאַרדריקט די ביקס אין די הענט. ער האָט צעטראָגן אויפגערעגט געמורמלט:
— צום טייוול... זיי ווילן אונדז ברענגען דעם חורבן בית־שלישי...
בערקען איז ענג געוואָרן אין האַלדז. גיטעלעס טאַטע האָט אים געריררט ביז טרערן. ער האָט אים אַ סאַך גוטע ווערטער געוואָלט איצט זאָגן — װענען זיי אים שטעקן־געבליבן אין האַלדז. ער איז מוחל... ער איז מוחל...
בערקע האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו זיידלערן און אים געדריקט שטאַרק, הייס:
— איך האָב נישט געגלויבט, אַז דאָס זענט איר, חבר זיידלער, ניין...
בערקע האָט צום ערשטן מאָל אָפּגעגעבן אַ פריינטלעכן „שלום" גיטעלעס טאַטן.

1936

דער בעל־תשובה

1.

פון זיין טאַטן און זיידן, און פון נאָך עלטערע דורות — האָט ישראל זעליגמאַן, דער „דזשעדזשיץ״ — ווי עס האָבן אים מיט גרימעניש אויף די ליפּן גערופן דער פאַרהאָרעוועטער פּראָסטער עולם — געירשנט שטיקער פעלדער, וועלדער. אין זיינע מאַיאָנטקעס האָט געפּיבערט מיט שווייסיקן לעבן. קיין ליידיק שטיקל ערד האָט נישט געפּוסטעוועט סתם אַזוי זיך. ער האָט שוין קאָמבינירט אַרויסצושלעפּן „ס׳זייניקע״. פּאַראָבקעס, גויטשאַקעס האָבן געהאַקט דאָס געהילץ פון דעם וואַלד; די בלאָטיקע, פעט־שוואַרצע טאָרף־פעלדער אין די טאָלן האָבן זיי געשניטן אין ציגל, געלייגט אין שטויסן, אין קלאַפּטערס צו טריקענען איבערן הייסן זומער. און אַז די ערד איז גאָר ליימיק געווען, האָט ער געבויט ברען־אויוונס; די „ציגעלניע״ האָט אויסגעברענט רויטע ציגל פון די טיפע ליים־גריבער. וועגענער מיט שווערע משאס האָבן זיך געצויגן קרעכצנדיקע איבער שליאַכן און סטעזשקעס פון די אַרומיקע פעלדער.

געשמט האָט ער אָבער פאַר זעליגמאַן „דער מילנער״, מחמת דעם, וואָס אַ רויטע ציגל־געביידע מיט הויכע שמאָלע פאַרקראַטעוועטע פענצטער האָט גאַנצענע טעג געגוואַלדעוועט, גערוישט ווי אַ מעכטיקער וואַסערפאַל; טראַנסמיסיעס, ווינדעס האָבן זיך געשווינדלט, געאיילט אין דעם שטויביקן טוכלען אַוויר פון דער דאַמפמיל. שטראָמען זון־ליכט האָבן זיך אַריינגעריסן דורך די שמאָלע פענצטער, פאַרוועבט דעם מעל־שטויב אין אַלכסונדיקע דיוואַנען. פאַרוועבט און פאַרמאַניעט די פאַרמעלטע ווייסע געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך, ווי

פאַרלאָרן ביי די שטויסן זעק מיט תבואה. עס האָט נישט אויפגעהערט צו רוישן פון פאַרהוילענע טיפענישן־אַרויס מיט אַן אומאויפהערלעכן ווייסן רעש.

זעליגמאַן דער מילנער פלעגט זיך לאָזן אין זיין אויסגעפוצט ווייך פאַ־יעטאָנדל — איינגעשפּאַנט אין דעם אַ צעבאַלעוועט הייס פערדל. אויבן, אויף די קאָזלעס האָט אָנגעטריבן וואַלענטי דער קוטשער מיט אַ פייערדיקן קנאַל פון בייטש. זעליגמאַן איז בטבע געווען אַ יאַדישליוווער. משמעות, אַז די קרענק האָט ער מקבל געווען בירושה, ווי זיינע גיטער און פעלדער. און מחמת דעם, וואָס ער פלעגט זיך גאָר מסוכנדיק צעהוסטן מיט אַ געדושעטן שלשלת. אַז אַלץ, וואָס אין אים—דאָס פּנים, די אויגן, די באָרד—פלעגן זיך קראַמפן אין ברוין און בלוי, אַז אָט־אָט, דאַכט זיך, איז שוין געענדיקט... — איז מחמת אָט די אַלע זאַכן פלעגט ער דעריבער נישט קוועלן די איידעלע פּיס. דאָס פאַיעטאָנדל מעג אים טראָגן צו זיינע גיטער אָפּצונעמען ראַפּאָרט פון זיינע בוכהאַלטערס און שרייבערס, וואָס פּאַרען זיך אין די גראָבע, געשוואָלענע חשבון־ביכער.

זעליגמאַן איז אַ גאָטספאַרכטיקער, דערצו נאָך אַ כשר יידיש האַרץ — פלעגט ער טאַקע זען, אַז וואָס מער ערלים זאָלן פאַר אים טאָן די שווערע אַרבעטן; פון זיינע פאַר „מענטשן“, די יידן אין מיל, האָט ער נישט קיין נחת: פאָדערן מער שכירות, קינדלען און בעטן הוספות. וואָס איז ער שולדיק, ס׳ווילט זיך זיי האָבן קינדער? זיי וועלן דאָך אים בדלות שטעלן!

פלעגט ער זיצן אין דעם ווייך־אויסגעבעטן פאַיעטאָנדל און האָבן גרויס צער פון דעם אַלעמען. זיינע ביידע אויסגעכאַליעטע פּוכקע הענט פאַרלייגט אויף דעם שוואַרצן גבירישן שטעקן מיטן עלפאַנטביינערדיקן הענטל, די באָרד צע־קאָמט, ווי אַ יום־טובדיקער פלאָדן, האָט זי אַראָפּגעשריגן פון זיין בגד: מאַכט אַ וואָרע פאַר דעם „דזשעדזשיץ“ זעליגמאַן! וואַלענטי האָט מיט אַ קנאַל פון דער בייטש אָנגעטריבן דאָס פערדל — און זעליגמאַן האָט, וויגנדיק זיך אויף דעם ווייכן געזעס, זיך שטאַרק געערגערט פון זיינע געדונגענע „מענטשן“ וואָס זיי עסן אים אָפּ די לעבער, — דער הוסט, וואָס באַפאַלט אים ראַפּטום, — האָט ער אויך צוגעגעבן אויפן חשבון פון זיינע „מענטשן“ — דעם קץ ברענגען זיי אים!

און ווייל די אייזערנע רייפן פון די רעדער האָבן נאָך צוגעגעבן מער רעש צו זיינע מחשבות, האָט ער געלאָזט אַרויפציען אויף די רעדער גומעס, כדי נישט צו וואַרפן זיך אַזוי מיט איבעריקן טומל אין די שטעטלשע אויגן. העצקעט ער זיך אַזוי מיטן פאַיעטאָנדל איבערן שטיינערנעם ברוק פונעם שטעטלשן מאַרק — און וואַלענטי, ווי ער וואָלט צו־להכעיס גאָר פאַרראָטן דעם „דזשעדזשיצס“ כוונות — ווערט ער ביז גאָר אויפגעהייטערט און מיט אַ פייערדיקן קנאַל פון בייטש וועקט ער אויף דאָס ביסל אָרעמשאַפט פון איינגעדרימלטן מאַרק. דער־

זעענדיק וואַלענטין הויך איבער די קאָזלעס איינגעשלייערט אין דער בלויער ליוורייע מיט די רייזיקע אויסגעשייערטע ניקלנע קנעפּ, ווי די לבנות — שטעלן זיך צוערשט אויף פון די שטיינערנע שוועלן אַ שורה טרעגער, יידן ווי די דעמ־בעס מיט גראָבע שטריק פאַגאַרטלט אַרום די לענדן. דערנאָך באַווייזן זיך אַרויס פון די געוועלבער, די נאַפט־ און הערינג־קרעמערלעך.

— אַ כאָלעריע, זעסט? ווי דאָס האָט זיך אויסגעקליבן דעם פעטן חלק פון „ונתנא תוקף״?

— וואַלענטי פאַרך, ער מיינט אַז גאָט דאַסט אים אויפן קאָפּ.

— יעך וואָלט אים פאַר קיין שום געלט נישט געלעקט דעם הינטער־חלק; זאָל ער אַליין טראָמפּלען מיט די רגלים.

— זינדיקט נישט, זינדיקט נישט יידן — האָט אַ טרעגער פון „חברה תהילים״ נישט געקענט פאַרטראָגן דעם עזות. — יעדן איינעם טיילט־צו גאָט זיין חלק.

— אַזוי שטייט אין דיין ספר פּראַלניק? — האָט זיך כאַלאַמייקע, אַ טרעגער מיט אַ קופּערנער באָרד, אָנגעצונדן. דאָס קאָסאָקע אויג האט ביי אים געשפּריצט מיט פינצטערער רוגזה, — נאָר ז י י ן חלק האָט ער, דער „וצדקתך״? פאַרוואָס נישט ד י י ן חלק, און מ י י נ ס — אונדזערע אַלעמענס חלקים, האָט ער זיך פאַררוקט אין זיינע קעשענעס.

אַ קנאַל פון וואַלענטיס בייטש האָט פון ווייטן געגעבן אָנצוהערן, אַז זעליג־מאַן אין פאַיעטאָנדל וויגט זיך שוין איבער דעם גלאַטן וואַרשעווער שאָסיי, וואָס פירט צו דער דאַמפמיל, צו דער ציגעלניע.

די יאָרן זענען געלאָפן. דער ווינטער האָט געוויקלט די ערד אין שנייען. איבער די ווייסע שליאַכן האָט זיך געשניטן אַ פאַלירט שליטל באַגלעקלט און באַצימבלט מיט אַ כאָר גלעקלעך. וואַלענטי האָט זיך געיאָגט מיטן „דזשעדזשיץ״ צו דער דאַמפמיל, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו זעצן אין די הימלען פוך־פוך־פאַך.

און אַז אַנטקעגן אים האָט זיך דורכגעשניטן מיט אַ גלעקל־געוואַלד אַ פיי־ערדיקע טראָיקע בראש מיטן פּאָליצמייסטער, אַ שררה מיט געל־פייערדיקע באַקן־בערד — האָט זעליגמאַן ראַש אַראָפּגעצויגן דאָס פוטערנע היטל אַנט־בלויזנדיק א גאָלן קאָפּ, ווי אין מרחץ:

— איך דין דעם וואַשע וויסאָקאָראָדיע!

אַ ווייסע באַהענטשקעטע האַנט האָט באַוויליקט זיך אויפצוהייבן, באַרירנדיק דעב גלאַנציקן פּאָליצמייסטער־דאַשעק.

די באַפּעלצטע אָנגעפּרוירענע יידן אין מאַרק האָבן געגאַפט אין די ווינ־

טערדיקע פאַרפּאַפּטע בערד. זיי האָבן מיט גרימעניש נאָכגעקוקט די געהוי־בענע אַדונים:

— אַ דערלעבעניש, האַ?

דאָס שליטל האָט פאַרביטן דעם פאַיעטאָנדל, דאָס פאַיעטאָנדל דעם שליטל, און די דאַמפּמיל האָט נישט אויפגעהערט צו פּילדערן אין דער אַרומיקייט מיט זיין פּוך־פּוך־פּאַך.

די ווינטערס מיט די זומערס האָבן זיך אַזוי לאַנג געביטן, ביז עס האָבן זיך אויך מיטאַמאָל געביטן די יוצרות: די מענטשן מיט אירע היטער און אָרד־נער. אַנשטאָט די שוואַרץ־באַשטיוולטע סטראַזשניקעס מיט די נאָכהענגענדיקע רויטע שניר און מעשענע בלעכן אויף די קאַסקעטן, זענען ווי פון אַן אַנדערער וועלט אַראָפּגעפאַלן רויט־באַזויפטע דייטשישע וואַכמייסטערס. די מעטאַלענע שנאָבלען אויף די קאָפּ־העלמס האָבן געשטאָכן אַלעמענס אויגן. פון זייערע פּיס־קעס האָט נישט אויפגעהערט צו קרייצעווען און דאַנערוועטערן — ביז דאָס שטעטל איז מזכה געוואָרן מיט אייגענע פוילישע פּאָליציאַנטן. זייערע קעפּ האָבן זיך געגרויסט מיט די שמאַדאַלסקע מאַטשעיוווקעס, מיט די קאַנטיקע המן־טאַש־שפּיצן.

מיטאיינמאָל האָט די דאַמפּמיל ווי עפּעס אויפגעהערט צו פּילדערן אין דעם ווייטן אַרום. און אז וואַלענטי איז אַוועק דינען דער „אייטשיזנע", האָט שוין זעליגמאַן געמוזט זיך אַנטווינען פון דעם פאַיעטאָנדל, איז ער שוין גע־גאַנגען צופוס איבער דעם שטעטלשן מאַרק. ער האָט געטשאַפּעט דעם גבירישן שטעקן מיטן עלפאַנטביינערדיקן הענטל אין ברוק און זיך פאַרכליסניעט יעדעס מאָל אין דער באָרד־אַריין מיט אַ לאַנגן פאַרדושעטן שלשלת — געענדיקט האָט ער מיט אַ ביטערן „אוי".

די טרעגער אויפן מאַרק האָבן אים נאָכגעטשאַטעוועט מיט ממזרישע אויגע־לעך. די בערד זייערע האָבן געשמייכלט מיט גרימעניש:

— גראַבסקעלע, אַ בראָך אויף דיר, האַ?

— ער וועט אונדז אַלעמען אויסגלייכן, נישקשה.

— זע נאָר דעם „פּוכקע לבבות"! ביסט מיט אים אויסגעזאָרגט, די פּעטע גענדזעלעך וועלן אים ביישטיין אויפן גאַנצן לעבן!

— אָבער וואָס קומט שוין אַרויס שלוימקע קאַשעמאַכער, אַז ער באַקט שויך, נעבעך, בייגל אין דער ערד. אָפּגעפּינצטערט אַ לעבן ביי דעם ווייסן מעל...

— און דעם־אַ „דזשעדזשיך" אַרט עס ווי דער קאַץ. יעך געב דיר אַ „צע־נערל", געפּין אַ שטויבעלע מעל אויף זיין פּראַק!

זעליגמאַן, אַז ער פלעגט קומען פון אַזאַ שפּאַציר צו זיך אין הויז, האָט ער נאָך געפילט אויף זיך די בליקן פון שטעטלשער אָרעמשאַפט. ביי זיך אין הויז

האָט ער אויך נישט געפונען קיין מנוחה. זיין ווייב שפּאַנט אַרום אין די צימערן אָנגעכמורעט מיט גבירישער גרויסהאַלטעריי, אירע קורצזיכטיקע בלויע אויגן דערקענען קיינמאָל נישט קיין זאַך; זי דערקענט אַפילו נישט דעם אייגענעם מאַן, וואָס זינט וואַלענטי איז אַוועק דינען דער ליבער „אויטשיזנע", איז דער מאַן עפּעס קלענער געוואָרן. זי האָט שוין באַלד מיט קיינעם נישט צו רעדן. אירע דריי טעכטער, די אויסגעגעבענע פּאַר רייכע מענער ערגעץ אין דער ברייטער, ווייטער וועלט, לאָזן זיך שוין אויך אַזוי אָפּט נישט הערן. זייער בן־יחיד יאַשקע, וואָס גאָט האָט זיי באַגליקט מיט אים שוין צו די נאָענטע פופציקער, פּירט זיך עפּעס מאָדנע אויף; האָט ער אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אַ בלוי־ווייס מכבי־היטל — און עלעהיי וואַלענטי — זאָגט ער — דאַרף ער אויך אויס־לייזן ארץ־ישראל פון די בעדואינערס הענט. די שעה האָט געשלאָגן! די מכבייער דערוואַכן ווידער אויף זייער ערד!

זעליגמאַן איז איינמאָל פון קלויז געקומען, און אין די אויערן האָבן זיך אים געבאָמבלט די רייד פון דעם „זאָגער". ער האָט געדרשנט פאַרן אָרון־קודש, אַז ובא לציון גואל — באַלפור, דער ענגלישער משנה־למלך, האָט געטאָן שיקן אַ יידישן גענעראַל־גובערנאַטאָר צו שאַלטעווען אין דעם הייליקן ארץ־ישראל.

אין זיין מוח האָבן זיך געעקבערט פאַרשידענע געדאַנקען. מען רייסט פון אים לעבעדיקע פּאַסן. — און דאָ ווידער דאָס אומגליק מיט זיין „מענטש" אין מיל. אומגליק יאָק אומגליק — דאָס וואָכער געלט, וואָס ער דאַרף צאָלן דער אַלמנה מיט די יתומים — דאָס ברענט אים אויס שטיקער הארץ...!

זעליגמאַנען האָט אָפּטער גדושעט דער הוסט, ער האָט געפילט, אַז דאָס שטעטל וויל אין אים דערלעבן אַ נקמה.

דורך די פענצטער אויפן הויף האָט ער געזען, ווי זיין בן־יחיד אין דעם בלוי־ווייסן מכבי־היטל אַרבעט מעשים: אָדער ער הייבט שווערע געוויכטער, אָדער ער הייסט דעם סטרוזש, סטאַכן, זיך רוען, און אַליין נעמט ער זיך מיט דער האַק צו צעהאַקן די צעזעגטע פּיעניעס האָלץ: טאַטע — רופט ער אויס מיט שטאָלץ — די שעה האָט געשלאָגן! די מכבייער דערוואַכן ווידער אויף זייער ערד!

אויף די ווענט האָט זיין בן־יחיד צעהאָנגען בלוי־ווייסע צדקה־פּושקעס אין הייסט אויך דער מאַמען אַריינוואַרפן אויסלייז־געלט פאַר יענעם לאַנד, באַגלייך מיט דער פּושקע פון „מאיר בעל־הנס".

איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן ווענדעט זיך דאָס ווייב צו זעליגמאַנען מיט אַ שפּאָגל־נייעם פּזמון:

— דו ווייסט, סרולטשע, מיר האָט זיך געחלומט, אַז דער פונדאַמענט פון דער מיל פוילט...

— נו, אַז ער פוילט, — וועט מען זי פאַרקויפן — האָט ער פלאַטשיק גע־מאַכט איר חלום.

— וואָס הייסט, מען וועט פאַרקויפן? מעג מען דען... אַ יידן, הייסט עס?

— וועט קומען אַ גוי! — האָט ער זי כלומרשט געטרייסט.

.2

די אַנגעביטערטע יאָרן זענען אַנגעפלויגן ווי אַ ווינטערדיקע זאַווערוכע; עס האָט געקערט און איבערגעטראָגן שטעטלשן שטייגער־לעבן דורך איין נאַכט. פולע הויפנס מיט גרויער זאָרג זענען אויסגעוואַקסן פאַר יעדנס אויגן. שטעטלשע יידן האָבן דערפילט ווי די ערד וואַקלט זיך אונטער די פיס.

די אַביוואַטעליעס, די פשאַיוכעס האָבן מיט שאַדנפרייד געווישט די לאַנגע זויערע וואַנצעס:

— זשידקי, דאָ פאַלעסטיני!

— ראַציאַ, סוווי דאָ סוועגאַ!

זעליגמאַנס בן־יחיד איז שוין לאַנג אין לאַנד פון די מכביער. ער האָט אים פאַר קיין פאַל נישט געקענט אַפּרעדן פון זיין משוגעת. איצט שרייבט ער צו די עלטערן, אַז ער טריקנט זומפּן און האַקט שטיינער אויף די שאָסייען; אָבער נישט געדאַגהט. מ'איז שוין באַלד גאַנצע אַראַבער געוואָרן, ווי געבוירענע „סאַברעס".

די מאַמע האָט מיט אירע קורצזיכטיקע, בלויע אויגן געשלונגען יעדעס וואָרט פון מושיניקס בריוו. דער קאָפּ ביי איר, די לאַנגע אויערינגלעך האָבן זיך געטרייסלט: ניין־ניין.

— וואָס מיינט ער עס „סאַברעס"?

— זאָל איך אַזוי וויסן פון בייז — האָט זעליגמאַן אַ נישט־צופרידענער, אַריינגעברומט אין דער באָרד — אַ וועלט, אַ וועלט דאָס איז. נבע...

אַז זי האָט געטיילט מיט דעם זילבערנעם שעפּלעפּל זופּ, האָט זי מיטגעשיקט שווערע זיפצן אין די טעלער־אַריין:

— האָט ער דאָרט כאָטש צו דער זעט צו עסן, יאָשקע?

אירע אויערינגלעך האָבן זיך געטרייסלט: ניין־ניין.

— ווער ווייסט, וווּ ער שלאָפט דאָרט, יאָשקע?

אין די וויטערדיקע בריוו האָט ער געשריבן, אַז ער איז שוין אין תל־אָביב. ער אַרבעט, ביי וואָס עס לאָזט זיך: ער גראָבט „דזשאָרעס", אַרבעט ביים בנין.

דער עיקר, ער פֿאַרדינט די פּיאַסטערס. די צרה איז מיט זיין קבלן. ער וויל אים אויסנוצן, דער קבלן.

— וואָס מיינט ער עס דאָרט? — האָט די מאַמע נישט אויפֿגעהערט צו ציטערן מיטן קאָפּ.

וואָס זיין יאָשקע מיינט, דאָס האָט שוין זעליגמאַן רעכט פֿאַרשטאַנען. עס איז בלויז פּריקרע געווען, וואָס ער הערט דיזעלבע דבורים, ווי פֿון תמיד־אָן, ביי זיינע „מענטשן". דאָס, וואָס ער האָט נישט אַנגעזען דעם זון מיט די אייגענע אויגן, איז שוין פֿאַר אים אַ האַלבע טרייסט געווען.

מיט זיינע אייגענע אויגן האָט ער אָבער צוגעזען דעם צאָרן פֿון שטעטלשער אָרעמשאַפֿט. די שוסטערלעך און שניידער־געזעלן זענען האָפּערדיקער געוואָרן. מ'האָט גערעדט בפּרהסיה פֿון די בלוט־זויגער.

— מען וועט די בעבעכעס אַרויסקוועטשן!

— גלייך אויף גלייך וועט זיין!

צו זעליגמאַנען האָט מען זיך געלאָדן פֿון אַלע זייטן. פֿון דער העלער הויט האָט זיך אָפּגעפּונען פֿון אַלדי גוטע יאָר אַ גויעץ און אויפֿגעוויזן מיט אותות ומופֿתים, אַז די לאַנקע, ווו זעליגמאַן שניידט דעם טאָרף, געהער צו זיין שטאָם — נאָך פֿון פֿאַרן „מיאַטעזש". די מאָסקאַלעס האָבן עס אַוועקגערויבט אַלס שטראָף, און פֿאַרקויפֿט די זשידעס.

כמעט יעדע וואָך איז זעליגמאַן געפֿאָרן אין דער גרויסער שטאָט, געלאָדן זיך אין משפּט, געבלעטערט אין פֿאַרגעלטע אַקטן. מ'האָט אים געשיקט פֿון איין אַמט צום צווייטן. געקומען איז ער יעדעס מאָל אַ צעפּייניקטער און אָפּגעהוסט גאַנצע נעכט אויפֿן וואַכן געלעגער.

— אַן איבערקערעניש געוואָרן אויף דער וועלט, אַן איבערקערעניש...

— סרולטשע, — האָט די אַלטע אין אַ ווייסער נאַכט־קעפּקע אריבערגערעדט צו אים פֿון דעם צווייטן בעט, — פֿאָלג מיך, סרולטשע, לאָמיר אַלצדינג פֿאַר־קויפֿן, און פֿאָרן קיין ארץ־ישראל.

— יעך פֿאָר נישט!

ער איז צופֿיל איינגעוואָרצלט געווען דאָ — מ'זאָל אים קענען אַרויסרייסן פֿון דער ערד.

— סרולטשע, — האָט זי אים ווידער געוועקט, — אויף יאָשקען קען מען זיך פֿאַרלאָזן, דו הערסט, סרולטשע?

— הער מיר אויף צו סרולטשעווען, בעט איך דיך; יעך בלייב דאָ, יעך פֿאָר נישט...!

אַז דער פּאַן שמיגעלסקי האָט זיך, ווי אַ קלעק, אויף אים אָנגעזעצט: ער מוז אים די מיל פּאַרקויפן. אמת, די מיל שטייט טאַקע מער ווי זי אַרבעט. אַז די חנ־פּה פון פּאַן שמיגעלסקיס שווערע וואָנצעס קען נישט ווייכער מאַכן זעליג־מאַנס עקשנות — פּאַרוואַנדלען זיך זיינע פאַרשיכורטע גרויע אייגעלעך פון אונטער די שטעכיקע טאַבאַק־ברעמען אין צוויי שפּילקעס:

— עך וועט נישט פּאַרקויפן מיט גוטן, זשידקו, וועט מען עס בגוואַלט אָפּ־נעמען. פּוילישע ערד איז אונדזערס, מיר קאַטאָליקן — די באַלעבאַטים!

זעליגמאַן, ווי אַן אַלטער בוים, אַ פאַרוואָרצלטער אויף פּוילישער ערד, האָט זיך נישט געלאָזט בייגן און ברעכן פון דעם פּלוצימדיקן געוויטער, וואָס האָט געשפּריִיט ווייסטעניש אויף יידיש לעבן.

איז געקומען דער פרילינג און איינגעוויקלט די פעלדער אין יונגע גרינסן. עס האָט געשאָטן אויף די ביימער מיט ווייסן צוויט, מיט בעז. דער פרילינג האָט אויך אַרויסגעיאָגט די שוסטערלעך און שניידער־געזעלן פון זייערע טוכלע שטי־בער אויף דער גאס אַרויס. דער פּראָלעטאַרישער ערשטער מאַי האָט די שטעטל־שע אַרבעטערשאַפט באַקליידט מיט יום־טוב, מיט פּאַפּיר־רויטע שלייפעלעך אין ד׳ שבתדיקע לאַצן. פון קאַשטשעלנע גאַס האָבן זיך געלאָזט מחנות גויים אין אויסגעפּוצטע שטיוול, שיקסעס, אויסגעשלייערט אין חגא־יאַקעס, האָבן געזונגען ווי די פייגל, מאַי־לידער. רויטע פענער מיט לאַנגע לופטיקע בענדער האָבן גע־פלאַטערט איבער אַנטבלויזטע קעפּ. פאַר דעם מאַגיסטראַט אויף דעם מאַרק האָט דער עולם שוין ווייטער נישט געקאָנט שטראָמען. ווי אַ ריזיקער ים האָט זיך די פאַרביקע מאַסע באַוועגט אַהין און צוריק. איינער האָט איבער קעפּ גערעדט, גע־מאַכט מיט די הענט. טויזנטער קולות האָבן זיך מיטאיינמאָל אויפגעריסן: — נעך זשיע!

ווי אויף אַ געבעטענער חתונה זענען אין אַ זייט צונויפגעדריקט געווען די פאַרהאָרעוועטע שוסטערלעך און שניידער־געזעלן. אַזאַ טיפער אומעט האָט אַרויסגערעדט פון זייערע אויגן. פאַלעוואַדע, דער „בונדיסטל״ האָט געמונטערט דעם „פאַרשקלאַפטן פּראָלעטאַריאַט״. די ווערטער האָבן זיך פון זיין מויל גע־קוילערט ווי הילצערנע רעדער; ער האָט גערעדט פון די בורזשויען, די הויט־שינדער; פון די שקלאַפן, וואָס וואַרפן פון זיך אַראָפּ די שווערע קייטן. די „ביי־דערס״ און די „זאַללעבבנס״, וואָס זענען געפאַלן פון זיין ענטוזיאַסטיש מויל, זענען אויפגעכאַפּט געוואָרן מיט קוראַזש פון די חברים. דערנאָך האָט מען זיך געלאָזט זינגענדיק געאָרעמט און שורותווייז לענג־אויס די גאַס.

...דאָס וועט זיין שוין דער ל—ע—צ—ט—ע—ר...

יידישע געוועלבער האָבן אָנגעהויבן פאַרקלאַפּן די לאָדנס, ווי צו טרעוואָגע האָבן די אייזערנע שטאַבעס געקלונגען.

...ניין, קיינער וועט אונדז נישט באַפרייען...

כאַלאַמייקע דער טרעגער מיט דער קופערנער באָרד איז געשטאַנען צע־שטעלט אויפן ברוק, ווי אַ מאָנומענט און געשפריצט מיט רוגזה פון זיין קאָ־סאַקע אויג:

— דרעקעס, אַ פּאַהיבל אויף זיי, מאַכן־צו די געוועלבער....

— אַרויס׳ך אויף דער גאַס, טכורזשעס!

זעליגמאַן איז נישט טויט־לעבעדיק׳ אַריינגעלאָפן צו זיך אין טויער מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ, אַרויף אויף די טרעפּ, צו זיך אין ווינוגג, פאַרקלאַפּנדיק הינטער זיך די שווערע טיר. די געזאַנגען האָבן זיך דערנענטערט צו זיינע אויערן. ביי די אָראָפּגעלאָזטע שווערע פענצטער־גאַרדינען איז ער געשטאַנען און בגנבה אַראָפּגעקוקט אויף דער גאַס־אַראָפּ. ער האָט געהאַט דעם זעלבן פריקרען געפיל, ווי אין דעם „גרינעם דאָנערשטיק״, בעת מען פירט־דורך די פּראָצעסיע מיט די קלויסטער־פענער און לאָקשן־ברעטער. ער האָט געזען דורכמאַרשירן אין גע־שלאָסענע רייען די שוסטערלעך און שניידער־געזעלן. די קעפּ אַנטבלויזט ווי אויף אַ גוישער שמחה, אַ רויטע פאָן האָט געפלאַטערט, ווי אַ פרוכת, און באַלויכטן מיט יום־טוב די גאַס. עפּעס ווי צו להכעיס פאַר זיינע פענצטער האָט זיך דער געזאַנג פאַרשטאַרקט אין אַלץ העכערע טענער, גרייכנדיק אזש די גלעזערנע שויבן —

..שטייט אויף איר אַ—ר—ב—ע—ט—ס—לייט...

...דאָס וועט זיין שוין דער ל—ע—צ—ט—ע—ר...

— סרולטשע, פאָלג מיך, סרולטשע — האָט די אַלטע געציטערט ווי אַ בלאַט — לאָמיר אַלץ באַשטאַטן און פאָרן קיין ארץ־ישראל.

— יעך קען שוין די גאַס נישט דורכגיין, דו הערסט, סרולטשע?

ביי זיך האָט זעליגמאַן לעצטנס געטראַכט, אַז זיין יאַשקע, וועדליק די בריוו וואָס ער שרייבט — שטייט גאָרנישט הינטערשטעליק פון די שטעטלשע „בונדיסטן״, נאָך ערגער: ער זעט אים אין דער מערכה פון זיין סטרוזשע, סטאַך, וואָס קערט אים דעם הויף. ווען פון אים אָבער זענען אָנגעקומען ווייטערדיקע בריוו, — אַז ער האָט שוין געשלאָגן כפרה מיטן קבלן, ער האָט ביז איצט קיין תכלית נישט געזען פאַר זיך, ער וויל שוין מער נישט אויסגענוצט ווערן פון אַן אַנדערן — ער וועט אַליין ווערן אַ קבלן.

דאָס שטעטל האָט געהאַט אַ פאַרטיקן ענטפער:

— וואָדען? דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע. דעם „דזשעדזשיצס״ זינדל וועט ווערן אַ פאַראַבעק ביי יענעם, וואָדען?

דערוויל זענען אָנגעקומען בריוו ביי לייטן מיט גרוסן, כפל־שמונהדיקער איינער פון אַנדערן, אַז זעליגמאַנס זונדל איז געוואָרן דער אמתער „איינרייסער״.

ער דערקענט שוין קיינעם נישט פון זיין שטעטל אין גאַס. גראָב איז ער געוואָרן ווי אַ חזיר, און שינדט די הויט ביי זיינע פּועלים אויף די געביידעס; ער האָט ליגן די שווערע פונטן אין די בענק.

זעליגמאַן איז ביי זיך געוואָרן אַ בעל־תשובה. נאָך די אָפּטע דראָונגען פון דער אָרעמשאַפט אין שטעטל, אַז מען וועט זיך אַ נעם־טאָן צו די פּריצים, מען וועט צעטיילן די ערד פאַר די אָרעמע — איז ער יאַקאַש געוואָרן געטרייסט דער־מיט, וואָס זיין זון דאָרט אין ארץ־ישראל איז אויך פון די געליטענע — קומט, נעבעך, אָפּ אין דעם ביטערן לאַנד. — ווען ער האָט אָבער אָנגעהויבן קריגן יאָשקעס באַרימערישע בריוו, אַז ער שטייט גאָר אין גרויסן, פאַרמאָגט שוין אייגענע מגרשים, ער האַנדלט און וואַנדלט, — דעמאָלט האָט זעליגמאַן זיך גע־פילט ווי אַנטוישט, — ער האָט זיך געזען מער פאַרשולדיקט אין די אויגן פון די שטעטלשע רעכט־מאַנערס.

זעליגמאַן האָט אָנגעהויבן אָפּצוזאָגן זיינע „מענטשן" — די בוכהאַלטערס מיט די שרייבערס, וואָס פלעגן מיט די גראָבע ביכער אונטער די אָרעמס קומען אין די אָוונטן אָפּגעבן ראַפּאָרט אין זיין הויז.

אין שטעטל איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז זעליגמאַן פאָרט קיין ארץ־ישראל. דער חשבון איז געווען אַ קלאָרער: די ציגעלניע אַרבעט שוין נישט פון יאָרן; וואָס וועט זי אַרבעטן, אַז מען בויט קדחת; די מיל האָט ער שוין באַלד פאַרטאַכליע־וועט דעם פאַן שמיגעלסקי, איז וואָס זשע וועט ער זיך האַלטן ביים ביסל טאָרף?

די שוסטערלעך מיט די שניידער־געזעלן האָבן געטומלט אין זייער פאַריין. קאַרל מאַרקס מיט די געלאָקטע צעשויבערטע האָר און רבנישער באָרד האָט פון דער נאַקעטער וואַנט אַראָפּגעקוקט צו זיי, פון אַ רויט־באַפּוצט רעמל. מ'האָט געטומלט, גערעדט פאַראַמאָל: וואָדען? דעזערטערן זענען זיי, פאַררעטער, פאָרן אַרויסשטויסן דעם אַראַבער פון פּאַלעסטינע. דאָ פאַרלאָזט מען דעם קאַמפּס־פּלאַץ. אויף די בורזשויען, אַ שטייגער, זעליגמאַנען, האָבן זיי אַרויסגעטראָגן אַ היתר: זאָל ער פאָרן, וועט זיין וויניקער מיט אַ בלוט־זויגער. עס פעלן דאָ נישט „פינצטערע עלעמענטן".

ביי זעליגמאַנען אין הויז האָט זיך געיאָוועט דער פּרעזעס פון ציוניסטישן „התחיה", דער מר לאַקשין, דער מורה לעברית מיט די גויישע וואָנצעס. די זעליגמאַנאָווע האָט געמרוזשעט מיט די קורצזיכטיקע אויגן, מיינענדיק לכתחילה, אַז מ'איז שוין ווידער געקומען אויפמאַנען שטייערן. די אויערינגלעך האָבן ביי איר געציטערט: ניין־ניין.

דער פּרעזעס האָט זעליגמאַנען אַזוי גרונטאָוונע, מיט אַמטלעכן כבוד פון אַלע זיינע טיטולן, דערקלערט, אַז מען גרייט זיך אים מאַכן אַ באַנקעט פאַר זיין אָפּפאָר, ער האָט עס כשר פאַרדינט.

זעליגמאַן האָט גראָד אין דער רגע געגאַנגט אַ מיענטע־צוקערל אויפן שפּיץ צינג. אַלע האָר פון באָרד האָבן געפילט דעם קילן טעם. דערהערנדיק די טענות פון מר לאָקשין, האָט ער אויסגעבולבעט אויף אים אַ פּאָר אויגן:

— יעך פּאַר נישט.

— יעך בלייב דאָ!

די זעליגמאַנאָווע האָט געקריגן אַלע קאָלירן. אין זיך האָט זי געטראַכט, אַז איר מאַן איז לא עלינו אַ שונא ישראל געוואָרן. אַז מען קלינגט, איז דאָך חגא. אַ וועלט מיט יידן ראַטעווען זיך קיין ארץ־ישראל — און ער וויל דאָ שטעקן אין דעם גיהנום.

— נעמט נישט פאַר אומגוט, פּאַניע לאָקשין — האָט זי אַרויסבאַגלייט אויף די טרעפּ דעם ציוניסטישן פּרעזעס — נאָך לענגער זאָל דער יידישער גלות נישט אָנהאַלטן, ווי מיר וועלן דאָ פּאַרבלייבן.

— זי וועלן דאָרט בעסער מאַכן — האָט מר לאָקשין איר שטאַרק געוואָלט טרייסטן. — יאָ, יאָ, — האָט ער אַרויפגעשריגן פון אַן אונטערשטן גאָרן אין אַ מיין דייטשמעריש — דאָס יידישע פאָלק האָט דאָ קיינע צוקונפט. —

— אַדיע!

.3

זינט זעליגמאַנס בן־יחיד איז פון זיי אַוועק אין דעם הייסן לאַנד, האָט דער אַלטער דרייצן יאָר געפירט אַ שווערן קאַמף מיט זיין ווייב. זי האָט געהאַלטן אין איין שרייען צו אים: וואַרט, וואַרט, מ׳וועט נאָך נישט האָבן אַרויסצופירן אַפילו אַ פּאַדים!

יעדעס ניי־יאָר פלעגט ער אויפהענגען אויף דער וואַנט אַ נייעם קאַלענדאַר, וואָס האָט געשמעקט מיט זויערקייט פון פריש פּאַפּיר און קלייסטער. פון דעם קאַלענדאַר פלעגט צו אים אַראָפּקוקן דער שוואַרץ־בערדיקער ד״ר הערצל מיט פּאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט, ווי ער וואָלט זאָגן: ווי לאַנג נאָך וועסטו דאָ זיצן, אַלטער עקשן? די אַנגעפלויגענע ניי־יאָרן פלעגן וועבן און שפּינען אַרום זעליגמאַנען זקנה און נאָכגיביקייט. מיטאַמאָל האָט די באָרד ביי אים אין סאַמע מיט אָנגעהויבן שיטערער ווערן, נאָך אַביסל האָט שוין אַרויסגעקוקט אַ נאַקעטע אויסגעפּליקטע גאָמבע. פון ביידע זייטן האָט די גרויע באָרד אַראָפּגעהאַנגען ווי צוויי פליגל פון אַ צעשראָקענעם עוף; זיינע גרויסע אויגן — אָנגעגאָסענע גאַלעס — זענען געבליבן די איינציקע עדות פון זעליגמאַן דעם „דזשעדזשיץ״.

די אַרבעטאָרערשאַפט אין שטעטל האָט אָפּגעפּסקנט: די בורזשואַזיע צעפּאַלט זיך. אויס מיט די עקספּלואַטאַטאָרס!

די מיל האָט שוין זעליגמאַן פון לאַנג פאַרטאַכליעוועט דעם פּאַן שמיגעלסקי. די מיל האָט אויף דאָס ניי אויפגעלעבט. זי האָט מיט מער רעש און געפּילדער אָנגעהויבן צו זעצן אין דעם ווייטן אַרום: פּוך־פּוך־פּאַך!

אַז די אַלטע האָט אַלץ אָפטער אָנגעהויבן צו וויינען, אירע בלוי, קורצ־זיכטיקע אויגן פלעגן רויט ווערן פון טרערן, ווי אין איר פּנים וואָלטן געשטעקט אַ פּאָר אַריינגעזעצטע גלעזערנע אויגן — האָט שוין זעליגמאַן, איבער דער טבע, געמוזט מיט איר שליסן שלום.

זי האָט שוין נישט, ביי וואָס זיך צו וואַרעמען. ווּעמען האָט זי דאָ? קיינעם נישט. די טעכטער שרייבן כמעט גאָרנישט. דער איינציקער זון לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט: נאָר זיי זאָלן קומען!

דאָס איז אַ לאַנד פון מזל־ברכה.

דאָס ווייב, פאַר וועמען ער האָט חתונה געהאַט, האָט אים געבערענגט אַ צוויי־לינג, און ער קוקט שוין אויס די מינוט, ווען ער וועט האָבן די עלטערן ביי זיך.

— און אפשר איז שוין דער קץ פון יידישן גלות — האָט זעליגמאַן, ווי אַ בעל־תשובה, אָנגעהויבן טראַכטן.

עפּעס אַרבעט ער דאָך דאָרטן מעשים, יאַשקע זייערער. דאָ גייט אַלץ אונטער — און ער דאָרט בויט גאַנצע שלעסער — ווּעדליק די בריוו, וואָס ער שרייבט. זעליגמאַן האָט אָנגעהויבן זיך איינצורעדן, אַז ארץ־ישראל איז נישט אַנדערש, ווי אַ לאַנד פון ניסים. געגלויבט האָט ער אַפילו, אַז דעם יסוד פון דער גרויסער געביידע, וואָס זיין זון האָט אָנגעהויבן גיסן — ווי ער האָט אין לעצטן בריוו געשריבן — קומט נישט פון ניסים. ער איז געוואָרן אַ בעל־יכולת, דער זון זיינער.

ביי זיך האָט ער באַשלאָסן: גענוג! ער האָט שוין דאָ אַלץ געענדיקט. צופיל טענות האָט דאָס שטעטל צו אים. עפּעס טראָגט ער אויף זיין געוויסן אַזוי פיל חטאים; ווי אַ בעל־תשובה וועט ער אַוועק אין יענעם לאַנד און זיך איינשליסן אין אַ נייעם לעבן.

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אַז די שיף האָט זעליגמאַנען מיט זיין ווייב געטראָגן איבער די שווערע גרינע וואַסערן פון גרויסן ים, האָט ער אַזוי פיינלעך געפילט אַ ליידיקייט אין האַרצן. אַכט־און־זעכציק יאָר האָט ער געוואָרצלט אויף פּוילישער ערד, ווי אַ נאַקעטער בוים, אַז באַדן אויף די וואָרצלען, האָט ער זיך געטראָגן אַלץ נאָענטער

צו די ברעגעס פון זיין זונס לאַנד. וואָס נאָענטער ער האָט געפילט נייע יבשה, אַלץ שטאַרקער האָט ער געפילט דעם פאַרלוסט פון אַוועקגעריסענער ערד.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

זעליגמאַן מיטן ווייב זענען שוין עטלעכע טעג אין דער באַרימטער זוניקער שטאָט תל־אָביב. דער זון יאָשקע האָט טאַטע־מאַמען כמעט ווי נישט דערקענט. ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז דרייצן יאָר זאָלן מאַכן אַזאַ איבערקערעניש אין מענטשן. עס האָלט אים אין איין אויסדוכטן, ווי ער וואָלט פאַר זיך געזען נישט דעם טאַטן, נאָר דעם זיידן זיינעם, וואָס ער געדענקט אים כמעט ווי אין חלום. די מאַמע האָט זיך אַזוי פיל נישט געענדערט. דאָס פּנים אַביסל פאַרוויאַנעט, די זעלבע קורצזיכטיקע בלויע אויגן לייכטן־אַרויס מיט אומצוטרוי אויף אַ מענטשן, און מאַכט כסדר טעותים. האָט זי טאַקע פאַר קיין פאַל זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס איז ער — יאָשקע, זייער זון. אָסור, צי זי וואָלט אים געקענט אַרומנעמען מיט די הענט. אַזאַ גראָב בייכל, אַ נגידישס, בערגלט זיך אים אויף פאַרנט. זאָל דאָס זיין דער זעלבער יאָשקע, וואָס האָט אַרומגעשמייעט אין אַ בלוי־ווייס מכבי־היטל ביי זיי אין שטעטל?

דער זון האָט פאַר די עלטערן אָפּגעטיילט אַ באַזונדערן צימער פון זיין דירה. נאָך אַביסל — האָט ער זיי פאַרזיכערט — וועט ער אין זיין אייגענעם בנין אויסשטאַטן אַ דירה, כיד המלך.

טאַטע־מאַמע האָבן באַלד אין אים דערפילט אַ פרעמדקייט. מעגלעך טאַקע, אַז ער האָט די פרעמדקייט אויסגעבאָרגט ביי דער ניי־איינגעהאַנדלטער ספרדישער פרוי, וואָס זי הייסט אָראַ, און האָט אים פונקט צו ניין חדשים נאָך דער חתונה באַגליקט מיט אַ צווילינג. די נייע שנור, אָראַ, האַלט אין איין שמייכלען צו די פריש־אָנגעקומענע עלטערן מיט אַ מאָדנעם חן פון אַ ווייט־ווייטן לאַנד. בעת זי טענהט־איין מיט די קינדערלעך, לייכטן אירע שוואַרצע גרויסע אויגן מיט אָנגעצונדענעם וווּנדער.

זעליגמאַן האָט שוין אַ סך מאָל געוואָלט דעם זון אויספרעגן מכּוח די מכבייער מיט זייערע פאַנצערס און פיילן; מכּוח די „אַראַבערס״, וואָס ער האָט אַזוי פיל גערעדט, איידער ער איז אָפּגעפאָרן פון שטעטל. ער האָט אים אָבער קיינמאָל נישט געהאַט פאַר די אויגן. די קאָלירטע פולגעפאַקטע אויטאָבוסן האָבן זיך געיאָגט מיט זיין זון איבער די קאָכיקע תל־אָביבער גאַסן. ביי יעדער פאַר סטאַנציעס שפרינגט ער אַ פאַרשמייעטער אַרונטער מיט אַ לעדערנער טעקע אין

האַנט. ער פאַרשווינדט אין די גרויסאַרטיקע קאָרידאָרן צו זיינע בענק און אַדוואָקאַטן, וואָס שלעפּן דעם יאָך פון זיינע עסקים.

אַז זיין זון האָט זיך שוין יאָ אויסגעקליבן צו זיין אין שטוב, איז דער אַלטער גאָר געשלאָפן ביי זיך אין צימער; די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען אין דעם זונס צימערן פאַרשלייערט אין יום־טובדיקן זיידנס, וואָס האָט זיך געבלאָזן ביים מינדסטן ווינטל. זי איז באַהאַנגען געווען מיט שווערע קרעלן, בראַשקעס, אויערינגלעך. עס האָט געבאָמבלט און געפלאַטערט מיט פייערדיקע קאָלירן. — ווער מיר גוטס גינט! — האָט זי אָנגעקוואָלן פון דעם זונס מאַסיווע מעבל־שטיק.

דאָס, וואָס דער טאַטע שלאָפט אַזוי פיל, איז מחמת דעם. — דערקלערט דער זון, — ווייל אויף אַ ניי־געקומענעם ווירקט דער קלימאַט.

אויף אַלץ האָט דער זון אַ דערקלערונג: דאָס, וואָס ביי אים אַליין, פון זיין זאַט־אָפּגעבריִענטן פּנים, שטאַרן־אַרויס אַ פּאָר רויט־אָנגעגאָסענע אויגן, ווי ביי אַ רוצח — איז שולדיק אין דעם אויך די היגע זון.

— וואָס עפּעס, טאַטע, רק דו שלאָפסט? פלעגט אים דער זון, אַ צעשמייכלטער, אַנטקעגנקומען. געמיינט האָט ער צו זאָגן, אַז אין תל־אָביב שלאָפט זיך נישט; מען רודערט, מען בויט.

— די געביידע, טאַטע, וואַקסט!

מיט יעדן טאָג ווייטער האָט זעליגמאַן אָנגעהויבן ווייניקער שלאָפן. ער האָט שוין אָבער נישט געפונען פאַר נויטיק זיך צו פאַרהערן מיטן זון. עס האָט אים געהאַלטן אין איין אויסדוכטן, ווי אַלץ וואָלט נאָך געפאָרן אונטער זיינע פיס. אָט טראָגט אים נאָך אַלץ די שיף אויף די שווערע בלויע וואַסערן צו דעם אומבאַשטימטן לאַנד. זיינע געדאַנקען זענען פאַרפלאָנטערט געוואָרן אין דעם רעש און גראַגערײ פון גאַס. יעדעס מאָל האָט עס אים צוגעצויגן צום אָפענעם פענצטער, פון וואַנען ער האָט געקענט זען פון דער ווייט, ווי ביים זונס געביידע ראַיעט זיך, ווי ביי אַ בינשטאָק. ער האָט ליב געהאַט צו קוקן, ווי אַרום דער מאַשין, וואָס דרייט זיך מיט אַ משונהדיקער טראַסקעריי, אַזש פאַרטויבט צו ווערן, פאָרען זיך האַלב־נאַקעטע אויסגעהאָרעוועטע אַרבעטער. שנעל, שנעל וואַרפט מען אַריין טאַטשקעס געמאָלענעם שטיין, צעמענט, געלן זאַמד — און די נאַשעריין, די מאַשין, כאַפּט עס גיריק אַריין, קאַכט אין די געדערים און פאַרדייעט עס אין פאַרטיקן בעטאָן. אָט לויפט שוין אין דער הויך איבער די רושטאָוואַניעס אַ פולע ווינדע מיט שווערן בעטאָן. אויבן, אויפן פלאַכן דאַך ווערט דער בעטאָן אַריינגעקערט אין גרויסע טאַטשקעס אויף צוויי רעדער. צוויי יונגען מיט נאַקעט־אָפּגעבריענטע פיס פאָרן־אַוועק מיט דעם שווערן גאָב איבער דער ברייט פון פלאַך.

דער אַלטער האָט געקוקט אַהין און האָט פאַרנומען דעם מעכטיקן אָטעם פון

דעם רייזיק־גרויסן באַשעפעניש: אַרבעט. די אַלע שאלות, וואָס ער האָט זיך געהאַט געקליבן צו פרעגן דעם זון, זענען אים אין דער מינוט אַנטקעגנגעקומען. אין דעם אומאויפהערלעכן הוזשען און טראַסקען ביי דער געביידע, האָט ער צו זיך אַליין גערעדט און געענטפערט: צו וואָס איז ער געקומען דאָ? איז ער דאָך געקומען ווי אַ בעל־תשובה אין דעם נייעם לאַנד, אַנצוהויבן אַ לעבן פון דאָסניי. ער וויל שוין מער נישט לעבן אויף רווחים. צום סוף זעט ער דאָס אייגענע ווי ביי זיך אין שטעטל. דער זון זיינער איז אַ המשך פון אים. ער טוט דאָס מיט דער זעלבער גיריקייט, וואָס ער האָט דאָס אַמאָל געטאָן.

איינמאָל, ווען זעליגמאַן איז אַזוי געשטאַנען ביים פענצטער און זיך צוגע־קוקט ווי די אַרבעט קאָכט ביי דעם זונס געביידע, איז דער זון, אַ צעשטראַלטער צו אים צוגעגאַנגען און זיך געריבן מיט פרייד די הענט.

— נו, „איך" פאַרענדיק שוין, מיט מזל, גיסן דעם צווייטן שטאָק. אין אַ וואָך אַרום וועל „איך", מיט גאָטס הילף, אָנהייבן אַרויפציען דעם דריטן שטאָק.

— פיין, פיין, האָט דער אַלטער פּאַטאַקעוועט. נישט־ווילנדיק האָט ער געטראַכט, אַז דער זון גייט אויפן זעלבן דרך, וואָס ער אין די יונגע יאָרן. עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ פאַרדראָס אויף זיך, אויף זיין זון: עס האָט באַדאַרפט אַנדערש זיין!

דער זון אָבער האָט נישט אויפגעהערט פאַר אים אָפּצומשלען דעם פּלאַן פון בנין, די אַלע מאָדערנע קונצשטיק, וואָס „ער" לייגט דאָרט אַריין.

— אַז מען ווערט עלטער, ווערט מען קליגער, — איז דער זון וואָסאַמאָל אָפּנהאַרציקער געוואָרן פאַרן טאַטן. — איך האָב געזען, אַז איך וועל צו קיין תּכלית נישט דערלעבן — זיין ביי יענעם אַ „פּועל" — איצט האָב איך מיר פּלעצער אין צפון, אין דרום.

זעליגמאַן האָט יאָ געהערט און נישט געהערט, וואָס דער זון גרויסט זיך אַזוי פאַר אים. די געדאַנקען האָבן אים אַלץ מערער אַוועקגעריסן פון דאַנען, געטראָגן אים אין אַנדערע וועלטן.

— יאָ, „אַז מען ווערט עלטער, ווערט מען קליגער" — האָט ער געטראַכט מיט דעם זונס ווערטער. ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס קומען אַהער איז געווען אַן אומזיק. דעם גאַנצן כעס האָט ער אויסגעלאָזט צום ווייב זיינעם. זי, ווידער, האָט וואָס אַ טאָג ווייטער, אַלץ מערער געשטראַלט פאַר גדולה. — ער־שטנס, — זאָגט זי, — איז דאָס לאַנד אַ רפואה פאַר דעם מאַנס מסוכנדיקן הוסט. ער איז דאָך איצט אַ מענטש געוואָרן! און, צווייטנס, איז מען דאָך צווישן בלויז יידן, — פּטור געוואָרן פון די „רוצחים", די געלט־צאַפּער. אַז זעליגמאַן איז גאָר

אין כּעס געוואָרן אויף איר — האָט ער געסטראַשעט, אַז ער וועט אַליין צוריק־פאָרן — און זי וועט דאָ בלייבן אַליין ניאַנטשען דעם זונס צווילינג.

ער איז אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזער אין דעם זונס גרויסאַרטיקע צימערן, ווו די צוג־ווינטן האָבן געיאָגט פון אַלע טירן־פענצטער. זיינע אויגן פולע, אָנגע־גאָסענע גאַלעס האָבן אָוועקגעקוקט ווייט־ווייט פון דאַנען — ווו ער האָט אַכט־און־זעכציק יאָר געוואָרצלט אויף פוילישער ערד. די באָרד זיינע, ווי נאָכגעהאָנ־גענע פליגל פון אַ צעשראָקענעם עוף, האָט נישט פאַרטראָגן דעם זונס מאָסיווע מעבל, האָט נישט פאַרטראָגן די ספרדישע שנור, וואָס פלעגט צו אים שמייכלען מיט אַ מאָדנעם חן פון אַ ווייט־ווייטן נישט־דאָיקן לאַנד.

— ס׳איז אַן אומזין, ס׳איז אַן אומזין, — האָט ער גערעדט צו זיך.

זעליגמאַן האָט אָנגעהויבן זעלטן צו זיין אין שטוב. די גאַס מיט דעם רעש און טומל פלעגט אים צעשטרויען פון די אומרואיקע געדאַנקען. ער האָט זיך געזען פאַר אַן אויסגעטיילטן אין דעם גרויסן ציבור. וואָס האָוועט און שמייעט, ווי די מוראַשקעס צוליב אַ באַשטימטן ציל, וועלכער איז דערווייל נישט בנמצא אין די אויגן. איז ער געוועזן אויסגעמישט אין דעם טומל און גייערייַ פון פאַר־שידענע יידן, פאַרשידענע הלבשות. דאָ זעט ער דורכשפּאַנען מיט שווערע טריט דיקע ספרדים, ווי אָנגעגאָסענע בוטלעס, אויף די קעפּ אַראַבישע פעסקעס; עס איילן־דורך דאַרע תימנער, ווי אויסגעבאַקענע, פאַרדאַרטע קוילעטשן, אין לאַנגע קליידער, ווי ווייבערישע יאַקעס; תימנער אין קורצע ווייסע גאַטקעס מיט פאַרברענטע אויסגעדאַרטע פיס — הוילעביינער. אַלץ רעדט, אַלץ שרייט אויף כאָרכלענדיקע קולות, מיט האַסטיקע העוויות. איינער שטופּט אַ נעבעכדיק וועגעלע אויף איינגעפּאַלענע רעדלעך; דער צווייטער יאָגט־נאָך מיט באַנומענע קולות אַ פאָר לויפנדיקע איזלען. די זון ברענט און שרפהט די הייזער, די מענטשן, דעם בעטאָן אין גאַס. מיט ווינטיקן געאייל יאָגן זיך איבער די צע־צויגענע גאַסן פולגעפּאַקטע אויטאָבוסן מיט שווינדלענדיקע קאָלירן. זעליגמאַן גייט אין דעם טומל אַ זייטיקער. זיינע געדאַנקען זענען ווייט, ווייט פון די לעבעדיקע מענטשן. עפּעס ווי ער וואָלט דאָ אַראָפּגעקומען אָפּצוקומען אַן עונש. יעדעס מאָל, ווען ער גייט־דורך די גאַס פון זיין היים, טרעפט ער זיך אָן מיט שורות שפּיציקע אויסגעטעסעטע מצבות — מוסטערן פאַר די לעבעדיקע. — ס׳אַן איינפאַל! — איז ער אויסער זיך פון צאָרן — אין רעכטן מיטן גאַס מצבות גאָר? — נישט־ווילנדיק האָט ער זיך אויך געזען פאַר אַ לעבעדיקער מצבה צווישן דעם טומל פון מענטשן, — אַ זכר פון זעליגמאַנען דעם „דזשעדזשיץ״ אין זיין שטעטל.

— שוין־זשע איז דאָס זיין סוף? — האָט אין אים גערעדט אַ צווייטער, אַ פאַרבאָרגענער. — ער האָט געוואָלט פאַרטרייבן די שלעכטע מחשבות — און

אויף צו־להכעיס, קענען זיין ווילן, גרייפן זיי אים אָן און שפּרייטן אַרום אים געהיימע נעצן.

אין דעם טומל פון מענטשן איז צו זעליגמאַנען אַרויסגעשפּרונגען — פון אַן אָפּגעשטעלטן צעשריגענעם אויטאָבוס — זיין פאַרשמייעטער זון מיט אַ לעדער־נער טעקע אין האַנט.

— שלום, טאַטע. דו גייסט אַהיים?

זעליגמאַן האָט אים אין דער רגע געוואָלט זאָגן, אַז ס'איז אים מיאוס די נייע היים — ער וואָלט אַנטלאָפן פון זיין היים, ווו דער פעפער וואַקסט. דער זון האָט אַפילו נישט געוואַרט אויף זיין ענטפער. ער איז גלייך אַרויס מיט זיינע געהויבענע געשעפטן: מ'גיט אים שוין אַ „טויזנטער" ריווח פאַר דעם הויז, וואָס ער בויט. — נאַר ווייס־איך־וואָס, ער האַלט נישט דערביי! אַ טייערער פונקט איז דאָס, מיט גאָלד צוגלייך. ער וועט אפשר פאַרקויפן דעם מגרש אין דרום — פאַר דעם געלט קען ער אָפּקויפן אַנדערע צוויי מגרשים.

זעליגמאַן איז געווען פאַרטאָן מיט זיך. דעם זונס מעשה'ס פון זיינע גאָל־דענע געשעפטן, האָבן זיך צו אים דערטראָגן ווי אָפּפאַלנדיקע בלעטער פון אַ בוים. ער האָט עס יאָ געהערט און נישט געהערט. דעם זונס באַרימערייען האָבן אים ווייניק־וואָס געוואַרעמט. דער זון האָט באַמערקט זיין פאַרקלערטקייט — האָט ער אים, מעשה דאָקטער, געעצהט, אַז מען טאָר נישט צופיל אַריינטראַכטן אין עסק — דאָס וועט דעם טאַטן שאַדן צום געזונט.

— ווען ער איז נישט אַזוי פיל פאַרנומען מיט די געשעפטן — האָט ער פאַרן טאַטן ווייטער זיך פאַרטרויט, — וואָלט ער מיט די עלטערן אַביסל אַרויס־געפאָרן איבערן לאַנד, געוויזן זיי די פּרעכטיקע קאָלאָניעס. — ער קען דאָך אויף אַ רגע זיך נישט אָפּרייסן... תל־אָביב בויט זיך ווי אויף הייוון...

פאַר זיי זענען דורכגעגאַנגען יידישע אָפּגעבררענטע אַרבעטער, פון קאָפּ ביז די פיס איינגעריסט אין קאַלך. זיי האָבן געאיילט אַהיים נאָך אַ שווערן טאָג אַר־בעט אויף די זוניקע געביידעס. זעליגמאַן האָט באַדויערט דעם הילוך זייערן. ער האָט דעם זון געפרעגט, אַז זיי מוזן אַפּנים פירן אַ שווערן לעבן.

— וואָס הייסט? — האָט דער זון אויסגעגלאָצט אַ פּאָר רויט־אָנגעגאָסענע אויגן — מען אַרבעט זיך אָפּ די אַכט שעה, און מען פאַרדינט די אמתע פּיאַס־טערס. וואָס דאַרפן „זיי" מער?

זעליגמאַנען האָט נישט צופרידנגעשטעלט דעם זונס ענטפער. ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן זונס גרויער ציגל־געביידע, וואָס האָט געקלעטערט מיט אָפענע פענצטער־לעכער צום הויכן בלויען הימל — האָט ער מיטאַמאָל דערפילט דעם ווערט פון כוחות, וואָס מענטשלעכע הענט לייגן אין דעם אַריין.

— איך וועל דעם טאַטן ווייזן אַ גרויסאַרטיקע פּאַנאָראַמע — האָט דער זון

געוואַלט צעשטרויען דעם אַלטנס פאַרקלערטקייט. ער האָט זיך געלאָזט פאַרויס, דער אַלטער נאָך אים. אויף יעדן טריט האָבן זיי אָנגעטראָפן הויפנס ציגל, זאַמד, אייזנס.

— נו, „איך" האַלט שוין נאָענטער ווי ווייטער — האָט ער געסאָפּעט, קלע־טערנדיק מיט די קניען איבער די אָנגעוואָרפענע טרעפּ.

זעליגמאַנען האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן, עס האָט אים אויס־געדוכט, אַז אָט צענעמען זיך די ווענט, די טרעפּ — און ער פליט־אַרונטער אין פינצטערע תהומען. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַ ברעט און געבליבן שטיין מיט ציטערדיקע אויסגעלאָשענע פּיס. אין האַרצן האָט געקלאַפּט מיט וואָגיקע געוויכטער. — דער זון האָט אים אונטערגעכאַפּט אונטערן אָרעם און זיך גע־שראָקן פאַר דעם טאַטנס פאַרענדערטן בלאַסן פּנים.

— אָט שוין, אָט שוין, — האָט ער דעם אַלטן געטרייסט, — מיר זענען שוין אויבן.

זיי זענען געבליבן שטיין אויף אַ ברייטער פלאַך צווישן אָנגעוואָרפענע גרוי־דעס ציגל און ברעטער.

זעליגמאַן איז צו זיך געקומען. פאַר זיינע אויגן האָט זיך צעשפּרייט אַ בלויער ווייט־פאַרכאַפּנדיקער ים — איבער זיך אַ טיף־געוועלבטער הימל. דער ווינט האָט אָפּגעפּרישט דעם אַלטן, געטריבן זיין באָרד אין אַלכסון. די פּאָלעס פון זיין שוואַרצער קאַפּאָטע האָבן געפלאַטערט ווי פליגל.

— נבע׳... הערסט אַ געשיכטע.... — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט פאַרן זון — כ׳האָב געמיינט, אַז יעדן פאַל אין חלשות...

— אָט־דאָ ווייט אַרום, זעסט — האָט דער זון אַדורכגעפירט אַ קרייז מיט דער האַנט — איז פאַר דרייצן יאָר צוריק ביי מיין אָנקומען געווען פּוסט און וויסט, ווי אין אַ מדבר; געלע זאַמדן האָבן זיך געצויגן ביזן ים אַוועק — און היינט קוק־אָן, טאַטע, אַ שטאָט — האָט ער טריאומפירט מיט גאווה — איינס בכל תפוצות ישראל!

זעליגמאַן האָט צוגעשטעלט אַ האַנט ווי אַ דעכל צו די אויגן צוליב דער ברענענדיקער צעשמאַלצענער זון. ווייט, ברייט אַרום האָבן זיך געשפּרייט קוואַ־דראַטן, פלאַכן, הייזער האָבן געקלעטערט אויף הייזער. עס האָבן זיך געבערגלט קופּאָלן, גרינסן. די גאַסן האָבן זיך געקרייצט, געפּערטלט — אַלץ ווייטער, קאָמפּאַקטער איז עס צוגעפאַלן צום בלויען ריזיקן ווייטן ים.

— דאָ לינקס, זעסט דעם באַרגיקן קליין, וואָס שניידט זיך אין ים אַריין? דאָס איז יפו! אַ חילוק פון טאָג ביז נאַכט, האַ? — האָט ער געוואַרט ווי אויף אַ תשובה פון טאַטן.

זעליגמאַנען האָט פאַרכאַפּט די שיינקייט פונעם מעכטיקן ים, וואָס האָט אים

געבלויט אין די אויגן. ער האָט גאָרנישט געענטפערט דעם זון, וואָס האָט כסדר אויסגעפונען עפּעס אַ נייע זאַך פאַר אים צו דערציילן. ער האָט געוווסט, אַז קיינער וויל אים דאָ נישט פאַרשטיין, קיינער באַמערקט אים נישט אין דעם טומל. ער האָט געקוקט צו די בלויע וואַסערן פון ים — אַ שיף האָט זיך געשניטן אין דער ווייט, איבערלאָזנדיק איבערן הימל קלעמבעס שוואַרצן רויך. כ'איז אים מאָדנע באַנג געוואָרן אויפן האַרצן. אָט די שיף האָט אים אַהערגע־בראַכט. ער איז מיטן שטאַם אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון דער וויטער ערד, וווּ ער איז אַכט־און־זעכציק יאָר פאַרוואָרצלט געווען.

— יאָ, זייער שיין... — האָט ער פאַרטראַכטערהייט גערעדט. געמיינט האָט ער: — אַ שיינער תכלית איז פון מיר געוואָרן...

4

אויב דער זון האָט קיין צייט נישט געהאַט זיך אַרומצוקוקן אויפן טאַטן מחמת זיינע גרויסע געשעפטן, האָט דערפאַר שוין די מאַמע צופיל אים געהיטן. וואָס מער ער פלעגט פאַרפאַלן ווערן פון שטוב אויף גאַנצענע טעג — אַלץ מער־ער האָט זי געציטערט מיטן קאָפּ, מיט די אויערינגלעך — ניין־ניין: זי קען נישט פאַרשטיין, וואָס מיט אים איז געוואָרן? אַ ריינע איבערקערעניש. אַ מענטש זאָל זיך נעמען צום האַרצן פון אַ יעדער קלייניקייט. ער האָט זיך אויף דאָסניי צוגעקילט און דער הוסט דושעט אים נאָך שטאַרקער, ווי דאָרט אין דעם קאַלטן לאַנד. ער וויל נישט הערן, וואָס די דאָקטוירים זאָגן אים.

זעליגמאַן איז געוואָרן אַלץ מער א האַרבערער בעל־תשובה: דאָס, וואָס ער האָט פאַרלוירן מעבר־לים, האָט ער אָנגענומען פאַר אַ פאַרדינטן שכר. מעג־לעך טאַקע, וואָס ער איז שוין דערגאַנגען צו דער־אַ מדרגה — האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם זונס גרויסהאַלטעריי. ביי זעליגמאַנען איז אויסגעקומען, אַז דעם זונס „גוטס” קומט פון שווינדלעריי — נישט פון מעשים טובים. אויב ער האָט דאָס פון זיין טאַטן נישט געירשנט — האָט ער דאָס געראַבעוועט פון פרעמדע. זעליגמאַן האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן מיט די זעלבע געדאַנקען פון די „אַרבעטס־מענטשן” אין זיין שטעטל: דער זון זיינער איז אַן אַכזר!

פלעגט ער נישט קענען איינזיצן אין זיין היים. אָדער ער האָט זיך געהאַלטן אין איין קריגן מיט זיין ווייב, אַז זי האָט אים אַראָפּגעפירט פון גלייכן וועג — ער וועט דאָ נישט פאַרבלייבן; ער וועט צוריקפאָרן אין פוילן. ער פלעגט אַריינ־פאַלן אין אַ שטאַרקן מסוכנדיקן הוסט, אַז אַרום אים האָבן זיך אַרומגעשטעלט די אַלע שטוביקע מענטשן, זיי האָבן געציטערט, אַז אָט־אָט, איז שוין נאָך אַלעמען...

— אַז יעך ווייס נישט, וואָס מיט דעם מענטשן איז געוואָרן? — האָט זיך די אַלטע געהאַלטן אין איין יאָדען.

און די ספרדישע שנור האָט אַלעמען געטרייסט מיט איר שמייכלענדיקן מויל: — ברוך השם, ברוך השם... אין דבר... — און צום אַלטן האָט זי צוגעגעבן נאָך מיט מער חן: — נישט גוט קראַנק...

אַז זעליגמאַן פלעגט לעצטנס גיין אין גאַס, פלעגט אים אָנכאַפּן די זעלבע נישטגוטקייט, בעת ער מיטן זון האָבן זיך געהויבן אויף די טרעפּ פון זיין געביידע. ער האָט זיך אַ כאַפּ־געטאָן ביים האַרצן, ווי אינעווייניק וואָלט אים אַ נאָדל אַ שטאָך־געטאָן. פאַר די אויגן זענען אים פינצטערע רעדער געפלויגן — האָט ער זיך געמוזט אָנשפּאַרן אָן אַ וואַנט, אַנישט וואָלט ער געזונקען אין פינצטערע תהומען. ער האָט צו זיך געמורמלט, אַז דער זון ברענגט אים דעם קץ מיט זיין ארץ־ישראל.

זעליגמאַן האָט געהאַט לעצטנס אַ באַזונדערע נויטווענדיקייט דווקא זיך צוזאַמענצוטרעפן מיט די פאַרהאַרעוועטע אַרבעטס־מענטשן. אין דעם אַליין האָט ער געפונען אַ תיקון פאַר דעם אַמאָליקן „דזשעדזשיץ״, וואָס פלעגט ארויסרופן פאַראַכטונג ביי דער אָרעמשאַפט פונעם שטעטל. ער וויל זיך איצט מתקרב זיין מיט די דאָזיקע מענטשן. סיי־ווי קען אים דאָך קיינער נישט אין דעם יריד פון מענטשן.

איינמאָל האָט ער נישטבאַמערקטערהייט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם זונס בנין, ווו מען האָט געהאַלטן אין מיטן ציען דעם דריטן שטאָק. פלוצים האָט ער דערהערט הינטער זיך אַ ברייטן ברוך־הבא:

— שלום, אַדון זעליגמאַן!

דער אַלטער האָט זיך אויסגעקערעוועט און האָט דערזען פאַר זיך אַן איינגעשטויבטן יונג, פון קאָפּ ביז די פיס אין גרינעם צעמענט.

דער יונג האָט אָוועקגעשטעלט דאָס ליידיקע ברעטל פון ציגל און זיך ברייט צעשמייכלט מיט זיינע ווייסע ציינער.

— אפשר איר דערקענט מיך נישט, אַדון זעליגמאַן?

דער אַלטער האָט אויפגעהויבן אויף אים די געדיכטע אויגן־ברעמען, ער האָט אים אָנגעקוקט נייגעריק און געשאָקלט דעם קאָפּ אויף ניין.

— ביי אייך האָט דאָך מיין טאַטע, עליו השׁ...

— דו ביזט שלוימקעס זון?? — האָט דער אַלטער אים איבערגעריסן מיט אַ צעקלונגענעם התלהבות.

— אָוואַ, אָוואַ.... זע נאָר... — האָט ער זיך נישט געקענט שענקען — ווי לאַנג איז דאָס, ווי דו ביזט געווען אַ קליינער ווערעריק...?

דער יונג מיט דעם פאַרשטויבטן פּנים האָט זיך נאָך מער צעשמייכלט פאַר

הנאָה: — נישקשה, יעד פאַרמאָג שוין, קיין עין־הרע, אַליין אַ ווערעריקל...

— אָווא, אָווא... — האָט זיך דער אַלטער ווייטער נישט געקענט שענקען — עפּעס דאָ נישט לאַנג, ווי דו ביזט אָפּגעפּאַרן פון שטעטל? ווי די יאָרן לויפן עס...

ער האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, זיין נאַקעטן הילוך, און אַריינגעברומט מיט רחמנות אין דער באָרד:

— אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער דאָרטן האָבן, דיין טאַטע, אַן ערלעכער „מענטש" געווען ביי מיר אין דער מיל!

— אָט אַזוי, אַדון זעליגמאַן — האָט דער יונג אָנגעהויבן לייגן ציגל אויפן ברעטל — מיין טאַטע ביי אייך האָט דאָס לעבן אָוועקגעגעבן, און איך — ביי אייער זון! — האָט ער מיטן ציגל אין האַנט אַ וויייז־געטאָן אויף דער געמויערטער וואַנט.

זעליגמאַן האָט פּלוצים דערפילט, ווי די ערד וואַלט זיך אונטער זיינע פיס אַ וואַקל־געטאָן. די רייד פון דעם יונג האָבן אים אַ פּייער־געטאָן אין האַרצן; ער האָט זיך דערזען ווי אַ גרויזאַם פאַרמשפּטער אין יענעמס אויגן. — איך בין שולדיק, איך בין שולדיק — האָט ער אַרונטערגעגראָבן די אויגן צו דער ערד.

דער יונג האָט געלייגט די ציגל אויפן ברעטל און געריעדט:

— יאָ, יאָ... די היגער מעגן זיך לערנען ביי די אייער... נישקשה, מיר וועגען גוט אַראָפּגעקומען מיט אייער בן־יחידל...

— אוי, יאַנקעלע, יאַנקעלע — האָט אים דער שכנותדיקער חבר באַזונגען. אַ צעפּלאָמטער יונג אין אַ פּאָר קורצע הייזלעך און אַ שטיקל העמדל אויף דעם נאַקעט־אָפּגעברענטן לייב, האָט געהאַלטן אין איין מישן דעם קאַסטן בעטאָן, — אוי, שמענדריק, וואָס בעבעסטו דאָרטן. וואָלסט דאָך שוין אין דער צייט מיט אַ הונדערט ציגל אויבן געווען.

זעליגמאַנען האָט אַזוי צענומען די באַגעגעניש, ער האָט זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. עס האָבן זיך פאַר אים אַלע מאָל פאַרבייגעטראָגן איינגעבויגענע רוקנס, אָנגעלייגטע מיט שטויסן ציגל. הענט, אָנגעשטייפטע מיט אָנגעדראָלענע אָדערן, האָבן פאַרבייגעפירט פולע טאַטשקעס מיט זאַמד, געמאָלענע שטיינדלעך. דער שווייס האָט זיך געגאָסן פון די פאַרבאַקענע פּנימער אין די היציקע לייבער. די געביידע מיט אָפענע פענצטער־לעכער האָט זיך געהויבן אַזאַ גרויע, אַרומגעפלאָכטן מיט רושטאָוואַניעס. די געביידע איז געוואַקסן אין דער הויך. פון אַלע זייטן האָט געקלאַפּט, געררושט.

זעליגמאַן האָט אַזוי געוואָלט אַרויסווייזן נאָענטקייט צו די איינגעשמאָדערט־פאַרפאָרעטע יונגען. ער האָט צוגעזען דעם האַרבן מצב פון יידישע יונגעלייט ביי זיין זונס בנין. ביי אים איז קלאָר געווען: זיין זון איז אַן אכזר!

— אַזוי, אַזוי, אַדון זעליגמאַן... — איז ווידער פאַר אים אָנטקעגנגעקומען

דער יונג מיט אַ לײדיק ברעטל אויפן רוקן. ער האָט געװוישט מיטן נאַקעטן עלנ־בויגן דעם שוויס פון שטערן. — מיר אַרבעטן ביי חומר ולבנים, ווי די יידן אין מצרים; אונדזערע עלטער־זיידעס האָבן געבויט פיתום מיט רעמסס, האָט מען זייערע קליינע קינדער איינגעמויערט אין די ווענט, — און מיר פאַרמויערן אונדזער שוויס און לעבן אין די ווענט.

— וואָס דערציילט ער אייך מעשיות פון חומש? — איז אויסגעוואַקסן פאַר די אַ צעוואַקסענער יונג מיט אַ צעכראַסטעטער האָריקער ברוסט, ווי אַן אויפ־געריסענער מאַטראַץ. — גיי שלאָפן מיט דיין מעשה פון מצרים! דאָרט — האָט ער אַ זעץ־געטאָן מיט דער לאָפּעטע אין דער ערד — זענען מיר פון מצרים אַנטלאָפן, צי נישט? האַ? — האָט ער אָנגעבויגן אַן אויער צום אַלטן, וואַרטנדיק אויף אַ תשובה.

— איר זעט? אָט־אָ־דאָ — האט ער אָנגעוויזן מיט אַ פינגער צו דער ערד — איז דער הונט באַגראָבן... לא נזוז מכאן...

דער אַלטער איז הינטערווײלעכץ צוריקגעטרעטן פון דעם יונגס הילכיקן לשון. אָבער יענער איז אים נאָכגעגאַנגען מיט דער לאָפּעטע אין האַנט און אים דורכאויס געוואָלט אויפקלערן, וואָס ער מיינט.

— איר זעט? אָט אַזעלכע פינצטערע הענט, ווי די — האָט ער צוזאַמענ־געלייגט צוויי פאַרמאָזאָליעטע פלאַכן — האָבן אויסגעבויט אָט די גאַנצע שורה מיט הייזער לענג־אויס דער גאַס. ס׳גאַנצע גן־עדן פון תל־אָביב... ווי מיינט איר, ס׳וועט זיך אונדז נישט פאַרבענקען נאָך אונדזער פּראַצע?

— יונגערמאַן — האָט זעליגמאַן זיך אַ גלעט־געטאָן איבער דער באָרד — טוטס ענק געזונטערהייט, וואָס איר ווילט!

ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען מיט שנעלערע טריט דורך די אָנגעוואָרפענע הויפנס ציגל, זאַמד, ברעטער; ער האָט אויסגעמיטן די פאַרפאָרעטע אַרבעטער און אַ צעצאָרנטער, מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ, אַרויסגעקומען אויף דער פרייער טומלדיקער גאַס.

— הערסט, יאַנקעלע, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן, — האָט דער צע־וואַקסענער יונג אָנגעהויבן שיטן האַסטיקע לאָפּעטעס זאַמד אין דער טאַטשקע אַריין, — אַז ס׳וועט קומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע, מוז איך פאַרנעמען דעם אייבערשטן שטאָק. נישקשה, איך וועל מיר אָפּנעמען מיין חלק!

ער האָט מיט אַ קרעכץ געגעבן אַ נעם־אָן ביידע הענטלעך פון דער טאַטשקע און מיט וואַקלדיקע פיס פון אַ שיכור איז ער אַוועקגעפאָרן מיטן שווערן גאַב.

— אָמן! — האָט אים יאַנקעלע נאָכגעזאָגט.

אויף דער טומלדיקער גאַס איז זעליגמאַן געבליבן שטיין ממש אַ צעמיש־טער. די עזותדיקע דבורים פון די יונגען האָבן אים אַזוי פיל צענומען, אַז

ער האָט אייגנטלעך נישט געוווּסט, וואָס ער האָט דאָ ווייטער צו טאָן. ער האָט זיך ווידער דערזען פאַר זיין זונס וווינונג — זיין פאַרהאַסטע היים. אין דער רגע האָט ער דעם זון געזען פאַר זיין גרעסטן שונא. דאָס טרעפן זיך מיטן ציגל־טרעגער האָט אים ווידער צוריקגעוואָרפן אין דער אַלטער היים, אין זיין שטעטל. עס זענען אים אַפּערגעקומען יענע גוטע צייטן, ווען די דאַמפּמיל איז געווען אין פולן גאַנג. פּויערים פלעגן ברענגען צו פירן פולע קרעכצנדיקע וועגענער מיט תבואה אין מיל אַריין, און שלוימקע, אַן ערלעכער „מענטש׳ געווען ביי אים, האָט אויפגעפּאַסט, אַז קיין איין קערנדל זאָל נישט גיין אין ניוועץ. — נו, מאַ, וואָס האָט ער געקענט טאָן... אַ הימל־זאַך... די טראַנס־מיסיע האָט אַ שלעפּ־געטאָן אַ פאַלע פון פאַרמעלטן ראָק — און שוין — — —

זעליגמאַן איז געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער פון יענער פּיינלעכער געשעעניש, וואָס איז אים דאָ אַפּערגעקומען פאַר די געדאַנקען. ער האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט פאַרטרייבן דעם בלוטיקן געשפּענסט; אָבער דער זון זיינער, יאַנקעלע, אינגאַנצן אַ פאַרשטויבטער פון קאָפּ ביז די פיס אין צעמענט, איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן ווי אַ קטיגור:

— מיין טאַטע האָט ביי אייך אָוועקגעגעבן דאָס לעבן — און איך ביי אייער זון...

עס האָט אים אויסגעדוכט, ווי אַלע פאַרבייגייער אין גאַס גלאָצן אויף אים די אויגן און טייטלען מיט די הענט.

— יאָ, ער איז אַ רוצח — האָט אין אים גערעדט אַ שטימע — ,ער וועט זיך נישט ריינוואַשן, ניין!

עס האָט אים ראַפּטום אַזוי ענג פאַרדריקט אין האַרצן. אינעווייניק ביי אים ווערט אַלץ קלענער, קלענער. פאַר די פינצטערע אויגן הייבן־אָן שווינדלען מענטשן, הייזער,ביימער. מיט די אויסגעלאָשענע הענט האָט ער זיך אַ כאַפּ־געטאָן פאַר אַ בוים, און אַלץ אונטער אים האָט אַ קראַך־געטאָן — —

— — — ער האָט זיך אַראָפּגעקוילערט מיט אַ טעמפּן קלאַפּ פון טראָטואַר אויף דעם אָנגעהייצטן האַרטן בעטאָן.

.1932

זאַמדן

איבער די שווערע גלאַט־פאַרקאַמטע זאַמדן האָבן געטאָפּטשעט צוויי מענער — אָנפירער פון דער „באָדן־געזעלשאַפט". זיי האָבן מיט מאַטערניש געהויבן די קניען, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אויף די גערונצלטע זאַמדן צוויי פּאָר סימנים־זוילן. און די זוילן האָבן זיך געשטעמפּלט און געקייטלט העט־ווייט ביז צו די האַלב־נאַקעטע אויסגעטאַרעטע יונגען, וועלכע האָבן געריסן שטיקער פון די אָנגעהייצטע זאַמד־בערג — און געשאָטן מיט לאָפּעטעס אין די לאָרעס.

זלמן איז דער ראש פון אָט דער קבוצה אָפּגעברענטע יונגען; ער איז ני־דעריק און געפּאַקט אויף קורצע פעסטע פיס. ער פאַרטראַגט נישט די אָפּטע וויזיטן פון די „אַדונים" — און די פּאָר גוטע אויגן, ווי וואָרעמער מעד, זענען אויסבאַהאַלטן אונטער די געדיכטע ברעמען, און וואָס נאָענטער זיי קומען אים אַנטקעגן, די לייט, אַלץ ראַשיקער פליען זיינע וואַגיקע לאָפּעטעס זאַמד אין דער לאָרע. און יעדע אַריינגעפליגענע פאַרציע זאַמד שרייט מיט פאַראַכטונג און פּראָטעסט: איך וויל אייך נישט קענען, איר שטאָטישע פּראַנטן, און דריי מיט נישט קיין היטל!

זלמן ווייסט: ער וועט ווידער מיט זיי דאַרפן קריכן אויפן באַרג און אויסהערן צום הונדערטסטן מאָל די אייגענע געשיכטע פון „פלעצער", וואָס „באַלעבאַטים" וואַרטן שוין אויף זיי מיט אומגעדולד. די יונגען, וואָס זענען פאַרשטעקט, ווי קאַ־טאָרזשניקעס אין די בערג, מונטערן זלמנען: גיי שוין, גיי — זעסט דאָך, זיי וואַרטן אויף דיר!

זלמן האָט געבורטשעט אַן אומצופרידענער אין די זאַמדן און געשפּאַנט מיט דער לאַפּעטע אַנטקעגן די אַנקומענדיקע לייט. אין אים האָט געיערט אַ טאָפּלטער כעס, הלמאַי ער גיט אַוועק אַזוי פיל כּוחות פאַר דער באָדן־געזועלשאַפט און ער בלייבט תמיד אַ נאַקעטער, אַן אַ שטיקל באָדן אונטער די פיס, עלעהיי ווי ער וואָלט געשווומען איבער אַ ברייטן ים — און דער גומען לעכצט נאָך אַ טרונק וואַסער. און ווידער וועט ער זיי זאָגן, די "אַדונים", אַז ער איז אַן אַרבעטער מיט אַלעמען גלייך, און וויל נישט טראָגן דעם עול פון אַ קבוצה, ער ווייס נישט פון קיין קונצן — אָט אַזאַ מענטש איז ער!

אַז זלמן האָט זיך דערקליבן מיט דער לאַפּעטע צו די שטאָטישע פּראַנטן מיט די שאַרף־אויסגעפּרעסטע הויזן, האָט ער פאַרלאָרן דאָס לשון, און זייער האָפער־דיקער קבלת־פּנים מיטן "שלום, זלמן" האָט אויף אים אַרויסגעוויזט פרעמד־קייט מיט אַ געמיש פון אומבאַהאָלפנקייט. האָט ער אַוועקגעדרייט די אויגן אין אַ זייט און פון אונטער די אַנגעכמורעטע ברעמען געזען, ווי איינער הייבט די הויזן אויפן אויפגעלאָפענעם בויך און דער צווייטער בלינצלט מיט די ברילן־גלעזער אין דער צעשפּרייטער מאָפּע, רייבט די נאָז, ווי ער וואָלט דאָ געהאַט אַ האַרבן ענין.

— ביי אונדז איז פאַרצייכנט שוואַרץ אויף ווייס — האָט ער אַ בלינצל געטאָן מיט די ברילן אויף זלמנען — וויפל בערג "מיר" האָבן שוין אַריינגעשליידערט אין די טאָלן; עס איז אָבער ווי אַ שפּיי אין ים!

— לאָמיר כאַפּן אַ קוק, ווי האַלט עס דאָרטן אויבן?

זיי האָבן געקוליעט די פיס אויפן באַרג־שפּוע, וואָרפנדיק משונהדיק מיט די עלנבויגנס און די פיס זענען אַלעמאָל פאַרשטעקט געוואָרן אין די טיפע זאַמדן. זלמן האָט נאָכגעקלעטערט אַ בייזער און געוואָרפן טראַציקע ווערטער: גיב זיי באַדאַי די קישקעס מיט די געדערים, וועט אויך פאַר זיי זיין ווייניק; — ער וויל זיין אַן אַרבעטער מיט אַלעמען גלייך. וואָס קומט אים דערפאַר?

אויבן, אויפן שפּיץ באַרג, האָט ער זיך באַרואיקט. ער האָט דערזען פאַר זיך זאַמדיקן מדבר, בערג מיט טאָלן, און ווידעראַמאָל בערג מיט טאָלן האָבן גע־קייטלט און געקלעטערט צו די בלויע הימלען, זענען געלאָפן מיט וויסטע הייסע שטחים באַרג־אַראָפּ צום נאָך בלויערן ים, וואָס איז נישט מיד געוואָרן צו כוואַ־ליען און שווענקען דעם געל־נאַקעטן ברעג.

דער, מיטן אויפגעלאָפענעם בויך, האָט געקוקט מיט אַ לאַרנעטע צו די צע־וואָרפענע קבוצות אַרבעטער איבער די זאַמדיקע רוקנס. פולע, אַנגעהויפטע לאַרעס מיט זאַמד זענען געלאָפן איבער די צעצויגענע רעלסן, זענען געלאָפן צו די טאָלן, אויסצושפּייען די זאַמדיקע משא.

ווען זלמן האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין קבוצה, האָט ער צומאָל קיין

וואַרט נישט אויסגערעדט צו די יונגען. די אויגן האָט ער, ווי אַ פאַרשולדיק־טער, אויסבאַהאַלטן אונטער די אַנגעכמורעטע ברעמען און גענומען גלייך רייסן פון באַרג און געשאָטן פולע לאָפּעטעס אין דער אייזערנער לאָרע.

פון לעצטן וויזיט, וויס זלמן, אַז די „באַדן געזעלשאַפט" וועט צושטעלן נאָך עטלעכע קבוצות אַרבעטער. די אַרבעט גייט זיי צו לאַנגזאַם. און דערפאַר האָט זלמן איצט געשאָסן אימפּעטיקע לאָפּעטעס זאַמד, אים דוכט זיך אויס, אַז די חברה פראָווען פוילע שטיק. ער האָט ליב, אַז די אַרבעט זאָל זיך צע־שפּילן ווי אַן אָרקעסטער. ער פאַרטראַגט נישט דעם פאַלשן ריטם פון די אָפּ־געשטאַנענע לאָפּעטעס, גיט ער ענדלעך אַ בורטשע מיט אַ פאַרעקשנט מויל: שיט, חבר, שיט... אַז שיטן זאָל זיין געשאָטן!

מ'האָט גערופן זלמנען אין ביוראָ פון דער באַדן־געזעלשאַפט. נאָך אַ הייסן טאָג אַרבעט איז ער אַהינגעגאַנגען, וויגנדיק זיך אויף די קורצע קלעצלדיקע פיס. אין מוח האָבן זיך ביי אים די געדאַנקען געפּלאָנטערט. ער האָט נישט געקאָנט קומען צו אַ טאָלק, הלמאַי זיי דרייען אים דאָרט אַ היטל, די פּקידים: זיי זענען נישט צופרידן מיט דער אַרבעט? — וועט ער זיי זאָגן: נעמט אייך צוריק די כלה און דרייט זיך אַליין מיט איר. ער קען זיך זיין שטעטל אַליין באַשטיין! ער וועט נישט אַוועקלייגן דאָס געזונט פאַר פרעמד האָב און גוטס. וואָס האָט ער דערפון? וויל ער נישט זיין אַ ראש פון אַ קבוצה. וואָס קומט אים דערפאַר? ער איז אַן אַרבעטער מיט אַלעמען גלייך!

אַז ער האָט דערזען פאַר זיך די שיינע לאַקירטע טיר מיטן מעשענעם בליאַסקעדיקן שילדל, האָט ער געווישט דעם שוויס פון פּנים, אויסגעשנייצט מיט אַ טאָלק די נאָז און אָנגעקלאַפּט דזשענטלמעניש אין דער טיר.

אינעווייניק האָט מען זלמנען מקבל־פּנים געווען מיט רואיקע זאַטע פּנימער. איינער, מיט אַ הויכן נאַקעטן שטערן, האָט צו אים אַ ווונק געטאָן מיט דער האַנט. אַז זלמן איז צוגעקומען צום באַריער, האָט ער דערפילט אויף זיך דעם פּקידס זשמורענדיקע, פאַרטרונקענע אייגעלעך און אַ פאָכען פון אַ הוזשענדיקן ווענטילאַטאָר.

— דער ענין, זלמן, איז אַט־וואָס: — האָט דער פּקיד, אַן שהיות, גע־נומען פּאַטשקען מיט דער פולפען אויפן פּאַפּיר ווידעלעך מיט דריידעלעך. — פון איין זייט, די אייגנטימער פון די פּלעצער; פון דער אַנדערער זייט: די בערג שטייען אויף אַן אָרט, ווי גאָט האָט זיי באַשאַפן. עס רירט זיך נישט!

— איך האָב געטראָפן... — איז זלמנען דורך אַ וואַרעמקייט איבער דער פּלייצע. — מען נעמט זיך צו מיר...

— האָבן מיר באַשלאָסן — האָט די פּען נישט אויפגעהערט זיך צו דריי־לען — צוצושטעלן נאָך עטלעכע קבוצות, א—ו—ן איז איבערן פּאַפּירן דורכ־געלאָפן אַ לאַנגער שטריך — אויף זלמנען קען מען זיך פאַרלאָזן, אַ מענטש מיט אַחריות!

זלמנס אויגן האָבן זיך נאָך מער פאַרדרייט אין די ווינקלען, נישט קענענ־דיק פאַרטראָגן יענעמס חניפה. אין די אויערן האָבן זיך די ווערטער געקלעפּט ווי הייסער פּעך. זיינע אויגן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אונטער די געדיכטע ברעמען, ווי אונטער שווערע פאַרהאַנגען, און נישט געקאָנט פאַרטראָגן יענעמס פּרצוף מיט די וויכע קנייטשנדיקע ליפּן. דורך אַ דין־דין שפּעלטעלע האָט ער געזען אויפן שרייב־טיש אַ ווייס־אויסגעכאַליעטע האַנט. דאָס ליידיקע טיי־גלאָז, וווּ אינעווייניק האָבן זיך געראַיעט זלידנע פליגן, און דער ווענטילאַטאָר האָט געהו־זשעט און געיאָגט אַ לעבלעכן ווינט, געיאָגט און ווידער אָנגעטראָגן אין זיינע אויערן ווערטער:

— די „הסתדרות" שיקט אונדז אַ קבוצה מיידלעך. בחורות דאַרפן אויך עסן. זיי קומט אויך אַ חלק אין בנין הארץ. האָבן מיר באַשטימט זלמנען פאַרן ראש פון דער קבוצה.

אויסהערנדיק די געשיכטע פון מיידלעך, בחורות, איז אים אזש אַדורך איבערן קאָפּ אַ היץ. ער האָט מיט פאַרצווייפלונג זיך אַ קראַץ־געטאָן אין דער פּאַטילניצע און אויסגעזיפצט: נו־יאָ. ער האָט געטראַכט: נאָר דאָס פעלט מיר... האָבן צו טאָן מיט ווייבער...

— נו־יאָ — האָבן דעם פּקידס פּעט פאַרטרונקענע אייגעלעך אויפגעכאַפּט זלמנס צושטימונג און גלייך אים אָנטקעגנגעטראָגן אַ צעטל מיט מיידלשע נעמען.

אין דעם האָט דער טעלעפאָן אָנגעהויבן קלינגען און גרילצן. ער האָט גע־כאַפּט דעם טרייבל צום אויער: האַללאָ... ווי?... אַ. שלום, אַדון... יאָ, אוודאי... פינף דונאַם...

זלמן האָט דערפילט, ווי די פּאַדלאָגע שטעכט אים אונטער די זוילן. די האַנט האָט ווייטיקלעך געדריקט דעם צעטל מיט די מיידלשע נעמען. און יענער קנייטשט מיט די ליפּן און בעבעט אין טעלעפאָן־טרייבל. ביז ער האָט ענדלעך זיך אָפּגעריסן פון באַריער. עס האָט זיך צו אים דעריאָגט דאָס געזעגענען פון שרייבטיש: מיט הצלחה, זלמן, צו דערוואַרטן פיל גוטס!

אויף דער גאַס האָט זלמן דערפילט, ווי מען וואָלט פון זיין קאָפּ אַראָפּ־גענומען אַ שווערן זאַק. די דרויסנדיקע לופט האָט אים אָפּגעפרישט און געגעבן אינעווייניקסטן לשון: וואָס טוט זיך מיט דיר? — האָט עס אים געטאַרעט —

וואָס האָסטו געשוויגן, טיפּש איינער? ווו קומט ער רעגירן איבער ווייבער? ער וועט אים זאָגן: וואָס הייסט אָנוואָרפן בגוואַלט? נו־יאָ, ער וויל עס נישט!

זלמן האָט שוין געוואָלט זיך אומקערן אין ביוראָ און צוריקשליידערן דעם צעטל, וואָס ער האָט פאַר כעס געקנייטשט אין דער האַנט. די אויגן האָט ער פאַר בושה נאָך מערער אַרונטערגעלאָזט צום טראָטואַר, ווו עס האָט געשווייבלט מיט מענטשן. ער האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן זיי, ווי אַ פאַרמשפּטער. — אַ ניי אָנשיקעניש אויף זיין קאָפּ. וואָס הייסט? ער האָט פיינט זיך אַרומצוואַדען סתם מיט מענטשן, — און דאָ האָסטו ווידער אַ געשיכטע; ווייבער! ניין. ער וויל דאָס נישט!

זלמן האָט זיך נ י ש ט אומגעקערט אין ביוראָ. ער האָט אַ כלל: אייביק וועט ער אַרויס דער שולדיקער, ווי גערעכט ער זאָל נישט זיין. מיט ז י ך דאָ, אויף דער גאַס, איז ער אַ גאַנצער מאַכער. אָבער דאָרט, אין ביוראָ, קען ער דאָס מויל נישט עפענען. יענער, מיט זיין געשליפן צינגל, קען אַפילו דעם טייוולס קאָפּ פאַרדרייען. ס'אַ פּאַסקודנע וועלט! — האָט ער אַזש פאַר צאָרן אַ שפּיי־געטאָן אין דער זייט.

פונקט אַזוי פאַרמשפּט האָט ער זיך געזען יענעם פרימאָרגן, ווען ער האָט געשפּאַנט איבער די געל־גערונצלטע זאַמדן. זלמנס נייע „דערהויבונג" איז שוין ברייט באַקאַנט געוועזן צווישן אַלע קבוצות. מ'האָט אים צוגעוואָרפן די אמתע הילכיקע ברכות:

— זלמן, זאָלסט היינט פונדעסוועגן גאַזאַז. דער טערקישער סולטאַן מעג דיך מקנא זיין, קיין עין־הרע אויף דיר, אַ גאַנצן האַרעם!

— זע, זלמן, היט די ביינער, פאַרליר זיך נישט!

וואָס נעענטער ער איז געקומען צו דער מיידלשער קבוצה, אַלץ שווערער האָבן אים די פיס געטראָגן. עס דוכט זיך אים, אַז היינטיקן פרימאָרגן זענען די בערג מער משופּע געוואָרן. אויף די גלאַטע זאַמדן האָט ער געזען פרישע צייכנס פון שאַקאַלן־טריט. זיי האָבן זיך געשווינדלט פאַר זיינע אויגן אין זיגזאַגן, אין משונהדיקע ליניעס. ער האָט זיך געזען געפאַנגען אין אַ פאַרכישופטן נעץ: עס נעמט גאָר קיין סוף נישט צום פאַרפּלאָנטערטן וועג? עס האָט אים אַזש אַ שווייס אַרויסגעזעצט אויפן שטערן, און דאָ הערט ער שוין דאָס הילכיקע קלינגען פונעם רעלס: די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן!

אַז זלמן איז ענדלעך דערגאַנגען צום אָרט האָט ער געטראָפן וואַרטן אַ צענדליק מיידלעך אין שאַראָוואַרן מיט נאַקעט־אָפּגעברענטע פיס, אויף די קעפּ

היטלען מיט דאַשקעס איבער די אויגן. זיי האָבן געהאַלטן לאַפּעטעס אין די הענט — אַט שוין צו שיטן אין די לאָרעס.

זלמנס פּיס זענען שווער געווען ווי קלעצער. די אויגן האָט ער אַריינגעגראָבן אין די זאַמדן און אַזוי האַמעטנע אויסגעברומט פאַר זיי דעם „שלום".

האָט ער נישט געמאַכט קיין שהיות און גלייך גענומען רייסן פון באַרג און שיטן די לאָפּעטעס אין דער לאָרע. נאָך אים האָבן זיך גענומען שיטן פון אַלע זייטן פּאַרציעס זאַמדן. האָט ער איצט נאָך ענגער פאַרבונדן די צונג און נישט אַרויסגעבראַנגט קיין פּיפּס. ער האָט געוואָלט ווערן נאָך קלענער, ווי ער איז, אַזוי קליין, ווי אַ זאַמדעלע. ער וועט אַרבעטן מיט אַלעמען גלייך. ער דאַרף נישט רעגירן מיט קיינעם. אַט אַזאַ מענטש איז ער!

וואָס מער ער האָט געגעבן צו פילן דער מיידלשער קבוצה, אַז ער איז גלייך מיט אַלעמען, אַלץ מערער האָט ער געזען דעם היפך: אַרום אים האָט געפלאַמט אַ פייער. אין דעם פליען פון מיידלשע לאָפּעטעס האָט ער דערפילט אַרום זיך אויגן, אויגן — פון אַלע זייטן בריען אים מיידלשע אויגן. האָט ער נאָך מער געלאָזט אין גאַנג די מוסקולן. ער האָט נישט געהאַט, ווו אויסצובאַהאַלטן דאָס פּנים. מיידלשע פּנימער און לייבער לייכטן אין זיינע אויגן, ווי פייערדיקער קופער.

אַז זלמן האָט שוין געהאַט פאַר זיך פול אָנגעשאָטענע לאָרעס, האָט ער אַ זאָג־געטאָן סתם אַזוי, פּונקט ווי ער וואָלט צו קיינעם נישט געזאָגט, — אַז ביז ער וועט צוריקקומען מיט די ליידיקע לאָרעס, מעגן זיי זיך רוען. ער האָט מיט כּוח אַ שטויס־געטאָן די שווערע משא. די רעדלעך אויף די פאַרשאָטענע רעלסן האָבן אָנגעהויבן טרעשטשען און ער האָט, שטויסנדיק, געבורטשעט: האָסטו דיר, נו, רעגירן איבער ווייבער...

ווען ער איז אָפּגעפאָרן עטלעכע טריט, האָט ער דערהערט, ווי אַ מיידל יאָגט אים נאָך און שרייט אויפן קול: האַללאָ, חבר, וואַרט נאָר... עס איז צו שווער פאַר איינעם! זי האָט דערגרייכט מיט דער האַנט אין צווייטן עק פון דער לאָרע.

זלמן האָט דערפילט ווי די רעדלעך הייבן־אָן זשוואָווער צו רוטשן — עט... איך וועל זיך אַליין אַן עצה געבן — האָט ער, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, געסאָפּעט מיט דער ברוסט — די לאָרע לויפט אַליין באַרג־אַראָפּ.

— ביז מען דערגרייכט דעם „באַרג־אַראָפּ" מוז מען איבערקומען דעם „באַרג־אַרויף" — האָט זי פלאַטשיק געמאַכט זיינע טענות.

זלמן האָט נישט געענטפערט. ער האָט פאַרעקשנט געשוויגן. פּונקט אַזוי פאַרעקשנט שווער איז ער געגאַנגען אין אייזערנעם געשפּאַן. ער האָט צומאָל נישט געוואָלט אַ בליק־טאָן אויף זיין פאַרטנערין.

צווי פּאָר אָפּגעבערענטע פּיס האָבן אין שווערן ריטם געבויגן די קניען און אָנגעשטייפטע הענט־מוסקולן האָבן געשטויסן פאָרויס די אייזערנע משא.

— אָן אונטערשייד, חבר — האָט זי סאַפּענדיק געציילט די ווערטער און געוועקט זיין עקשנות — מיר זענען גרייט צו אַלע אַרבעטן.

— נו־יאָ... — האָט ער אַרויסגעקרעכצט. עס האָט געהייסן: רעד מיר צום דאַשעק. איך האָב מיר מיין וועג!

די לאָרע האָט אָנגעהויבן לויפן באַרג־אַראָפּ. זיי האָבן זיך ביידע אַרויפּ־געכאַפּט אויפן אייזערנעם געשטעל. דערפילנדיק זיך פּלוצים מיט די פּנימער אַזוי נאָענט איינער צום אַנדערן, די אָנגעפּלויגענע ווינטלעך האָבן געלופטערט און געקילט זייערע לייבער. ביי זלמנען איז עפּעס די צונג לויזער געוואָרן: — עס לויפט ווי אַ מזמור! — האָט ער אַ זאָג־געטאָן.

ער האָט צום ערשטן מאָל גנביש אַ בליק־געטאָן פון אונטער די בערשטל־בּרעמען אויף איר פּנים. ער האָט דערפילט אין מיידלס אויגן אַ טיפקייט פון העלע וואַסערן; עס האָט אים געצויגן און גלייכצייטיק געוואָרנט.

צוריקוועגס, ווען זיי האָבן געפירט די ליידיקע לאָרעס, האָט זלמן נישט אַרויסגערעדט אַ וואָרט.

אַזוי ווי אַ פּרוש, וואָס שלעפּט אויף זיך ענויים, אַזוי האָט ער מיט ווייטיק־לעכן כעס געריסן שטיקער פון אָנגעהייצטן באַרג און געשליידערט אין דער לאָרע. ער האָט געוויכט פונעם מיידל מיט די העלע פּאַרמאַניענדיקע אויגן. דעם גאַנצן צאָרן האָט ער געטראָגן אויפן פּקיד מיטן הויכן שטערן. ווען ער טרעפט אים דאָ, וואָלט ער אויסגעלאָדן צו אים די ביטערע גאַל. — איז דאָך דאָרט ביי די חברה גאָלד געווען — האָט ער זיך נישט געקענט שענקען — דער רוח כאַפּט אים מיט זיינע זיסע ריידעלעך — אַרויפגעלייגט אים אויפן קאָרק אַ שווערן קלאָץ, און ער מוז אים בעל־כרחה טראָגן.

וואָס מער זלמן האָט אויסגעמיטן יענער מיידל, קומט זי אים דווקא אַנט־קעגן מיט די אָפּגעבערענטע קופּערנע פּיס און וועקט ביי אים טיף־פאַרבאָרגענע געפילן. ער טוט זיך אָן אַ כוח דאָס צו דערשטיקן. אירע לאָפּעטעס זאַמד פליען אין זיין לאָרע — ער ווייסט אַליין נישט, צי זי העלפט אים, אָדער ער העלפט איר?... וויל ער איר זאָגן: זייט אַזוי גוט, חברטע, ער וויל דאָס נישט, אָט אַזאַ מענטש איז ער — ער גייט זיך זיין וועג! —

אָבער זלמן זאָגט איר גאָרנישט. באַהאַלט נאָך מער אויס די ברוינע אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען און די לאָפּעטעס זאַמד שיסט ער מיט כוח אין דער לאָרע, ווי פולע לאָבנס ברויט.

די בערג האָבן זיך געדרוקט הינטערווייל, זענען קלענער געוואָרן. פון די בערג־שפּיצן פלעגן יעדעס מאָל זיך אָפּרייסן שטיקער און מיט שווערן געמאַך אַראָפּפליען שלעפּנדיק מיט זיך הייסע קאָכעדיקע זאַמדן. עס האָט געשאָטן און פאַרשאָטן ביז איבער די קניען די שרייענדיקע קוויטשנדיקע מיידלעך.

זלמנען זענען דערווידער די געוואַלדן — קאַטשקעס זענען דאָס, נישט קיין אַרבעטער — האָט ער געבורטשעט איז זיך.

זלמן פילט, אַז זינט ער איז אַריבער אין דער מיידלשער קבוצה, איז פון אים געוואָרן אַ תל: ער אַרבעט ווי אַן אייזל. די גלידער ברעכן אים פון שווערן יאָך — ס׳אַן אַנשיקעניש אויף זיין קאָפּ — רעגירן איבער ווייבער!

ביסלעכווייז האָט ער אויסגעפונען דעם היפּוך: נישט ער רעגירט אויף עמיצן — נאָר זיי אויף אים. ער זעט זיך דאָ צווישן די מיידלעך, ווי אַ שטומער קנעכט.

טאַקע אָט דאָס מיידל מיט די העלע דורכזיכטיקע אויגן (זי הייסט שושנה) האָט אָנגעהויבן אויף אים וואָרפן שליטה. און ער מיידט־אויס אירע פאַרמאַ־ניִענדיקע בליקן. קומט זי אים דווקא אַנטקעגן מיט דער לאָפּעטע, העלפט שיטן אין דער לאַרע. אין מיטאָג־פּויזע האָט זי שוין עטלעכע מאָל אים מכבד געווען פון איר פלעשל משקה און פון נאָך גוטע זאַכן. זלמן זאָגט זיך אָפּ פונעם כּיבוד. די שוואַרצלעך אַנטלויפן אין די אויגן־ווינקלען און זוכן דאָרט אַ רעטונג, אַ שוץ.

נישט־ווילנדיק האָט ער אָנגעהויבן ענטפערן אויף אירע רייד. —

און זי, שושנה, האָט אין אים געוועקט בילדער פון זיין לעבן אין חוץ־לאָרץ.

ער, אַ יינגל נאָך ,האָט געאַרבעט מיט חלוצים אין אַ פּריצישן הויף. אויך דאָרט האָט ער געאַרבעט מיט מיידלעך. מ׳האָט געקאָשעט תבואה, געלאָדן אויף וועגענער. ער האָט זיך געשעמט און גערויטלט, ווען ביילקע, אַ שטיפערקע, האָט אים געריסן פאַר דער טשופּרינע און אַריינגעלאַכט אין די אויגן, צי ער וויל זיך נישט אין איר פאַרליבן?

זלמן זיצט אין דער מיטאָג־פּויזע מיט אַ שווער געמיט און מיט אַ שווער־פאַרבונדענער צונג. ער וויל שוין, אַז די זאַמדיקע בערג זאָלן פאַרשווינדן — עס זאָל זיך אַנטפּלעקן פרייער שטח און בלויער הימל — וועט ער אויך פּטור ווערן פון אַ צרה: זיך לאָזן פירן פון עפּעס אַ מיידלטשינע! — און שושנה ליגט פאַר אים אויסגעצאַרעט אין די זאַמדן. איר לייב ברענט אים אין די אויגן, ווי הייסער קופּער. ליגט זי דווקא רואיק, פאַרלייגט אַ האַנט אונטערן קאָפּ און רעדט צו אים שטילע, מיושבדיקע רייד וועגן „פּראָבלעמען פון דער אַרבעטער־פרוי״ — אים האַלט אין איין אויסדוכטן, אַז זי מיינט עפּעס אַנדערש — נישט דאָס, וואָס זי רעדט — נישקשה, מ׳קען זיך גוט אויף די געגנעלעך!

אַ צווייטן מאָל איז זלמן אינגאַנצן נעלם געוואָרן אין דער מיטאָג־פּויזע. ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ באַהעלטעניש ערגעץ אין אַן אויסגעגראָבענער באַרג־נישע. ערשט איצט האָט ער דערפילט, ווי עס ברעכן אים אמתדיק די ביינער. דאָ איז שטיל. מ׳הערט נישט דעם אייזן־קלונג פון לויפנדיקע לאָרעס, דאָס כאַבאַטשען פון מיידלשע געלעכטערס. עס פאַרפאַלגן אים נישט שושנהס פאַר־מאַניענדיקע אויגן. די אויגן קלעפּן זיך פאַר מידקייט, שלעפערט־איין די גע־דאַנקען. — און הייסער כאַמסין־ווינט יאָגט פון אויבן די טרוקענע זאַמדן. זאַמדן לעבן, רעדן, שושקען זיך; זאַמדן לויפן, שיטן און באַשיטן די טיפע קאַרבן, רעליעפע באַרג־געזימסן און טעראַסן. אין זלמנס אויערן איז אַ ווירוואַר, אַ הייסער זאַמדיקער זמר — זיינע נאַזלעכער פּייפלען־צו מיט אַ האַרבן כראָפּען. —

עס פאַרשווינדן מיטאַמאָל אַלע בערג און טאָלן. אַ גלייכער שטח ציט זיך יאַזש צום בלויען כוואַליענדיקן ים. אין סאַמע מיטן זעט זיך זלמן דערהויבן איבער דער ערד; ער וואַקסט העכער און העכער — ער שטייט שוין אויף אַ שטאַרקן פּיעדעסטאַל. פאַר אים וואַקסן־אויס הייזער, גאַסן, ביימער, אַלייען. מענטשן שטראָמען, מענטשן גייען — אַלע ציען זיך צו אים! זלמן קען זיך נישט רירן פון אָרט, נישט אַ בייג־טאָן מיט אַ האַנט, מיט אַ פוס; ער קען דאָס מויל נישט עפענען — אינגאַנצן אין ער פון בראָנז. און האָרט פאַר זיינע פיס שטראָמען כסדר מענטשן, אויף דעכער און טעראַסן שטייט מען געפּראַפּט קאָפּ אויף קאָפּ: מ׳האָט זלמנען געוויילט פאַר אַ פּרעזידענט אין דער ניי־אויסגעבויטער שטאָט! — און ער קען צומאָל נישט אַ בייג־טאָן מיטן קאָפּ — ענטפערן אאויף די פריידיקע יובלען. מיטאַמאָל האָט ער דערזען אין מענטשן־טומל יענעם פּקיד מיטן הויכן נאַקעטן שטערן. ער פּויזעט אויף אַלע פיר, ער דערגרייכט דעם פּיעדע־סטאַל: — איך האָב געזינדיקט, זלמן — קלאַפּט זיך דער פּקיד „על־חטא" אין האַרצן — איך האָב געזינדיקט! — די קלעפּ אין האַרצן האָבן אין זלמנס אויערן אָפּגעקלונגען הויך, הילכיק — ער האָט זיך האַסטיק מיט אַנגסטן אויפגעריסן פונעם זאַמדיקן געלעגער — אין זיינע אויערן האָט זיך ווירקלעך דערטראָגן אַ הילכיקער קלינגען פון שטאָלענעם רעלס: מ׳האָט געוועקט פון דער לאַנגער מיטאָג־פּויזע!

זלמן האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען אין דער מיידלשער קבוצה. די אויגן האָט ער נאָך מער אויסבאַהאַלטן אונטער די געדיכטע ברעמען, געטראָגן אַ האָרץ אויף דער „באָדן־געזעלשאַפט", וואָס ער פּטרט פאַר איר אַוועק דעם גאַנצן

כוח — און פֿאַר זיך יאָקאָש זעט ער נישט קיין שטיקל באָדן אונטער די פֿיס. — נישטאָ קיין גוטס אויף דער וועלט, קיין יושר! — האָט ער באַשלאָסן אין זיך. — ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיין אַן אייזל און שלעפּן דעם יאָך, ווי אַ צדיק אויף דער וועלט? — און דאָס אַלץ פֿאַרן שכר פֿון אַ פּאָר צעבראָכענע פּיאַסטער?

דער היפּנאָז פֿון שושנהס אויגן האָט פֿאַרפֿאַלגט און פֿאַרטונקלט זיין געמיט, האָט ער געוואָלט זיין וואָס מער אָפּגעזונדערט פֿון דער קבוצה — פֿלעגט ער זיך איינשפּאַנען אין די פּולע לאָרעס זאַמד און זיי פֿירן לענג־אויס די רעלסן צו די טיפֿע טאָלן.

די מיידלעך האָבן זיך דערוויל צעלייגט מיט פֿרייד אין די אויסגעגראָבענע באַרג־נישעס, געקילט די מידע ברוינע לייבער און זיך געוווערטלט אויף זלמנס חשבון:

— איך זע דעם ערשטן מאָל אין מיין לעבן אַזאַ „מרוק"! — האָט זיך נישט געקענט שענקען אַ געפּאַקט מיידל. די פּולע גלידער האָבן איר אַרויסגעשפּאַרט פֿונעם טריקאָ־העמדל און ענגע הויזן.

אַ צווייט מיידל מיט אַן אָנגעצונדענער נאָז, ווי אַן אָפּגעקאָכטער מייער, קומט זי צו דער הסכמה, אַז זלמן איז אַ „לעמאַך".

— אַוודאי אַ חסיד — הערט זיך אַ סאָפּראַן־שטימעלע — קוקט נישט אַן אשה אין די אויגן.

— און וואָס זאָגסטו, שושנה? — באַפֿאַלט מען זי פֿון אַלע זייטן — דו כאַפּסט דאָך מיט אים אַ שמועס ביי דער לאָרע?

— לאַכט נישט, בחורות, ער איז אַן אָריגינעלער יונג — „באַרואיקט" זיי שושנה — פֿאַרמאַכט שיינע אויגן.

— אוי, שושנה, עס געפֿעלט מיר נישט.. — האָט מען זי גענומען אויפֿן צימבל.

פֿון דער נאָענט האָט זיך דערהערט אַ ציטערן פֿון די רעלסן. עס זענען אָנגעפֿלויגן מיט אַ טויבן געקלאַנג די ליידיקע לאָרעס — און דער מיידלשער שמועס איז צעריבן געוואָרן אונטער די אייזערנע רעדלעך.

זלמן האָט שוין עטלעכע מאָל קאָמבינירט, אַז שושנה זאָל צו אים נישט האָבן קיין צוטריט אין די מיטאָג־פּויזעס. ביי דער אַרבעט האָט ער סיי־ווי איינגעגראָבן די אויגן אין די זאַמדן, ווי ער וואָלט קיינעם נישט אין זינען געהאַט. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח, נישט צו טראַכטן וועגן איר; אָבער די געדאַנקען אַרום שושנהן זענען אַלעמאָל אָנגעלאָפֿן ווי וואַסער פֿון אַן אָוועקגעריסענעם ברעג. אַז ער פֿלעגט זיך דערווייטערן איבער די רעלסן מיט אַן אָנגעשאָטענער לאָרע, האָט ער פֿון הינטן דערפֿילט אויף זיך אירע אויגן. ער האָט געסאָפּעט,

שטויסנדיק די שווערע משא, און געקלערט פון איר בייזער גבורה: וויל אים דווקא בינדן צו זיך. רעדט,כלומרשט, נישט דאָס, וואָס זי מיינט; אָבער נישקשה, שטילע וואַסערן גראָבן טיף — מ׳קען זיך גוט אויף די געגנעלעך!

זלמן ווייס נישט, ווי דאָס איז געשען: שושנה האָט אים איינמאָל דערטאַפּט אין אַ מיטאָג־פּויזע. האָט זי אים געבעטן, פּונקט ווי אַלעמאָל, מיט פאַרשידענע אויסרעדענישן, ער זאָל מיט איר אַרויפקלעטערן אויפן שפּיץ באַרג. דאָרט זעט מען ווייט אַרום אַלע קבוצות. זלמנען דוכט זיך, אַז דאָס איז נישט גלאַט אַזוי זיך געבעטן, נאָר זי צווינגט אים ממש אויסצופירן אירע באַגערן. האָט ער גע־כמורעט די בערשטל־ברעמען און מיט אַ ברוגזער נאָז אָוועקגעקוקט אין אַ זייט, ווי ער וואָלט איר געגעבן אָנצוהערן, זי זאָל אים אויפהערן דרייען אַ היטל. נאָר אַז שושנה האָט אים נאָכאַמאָל געבעטן וועגן דעם, האָט ער זיך געלאָזט אַנרעדן, נישט ווויסנדיק אַליין, פאַרוואָס ער טוט עס, און מיטגעקלעטערט לכתחילה, נאָך איר, ווי אַ שאָף נאָכן פּאַסטוך.

אויבן, אויפן שפּיץ באַרג זענען זיי געבליבן שטיין, ווי אויסקוקערס. איבער זייערע קעפּ איז דער הימל געהאָנגען הייס, געוועלבט. אונטן, פאַר זייערע אויגן האָבן זיך צעוואַלגערט בערג און טאָלן. די שטחים זענען געלאָפן און זיך געיאָגט איינס איבערן אַנדערן. דער ווינט האָט געשמיסן און זיך געוויקלט אַרום זייערע קופּער־אָפּגעברענטע לייבער.

מיטאַמאָל איז זלמן צו זיך געקומען. עס האָט אים אַ צופּ־געטאָן אין מוח: וואָס טוט זיך דאָ מיט אים? זי מיינט דען סתם אָנקוקן די קבוצות? זי האָט אים בכיוון אַהער פאַרנאַרט, כדי פאַר אַלעמען באַוויזן, אַז ער, זלמן, „שטאַרבט" אוועק פאַר איר. — עס האָט אים אַ קאָך־געגעבן אינעווייניק און פאַר גרויס כעס אויסגעבורטשעט אַ נישט־פאַרשטענדלעך וואָרט — עס האָט בערך געהייסן: זייט אַזוי גוט, חברטע, איר האָט נישט געטראָפן דעם אַדרעס... נישקשה, מ׳קען זיך אויף דעם!

ער האָט אָנגעהויבן אַראָפּקוליען פון זאַמדיקן שפּוע, — זי האָט אים נאָכ־געשריגן מיט אויסגעשפּרייטע ברוינע הענט: — וואַרט נאָר, חבר, ס׳אַ מאָדנער איר זענט? — ער האָט זיך אָבער נישט אומגעקוקט און מיט אַ צעקלונגענעם כעס געלאָפן באַרג־אַראָפּ, צעשיסנדיק מיט די קורצע פיס וואָלקנס זאַמדיקן שטויב. שושנהס קלינגענדיקער געלעכטער האָט זיך מיטגעקייקלט פון אויבן,

זיך פֿאַרפֿלאָנטערט אין זלמנס געלאַף. ערשט אונטן האָט נאָך אָפּגעקלונגען אין זיינע רוישיקע אויערן איר כאַ־כאַ־כאַ און כאַ־כאַ־כאַ. —

ער האָט מיט אָנגעיאָגטן אימפּעט אַ פֿאַרקלעם־געטאָן אין די הייסע דלאָניעס אַ פֿול־אָנגעשאָטענע לאָרע מיט זאַמד און מיט צענפֿאַכיקן כּוח גענומען שטויסן איבער די רעלסן. פֿאַר די אַרויסגעזעצטע אויגן זענען אים אַזש פֿייער־רעדער געפֿלויגן. די אָנגעשטייפֿטע אייזערנע מוסקולן האָבן געטריבן מיט אימפּעט דעם זאַמדיקן געמאַך פֿאָרויס, פֿאָרויס. באַרג־אַראָפּ האָט עס אָנגעהויבן לויפֿן אַליין. זלמן האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן געשטעל. זיין בלוט־פֿאַרלאָפֿן פּנים האָט זיך געקילט אין ווינטיקן געיעג, זיך געקילט פֿון שושנהס חוצפּה, וואָס זי מאַכט אים צו נאַר אין אַלעמענס אויגן.

ביים ראַנד פֿון טיפֿן טאָל האָט ער געבערעמזט די לאָרע. מיט אַ פֿאַרביסענעם עקשנות האָט ער האַסטיק אַ קער־געטאָן די פּיראַמידע אַרונטער און אויסגעצישעט דורך די ציינער: נאַ, אָט האָסטו דיר!...

די זאַמדן האָבן ראַש זיך אַרונטערגעשאָטן צום תּהום — און אין זלמנען האָט דער כּעס זיך געקילט, צעגאַנגען אין אַ דערווידערנדיקער הווילקייט, אין חרטה.

1931

איבערפלאנץ

.1

ווילדע. זומפיקע שטחים זענען געלאָפן אין דער ווייט, אַרומגעקרייזט אין זומפיקן געלאַף אויפגעטורעמטע געקייטלטע בערג, און דערנאָך ווידער גע־שלונגען מרחקים, אַרונטער צום וואַדי, וואָס רוישט מיט רעדער־גאַלאָפּ, מיט זיגזאַגן־שפרונג אין די טיפע פאַרהוילענישן פון דער וויסטעניש. —

דאָרט ביים ראַנד פון די בערג, אויף דעם פאַרווילדעוועטן שפּוּע האָבן יונגען געקלאַפּט פלעקענער אין דער אומבאַרירטער ערד, וואָס איז פאַרוואַקסן געווען מיט ווילדע גראָזן און קרייטעכצער. ביי יעדן קלאַפּ מיטן האַמער האָבן צעפלאַצטע גראָז־וואָרצלען פייכט געווירצט אין זוניקן אַוויר. מענטשלעכע הענט, אויסגעהונגערטע נאָך פראַצע, האָבן גראָבע שטריק געצויגן, אַזש דלאָניעס האָבן געפלאַצט פאַר ווייטיק. מען האָט געבונדן ברעזענטענע פלאַכטעס צו די איינגע־פעסטיקטע דרענגער.

— עך, סיאָמקע, אַהער גיב דעם האַמער! זעסט נישט, ביי מיר האָט זיך נאָכגעלאָזט אַ זייט פון געצעלט?

— אָט אַזוי, חבר, צי־אָן נאָך אַביסל, נאָך...

יונגען ליגן אויף די געבויגענע קניען, פאַרען זיך מיט די פלעקענער ביי די זוימען פון די ברעזענטענע געצעלטן, מיט עקשנות קניפּן זיי שטריק צו דער ערד. און ווינט לאָזט נישט, ציט צוריק, פּאַטשט בייז אין די פלאַכטעס, ווי ער וואָלט געשריגן: איך וויל נישט, איך וויל נישט!

אַ שטיט שוין אַ ליכטיק געצעלט מיט אַ פֿאַרשפּיצטן שנוּפּ צום בלויען הימל. אַט וואַקסט־אויס נאָך אַ געצעלט. זיי שטעלן זיך אויס רונד אַרום, איינס נאָכן אַנדערן, איינס נאָכן אַנדערן, און אין צעהוליעטן שרייענדיקן ווינט זעען־אויס די געצעלטן, ווי מיידן אין אָנגעבלאָזענע יאַקעס — אַט־באַלד נעמען זיי זיך פֿאַר די הענט און דרייען זיך אין אַ טאַנצנדיקן קאַראַהאָד.

פֿון יענער זייט באַרג, פֿון נאָענטן טאָל, ווו פֿאַרחושכטע בעדואינער־געצעלטן שפּרייטן אַזוי נידעריק צו דער ערד שוואַרצן אומעט, האָבן זיך געלאָזט גיין אַ צענדליק אַראַבער, געוויקלט אין טונקעלע ווינטיקע אַבאַיעס. נייגעריקייט האָט זיך געצונדן אין זייערע שוואַרצע, ברענענדיקע אַפּלען: וואָס טוען דאָ, אין דער וויסטעניש, די מאָסקאָבער? זיי האָבן געקלעטערט אויפֿן שפּוע אַלץ העכער צום שפּיץ. ביי דער סאַמע באַרג־הויכקייט זענען זיי געבליבן שטיין מיט האַריק־צעכראַסטעטע בוזימס, די אַבאַיעס האָבן געפּלאַטערט אין ווינט ווי שוואַרצע פֿענער. די אויגן־ווייסלען האָבן געבליצט מיט פֿאַרגאַפֿונג אויף די ווייסע געצעלטן, צעשטעלטע אין אַ ראָד אונטן, ביי די בערג־טריט: וואָס טוען דאָ די מאָסקאָבער?

איין אַראַבער האָט זיך געלאָזט אַרונטער מיטן שפּוע. נאָך אים אַ צווייטער. זיי האָבן זיך אַלץ מער דערנענטערט צו די פֿאַרפֿאַרעטע קורץ־הייזלדיקע יונגען, וועלכע האָבן געהיפּערט מיט אַרבעטס־כלים פֿון איין געצעלט צום צווייטן.

עס איז זיי אַנטקעגנגעקומען סיאָמקע, אַ הויך־צעוואָקסענער יונג. דאָס פּנים אויסגעקנעטן ברוין און פֿון אונטער די בלאָנדע ברעמען, ווי זאַנגען, האָבן אַ פּאָר שאַרפֿע אויגן אָפּגעמאָסטן די בעדואינער־שכנים, אָפּגעמאָסטן זיי פֿון קאָפּ ביז די באָרוועס־פֿאַרבלאָטיקטע פֿיס.

די בעדואינער — פּנימער, אויסגעגליטע פֿון הייסע מדבר־ווינטן — זענען גאָרנישט אַראָפּגעפֿאַלן ביי זיך פֿון סיאָמקעס שטרענגן קוק. זיי האָבן מיט די נאָזלעכער חיהש דערפֿילט אין סיאָמקען דעם „פֿרעמדן". ערד קען זיך נאָך נישט צוגעוווינען צו די ווייטע, אומבאַקאַנטע ריחות פֿון פֿרישע טריט. באַלד זענען די בעדואינער־פּנימער פֿאַרגאַנגען אין שמייכלען פֿון געמאַכטער הכנעה. זיי האָבן פֿאַרגעשלאָגן סיאָמקען, אַז מען זאָל זיי דינגען צו דער אַרבעט; זיי וועלן פֿאַרבלייבן גוטע שכנים. ברידער. סיאָמקעס שאַרפֿע אויגן האָבן זיך גראָד צוזאַמענגעטראָפֿן מיט אויסבאַהאַלטענער ביטערקייט, וואָס האָט אַרויסגעגלאַנצט פֿון בעדואינערס שוואַרצאַפּל: — גוט — האָט ער געזאָגט — מיר וועלן אייך מאָרגן געבן תשובה. זיי געזעגנט מיט פֿרידן!

דער ערשטער פֿאַרנאַכט, וואָס איז צוגעפֿאַלן אין דער מחנה פֿון די ניי־אויפֿגעשטעלטע געצעלטן, האָט אויך אָנגעפֿילט מיט אומרו סיאָמקען. אים האָט מען אָנגעוואָרפֿן די אַחריות פֿאַר דער געפּלאַנטער אַרבעט, פֿאַר די מענטשן,

וואָס מ'האָט אים מיטגעשיקט פון נאָענטן דאָרף. דער מאָרגנדיקער ערשטער אַרבעטס־טאָג, וואָס דאַרף זיך אָנהייבן אין דער וויסטעניש, האָט אים דענער־ווירט; עס האָט אים אויך שוין נישט צורו געלאָזט דער היינטיקער וויזיט פון די בעדואינער. באַלד וועט ער זיך באַראַטן מיט די חברים פונעם „ראַט". יעדנ־פאַלס, דער „וואַלד", וואָס זיי גייען דאָ פלאַנצן, איז אַ רעגירונגס־אַרבעט; די אַראַבער־שכנים געהערט אויך אַ חלק.

פון דער ווייט, פון בעדואינישן טאָל, האָבן די וועלף־הינט זיך געריסן פון די קייטן, געבילט מיט ווילדקייט צום באַרג, צו דער מחנה יונגע לעבנס, וואָס האָבן אַהערגעבערענגט שרעק אין זייערע הינטישע הערצער. אין סיאָמקען האָט דער אומרו געוואַקסן. די הינט בילן, ווילן נישט אַנטשוויגן ווערן. זיי וועקן ווי גלעקער צו אַ שריפה.

ביי סיאָמקען אין געצעלט איז איצט אַ באַראַטונג. דאָס חלבנע ליכטל וואַרפט אַ שוואַכן שיין אויף די צעשויבערטע קעפּ פון די עטלעכע חברים, וואָס זיצן איינגעדרייט אויף די בעטלעך און וואַרפן משונהדיקע שאָטנס אויף די ברעזענטענע ווענט. אינעווייניק, אין געצעלט, זעט־אויס די דרויסנדיקע נאַכט נאָך פינצטערער. דער באַיאָרטער שפיגל מיט דעם זילבערנעם שטויב אויף דער תמיד נישט־אויסגעראַזירטער באָרד, רעדט מיט תחנונימדיקע אויגן. עס דוכט זיך, אַז זיין בלעכן שטימעלע ווייגט־אויס אַ פרום געבעט, נישט קיין ניכטערע רייד מכוח חי־שעה און אַ לעפל געקעכץ פאַר די חברה יאַטן. און וואָס שייך די ישמעאלים, האַלט ער, איז טאַקע אַ פּראָבלעם, וואָס מען קען נישט פטרן איינס און צוויי. אַוודאי — טוט ער אַ בייג דעם קאָפּ צום אַקסל — מען וועט מוזן זיי געבן אַ חלק אַרבעט, אויב זיי מיינען עס ערנסט.

— ערנסט־שמערנסט — קען נישט פאַרטראָגן ראובניס טאַנצנדיקע טשופּרינע אויפן קורצן שטערן. ראובני קאָכט זיך און רעדט גיך, פונקט אַזוי גיך קוועטשט ער מיט די אייגעלעך און וואַרפט די טשופּרינע רעכטס און לינקס: דער „אַראַבער־פּראָבלעם" איז שוין ביי אים פאַרענטפערט פון לאַנג — יאָכ ווייל מען דאָס ווייטער אַרויפנעמען אויפן טיש?

סיאָמקע זיצט אַן אָנגעכמורעטער אויפן בעטל. אין אים וויברירט נאָך דאָס עקשנות פון די פאַרגאַנגענע אַרבעטס־יאָרן, דער בלוטיקער עבר פון זיין יוגנט. ער פאַרטראָגט נישט קיין תפל'ע רייד, וואָס מען רעדט דאָ אין געצעלט. — זאָלן די מעשים פון מענטשן רעדן, נישט דאָס מויל. אָט אַזוי שווייגנדיק האָט ער אויפגענומען די טענות פון די חברים, און ביי זיך האָט ער שוין באַשטימט

דעם סדר פון דער היינטיקער נאַכט. ער האָט אַרויסגעלאָזט פון ברוסט אַזאַ ברומענדיקן זיפץ, ווי מען וואָלט דורכגעפירט איבער די סטרונעס פון אַ קאָנטראַ־באַס. — היינטיקע נאַכט וועט זיין אַ „ליל־שמורים". קום מיכאל! — האָט ער מיטגערופן מיט זיך דעם פאַרטראַכטן בחורל, וואָס האָט מיט קיין איין וואָרט זיך נישט אַריינגעמישט אין דעם שמועס פון די חברים, פונקט ווי אים וואָלט נישט אָנגעגאַנגען דאָס ערדישע לעבן דאָ, נאָר ער וואָלט זיך געוויגט אין פאַרנעפלטע זיידענע שלייערן.

אין דרויסן האָט די נאַכט דורכזיכטיק געבלויט, געשאָסן פון די הימלען מיט זילבער־קוילן, אָן איינגעהויקערט לבנהלע, אָנהייב חשון, האָט קאַפּויערדיק געשליפן און געגאָסן בלוי ליכט איבער די זומפּיקע שטחים, איבער די נאַכטישע געצעלטן, וואָס האָבן שטומערהייט זיך איינגעהערט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם צום ווייטן אַרום.

סיאָמקע האָט געשפּאַנט מיט מיכאלן, געפּלאָנטערט די פיס אין די לאַנגע אָנגעצויגענע שטריק פון די געצעלטן. סיאָמקע האָט ליב געקריגן מיכאלן נאָך זייענדיק אין דאָרף. דאָרט פלעגט ער גערן מיט אים פאַרברענגען. מיכאל האָט זיך פאַרשטאַנען אויף סיאָמקעס פיינפולן שוויגן, געוווּסט דעם באַשייד פון זיינע קאַרגע רייד: דער בלוטיקער חותם, וואָס איז פאַרבליבן ביי סיאָמקען אין האַרצן פון זיין פריסטער יוגנט אָן. סיאָמקע, ווידער, האָט געפונען אין מיכאלן אַ „פריינט". אָט דער בחורל מיט די ברייט־צעעפנטע גרויע אויגן, וואָס האָט געוואָגלט איבער די דאָרפישע קיבוצים אין לאַנד און זיך געלייטערט פון דעם „וועלט־שמערץ", וואָס ער האָט אַהערגעשלעפּט פון זיין פּויליש שטעטל. סיאָמקע האָט אים אין דאָרף אַריינגענומען צו זיך אין קיבוץ. יעדע פּאָר טעג פלעגט מיכאל קריגן בריוו פון זיינס אַ „מיידל" אין תל־אָביב. „תל־אָביב" איז אין סיאָמקעס אויגן געווען פאַררעכנט פאַר נישט דאָס אמתע ארץ־ישראל, נאָר אַ פּאָטשמאָנטאָזש פון אַלע יידישע געטאָס אין דער וועלט. דאָס בריוולען זיך פון זיין חבר מיט אַ שטאָטיש מיידל האָט ביי סיאָמקען אַרויסגערופן אַ שמייכל.

איצט האָט ער געשפּאַנט מיט מיכאלן, געהיט די מחנה געצעלטן אין דער נאַכט־וויסטעניש, אָנגעשפּיצט די אויערן אויפצוכאַפּן יעדן שאָרך פון אַ פעלד־מויז אָדער אַ קאַמעלעאָן, וואָס גנבעט זיך דורך די ווילדע גראָזן און באַרג־שטיינער. מיכאל, אָן איינגעטוליעטער אין ווינטערדיקן מאַנטל, האָט געשפּרייט אַרום סיאָמקען אַ בלינדע נאָענטקייט. מיכאל איז איצט געווען אין דער העכ־סטער שטימונג. ער האָט פּאַר סיאָמקען גערעדט אַלעגאָריש, שטיל. דערציילט האָט ער פון ברידער וואָגלער, וואָס אין פלוג קען זיך נישט איינער דעם אַנדערן, שטומערהייט קריצט מען זיך אויס אין די הערצער: פריינט. העגט שטרעקן־אויס אין מידער זוכעניש, גאָרן אַרומצונעמען זיך — און בלייבן אָפּגענאַרט, אַנטוישט...

סיאַמקע איז געווען צו פיל ניכטער, ער זאָל קענען פאַרדייען מיכאלס האַרץ־געפּליסטער. אַלע זיינע חושים זענען איצט געווען אַריינגעטאָן אויפצו־כאַפּן יעדן מינדסטן שאָרך אין דער ראַסיקער בלויער נאַכט. די נאַקעטע מוסקו־לירטע פּיס האָבן געפּיבערט פון אונטער די קורצע הייזלעך.

— ששש... האָט ער מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט מיכאלן — אַביסל שטי־לער... מיר דוכט, אַז מען קריכט אויפן שפּוע!

פון באַרג אַראָפּ האָט עפּעס טעמפּ זיך געקייקלט אַרונטער צום טאָל. אַ הונט האָט אַ ביל־געטאָן, שטיל געוואָרן, אַ קלאַפּעריי פון האַנט־דלאָניעס, — און ווידער אַ ביל פון אַ הונט. שטילקייט האָט דערנאָך געגליוועט, געהוזשעט אַזש אין די אויערן.

— איך מיין, עס איז אומזיסט — האָט מיכאל אַרויסגעוויזן העלדישקייט — זיי וועלן מורא האָבן אַהערצוקומען, די בעדואינער.

סיאַמקע האָט געכמורעט די ברעמען אויף מיכאלן: — וועסט דאָס זאָגן שפּעטער. דיינע אייגענע טריט זאָלסטו אַמאָל נישט גלויבן!

— עך, ברודער — האָט סיאַמקע אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויפן חברס אַקסל — האָסט שוין אַמאָל אַריינגעקוקט דעם טויט אין די אויגן? — ער האָט אים דורכדרינגלעך אַריינגעקוקט אין די ברייט־צעעפענטע אויגן, ווי וואַרטנדיק אויף אַ תשובה. זיין שאַרפער בליק איז באַלד ווייך געוואָרן, געקוקט אין פאַרנעפּלטע ווייטקייטן, איבער לענדער ווייטע, שנייאיקע, פון וואַנען ער איז מיטן שטאַם אויסגעריסן געוואָרן, און איבערגעפּלאַנצט זיך אַט־אָ־דאָ, אויף ווייסטער ערד.

מיכאל איז מיטגעגאַנגען שווייגנדיק, ווי ער וואָלט געשפּאַנט איבער די אייגענע געדאַנקען. אין אָפּגרונט פון זיינע אויגן האָט געגליט אַן אומרואיקער פייער. — עס ווילט זיך אים איצט פאַר סיאַמקען אַרויסזאָגן, דערציילן, אָבער עמיצער בינדט אים אין בלינדע שלייפן און לאָזט אים נישט עפענען דאָס מויל.

דער הויך־געוויקסיקער סיאַמקע זעט זיך איצט ווי אַן אָפּגעריסענער אבר פון אַן אַנדער ווייטער ערד. ער פילט, אַז מיכאל איז אַוועקגעשוווּמען פון אים אויף אַ ווייטן שטח. זיין נאָענטקייט האָט אים נישט געגעטערט. מיכאל האָט דאָס אויך אין דער רגע געפילט. ער האָט מקנא געווען סיאַמקעס כוח און גע־זאַגטקייט; יענעמס פּלייצעס האָבן שטומערהייט געצייכנט איינגעשפּאַרטע גבורה, אַן אויסגעהאַמערטער סילועט אין דער נאַכט.

די זומפּיקע שטחים האָבן זיך צעקוואַקעט אין דער בלויער ראַסיקער נאַכט.

אין דער פינצטער פּראַווען זיי אַ גרילצנדיקע חתונקע. דער טאָל גייט אויף רעדלעך; עס קאַכט, עס בלעזלט מיט געקוויטש און הייזעריקן געבריל; די קאַפּעלע שטייגט אַלץ העכער, ווייטער, עס רימפּלט און פּייקלט קדחת אויף

שערבלעך און גלאָז, און איינגעהויקערט לבנהלע שאַרפט זיך מיט זילבערנעם קלונג אין צעשטערנטן הימל און גיסט אַרונטער בלוי ליכט אין זומפּיקן בלאָטער. מיטאַמאָל האָט זיך אין דעם דערטראָגן אַ יללה פון שאַקאַלן. זיי האָבן געקלאָגט און ספּאַזמירט האַרץ־רייסנדיק, ווי מאַמעס, וואָס מ׳האָט ביי זיי אַוועקגעריסן זייערע קליינע קינדער. איינס האָט זיך גאָר פּלוצים צעקייכט, איבערגעשריגן ס׳גאַנצע געזינדל מיט אַ מטורפן געלעכטער.

סיאָמקע מיט מיכאלן זענען געבליבן שטיין פאַר די געצעלטן. סיאָמקען האָט דענערווירט, וואָס יונגען ליגן צעלייגט אין די בעטלעך און כראָפּען אין דער נאַכט, און דאָ קאָרטשעט זיך די ערד אין קראַמפּן. — זיי האָבן זיך פאַרגעסן, צו אַלדי רוחות, אַז היינט איז אַ וואָך־נאַכט ?

סיאָמקע האָט אַריינגעפּראַלט אַ געבויגענער אין אַ געצעלט, גענומען שלעפּן איינעם פאַר די פיס : — אַראָפּ פון בעטל, יאָלד איינער ! און דו, לעקיש, ווי רופט מען דיך דאָרט ? — האָט ער אַ טאָרע־געטאָן אַ צווייטן צעשויבערטן יונג אויף אַ בעטל — איר האָט פאַרגעסן, אַז מען דאַרף אַרויס אויף דער וואָך ?!

מיכאל איז געבליבן אַליין אין דרויסן. עס האָט אים אויסגעדוכט, ווי די געצעלטן שטייען איינגעטוליעט אין טליתים, פאַרניורעט די קעפּ אין נאַכטישע בוזימס : אָט באַוועגן זיי זיך אַהינטער, מאַכן אַ וואָרע, זעצן זיך צו דער ערד. און פּלוצים האָט אַ פאַרדושעטער געשריי זיך אַרויסגעריסן פון אַ געצעלט : ה־ה־ה־א... און באַלד איז עס אַנטשוויגן געוואָרן, אין איילעניש איז מיכאל אַריינגעלאָפן אין יענעם געצעלט. באַלד איז דאָרט אויך סיאָמקע אַריינגעפאַלן.

— וואָס איז דאָרט ?

— ווער שרייט דאָס ?

— אַ, וואָס...? — האָט די פינצטערניש אָפּגעענטפערט. עס האָט זיך דער־הערט אַ ווילדער קראַצן אין אַ קאָפּ האָר : — מיר האָט זיך געחלומט... מסתמא, אַ שאַקאַל געוועזן... צום טייוול, אַפילו שלאָפן לאָזן זיי נישט...

סיאָמקע האָט אַ צינד־געטאָן דאָס קעשענע־לעמפּל, ער האָט זיך דערזען אין בעטל אַ צעשויבערטן יונג מיט ווילדע אָנגעשפּיזטע אויגן. ער האָט גע־פּאַטשט מיט די ליפּן, ווי עס וואָלט אים אַ טמא זאַך געלעגן אין מויל.

— טפו, זאָלט איר ווערן מיט אייערע חלומות ! — האָט סיאָמקע זיך צע־שריגן — וואָס מיינט איר זיך, כאַלעפּוצים, מאַנדערינקעס — אַראָפּ פון די בעטן ! איך וועל אייך דאָ אויסהערן אייערע קאָנצערטן ?!

אַ צעצאָרנטער האָט סיאָמקע זיך אַרויסגעשטופּט דורך די פּלאַכטעס אין קילן דרויסן.

ווען מיכאל איז אַריין צו זיך אין געצעלט, אינגאַנצן דורכגעקעלטערט מיט ראָסע, איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. צוויי מאָל האָט ער שוין געהאַט „וואָך", געדרייט זיך אין לויערנדיקע הקפות אַרום די געצעלטן. נאָך אים איז אַנגעקומען שפּיגל. סיאַמקע, דער דריטער שכן צום געצעלט, האָט זיך אַ ווײַלע אַריינגעכאַפּט, אָבער ער וויל זיך נישט צולייגן אויפן בעטל. די ערשטע נאַכט מוז ער האַלטן קאָנטראָל איבער די נישט־דערפּאַרענע חברה; ס'וועט שוין גאָרנישט העלפן, ער וועט שוין האָבן די אמתע „ליל־שמורים"!

אַן אויסגעמאַטערטער האָט מיכאל זיך אַריינגעכאַפּט אין בעטל, און באַלד האָט ער שוין געכראָפּעט אין פאַרדושעטן געצעלט.

שפּיגל האָט זיך נאָך לאַנג געפּאָרעט אויף זיין געלעגער, געוואָלט אַ שמועס טאָן מיט זיין שכן. אָבער ווער? ווו? דבר אל העצים — אים, שפּיגלען, נעמט נאָך נישט דער שלאָף. ער האָט אַנגעצונדן דאָס חלבנע ליכטל, געוואָלט — ווי דער שטייגער — כאַפּן אַ „לייען" פאַרן שלאָפן — אָבער עס גייט נישט, עס לייענט זיך נישט! ער האָט אויסגעלאָשן דאָס פלעמל, פינצטערניש האָט גע־קנוילט געדיכט אין צוגעמאַכטן געצעלט; דאָס שנאָרכן פון מיכאלן רעגט אים אָן אויפהער. שפּיגל האָט אים געוואָלט זאָגן נאָך פון פריער, אַז מיר מענטשן זענען דערגאַנגען צו אַ שיינער מדרגה, כ'לעבן — היטן זיך איינער דעם אַנדערן, אַ ירושה פון אונדזערע אור־ברידער קין און הבל. — זענען זיי טאַקע אַזעלכע פּראָים, די בעדואינער? — שפּיגלען גלויבט זיך נישט, אַז זיי וועלן איצט אין אַ מיטן נאַכט אַרומרינגלען די מחנה געצעלטן און אָפּטאָן ווייס־איך־וואָס. — אונדזערע טאַטעס און מאַמעס — האָט דער געדאַנק ווייטער געאַרבעט — האָבן געלייענט „קריאת־שמע", כדי זיך אויסצוהיטן פאַר שדים אין די נעכט — זיי וואָך־נאַכט פון אונדזערע יאַטן איז דען נישט ענלעך צו די תפילות פון אונדזערע עלטערן?

שפּיגל האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער, דער שלאָף האָט אים נישט גענומען, איין געדאַנק האָט אַנגעיאָגט דעם צווייטן. — ווי לאַנג איז, ווי ער האָט אונטערגעצויגן אַ שטריך אויף זיין פריערדיקן לעבן? ווײַ, ווײַ, ווי עס לויפן די יאָרן! אָט אָקאָרשט איז ער דאָך געזעסן צווישן לומדים, גמרא־גריבלער — ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון ווייב און קינד מיט דעם נודנעם לעבן פון תפילות און זאָגעכצן — אָט די אַלע זאַכן האָט ער געטוישט אויף תכלית, אַ לעבן פון מעשים, העלפן בויען דאָס יידישע לאַנד — און האָסטו דיר אין מיטן אַן ענין מיט אַראַבער! — ווי, מיכאל, דו שלאָפסט? — ער האָט אים געהערט זיך איבערדרייען מיט אַ קרעכץ אויפן בעטל — מיכאל האָט אים נישט געענטפערט און ווייטער געשנאָרכט אין דער פינצטערניש.

שפּיגל האָט איצט אין געצעלט־חושך געזען אַזוי בולט היפּן די באָרוועסע

בעדואינערינס איבער די וויסטע שטחים, זיי האָבן געשאָסן די קניען אין טונ־קעלן קליידער־הלוך. די קעפּ זענען געווהדיק פאַרריסן — אויף די קעפּ ערדענע קריג, דאָס ציען זיי צום קוואַל נאָך וואַסער! זענען די בלאַטיקע פיס געשמידט אין בראַסלעטן, די פנימער זענען באַהאַנגען מיט בייטשן מטבעות זילבערנע, מיט שנורן קרעלן הימל־בלויע; צווישן די דלותדיקע טראַנטעס פלאַטערן מיט ברוינעם געמירמל נאַקעט־־הענגענדיקע בריסט. — דאָרט אויף די שטחים, ווו קיין אַנגעשוכטער פוס האָט נאָך נישט געטרעטן — זעט איצט שפיגל ווי עס שפּאַנען לוסטיקע יונגען מיט באַקאָוועטע שיך. די פאַרלייגטע רערן שלינגען דאָס וואַסער פון די ערד־טיפענישן. — עס וועט קלעקן פאַר יצחקן, עס וועט קלעקן פאַר ישמעאלן — האָט שפיגל געמאַכט שלום אין גדאַנק — —

פאַר זיינע אויגן פאַראַדירן ווידער די בעדואינערינס מיט די ערדענע קריג אויף די קעפּ. די אויגן ברענען מיט צעצונדענעם פעך און רופן ביי אים אַרויס זינדיקע מחשבות. — און צווישן די זעאונגען האָט ביי שפיגלען אַרויסגעטויכט זיין ווייב, ברײנע — וואָס אין משך פון יאָרן האָט ער זיך אין איר כמעט ווי פאַרגעסן. ער האָט דאָך אָפּגעהאַקט — און כאַלאָס! פון מזבח נעמט מען נישט צוריק!

שפיגל האָט זיך געשליידערט אויפן בעטל און געוואָלט פאַרטרייבן די שלעכטע מחשבות, וואָס פלאָנטערן זיך אים אין מיטן דערינען, פון אונטער דעם קישן זענען געפלויגן אויף דער ערד צייטונגען און בראָשורן.

אויסגעמאַטערט און צעקנייטשט האָט ער זיך אַרויסגעקליבן פון די ברע־זענטענע פלאַכטעס אין לבנהדיקן דרויסן אָפּטאָן אַ מענטשלעכע באַדערפעניש:

— שנים אוחזים בטלית — האָט זיך אים געצויגן אַ ניגון — זה אומר שלי, וזה אומר...

די לבנה האָט הויקערדיק אַראָפּגעזילבערט פון בלויען נאַכטיקן הימל און שטום זיך צוגעקוקט צו שפּיגלס מעשים. — שפיגל, אַ געבויגענער, ווי אַ באַשנייטע ווערבע, איז צוריק פאַרשלונגען געוואָרן אין געצעלט־פינצטערניש, אַריינגעכאַפּט זיך אין אויסגעוואָרעמטן געלעגער.

— העי, דו פּעפער, מיכאל! — האָט ער אַריינגעקרעכצט אין דער פינצ־טערניש — עס גייט אים גאָרנישט אָן צו שפּיגלען, דער שומר של נאַכט, וואָס קען קיין אויג נישט צוטאָן.

— איז וואָס־זשע, דער טלית וועט אָפּנים קלעקן פאַר אונדז אַלעמען? — —

דער גדאַנק האָט, ווי אַ געלאָדענע שפּילקע, געעקבערט אין שפיגלס מוח. ס׳איז אים יאָ געווען פאַרענטפערט און נישט געווען פאַרענטפערט.

— איז בכן? —

יאָ, ער האָט עס שוין, דוכט זיך, באַלד דערגרייכט — און ער אַליין וויגט

זיך עפּעס אין אַזעלכע זיידענע שלייערן, אַזוי מיד און דערהויבן. מיטאַמאָל האָט זיך איין אויג ביי אים אויפגעקלעפּט, מאָדנע איבערראַשט געוואָרן... דאָס אויג האָט דערכאַפּט אַ שנאָרך פון דער פאַרפאַקטער נאָז — אַ שנאָרך כלו חרטה...

ער האָט דעם קאָנטראָל איבער זיך פאַרלאָרן, זיינע זעאונגען וויגן זיך אין צעשוווּמענע וועלטן, ווילן עפּעס אָנכאַפּן און לויפן ווייטער אין מטושטשער בלינדקייט. הייסער אָטעם וויגט זיך איבער זילבערנע כוואַליעס.

2.

אויף צומאָרגנס אין פיאַלעטן באַגינען, ווען דער הימל איז נאָך פאַרווישט געווען מיט מאַטן דרימל, גרייט געווען אָט־אָט אַרויסצושיסן מיט זוניקייט — איז סיאָמקע געשטאַנען ביים ראַנד פון באַרג און ער האָט באַמערקט, ווי עס וואָלט זיך עפּעס באַוועגט איבער די דערוואַכטע פעלדער. מיט יעדער רגע זענען די געדרייטע סטעזשקעס אויפגעהעלט געוואָרן, אויסגעטיילט זיך פון דעם ראָסיקן נעפּל, וואָס איז צעגאַנגען אין ווייסער פאַרע פון דער אויפגעגאַנגענער רויטער זון. ערשט איצט האָט סיאָמקע דייטלעך אין דערווייט געזען, ווי עס טראָגן זיך איבער די פעלד־סטעזשקעס אַ מחנה אַראַבער, זיי פאַרשניידן זיך אין דער ריכטונג צו די זומפּן. פאָרויס דער מחנה איילנדיקע אַראַבער מיט די צעפּאַ־כעטע אַבאַיעס, האָט ער באַמערקט איינעם רייטן אויף אַ גרויסן אייזל. — יאָ, כיאָמקע האָט באַלד אין אים דערקענט דעם „כאַוואַדזשאַ מוסאַ", דער יידישער לאַנדווירט פון נאָענטן דאָרף, וואָס איז אָנגעשטעלט ביי דער רעגירונג אַלס מומחה פאַר ערד־אַרבעט. אין סיאָמקעס אויגן זענען די איילנדיקע אַראַבער־כּנענים מיטן „רייטער" פאַרוואַנדלט געוואָרן: ווי משה רבינו פירט די ישראלים פון לאַנד מצרים אין מדבר. סיאָמקע האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים צו די געצעלטן, ווו חברה יונגען האָבן האָפערדיק אַרומגעטאַנצט מיט די פּיאַשן אין די הענט. דעם פרישטיק האָבן זיי בחפזון אַראָפּגעשלונגען און זענען גרייט אַראָפּצונידערן איבערן באַרג־שפּוע. די דאַגות פון נעכטיקן טאָג מיט די בעדו־אינער־שכנים איז פאַר סיאָמקען אין דער רגע פאַרשוווּנדן געוואָרן — וועט מען אַרבעטן בשותפות — האָט ער געטראַכט — בשותפות פלאַנצן דעם וואַלד.

„כאַוואַדזשאַ מוסאַ" האָט פאַרקערעוועט דעם אייזל אין דער ריכטונג צו די געצעלטן. דער אייזל האָט דערפילט מיט די דורשטיקע נאָזלעכער דאָס וואָרעמע גאַלד, וואָס האָט געגאָסן פון באַרג־הויכקייט — האָט ער פאַרריסן דעם קאָפּ מיט אַ צעעפנטן פּיסק און געקלאָגט מיט תאווה, מיט זשעדנע גרויסע ציינער, אייזל־געשריי האָט געגרילצט איבער באַרג און טאָל.

סיאָמקע מיט די חברה האָבן אַראָפּגענידערט פון באַרג־שפּוע מקבל־פּנים

זיין דעם „רעגירונגס־אויפזעער". די פּיאָשן האָבן זיי פאַרוואָרפן איבערן אַקסל, די אויסגעשלאָפענע פּיס האָבן געהיפּט איבערן באַגראָזטן באַרג־אַראָפּ. — און אין טאָל האָט זוניקער טייך זיך צעגאָסן, געצונדן גראָזן און ווילד־פאַרוואָקסענע קאָרטשעס. מיטאַמאָל זענען אויסגעוואַקסן אויפן באַרג־רוקן טשערעדעס שעפּסן, זיי האָבן געיערט קופּעסוויז מיט דראָבנעם גלעקל־געפּלאָפּל. אַראַבישע פּאַס־מוכלעך אין געשטרייפטע אַבאַיעס האָבן געטייטלט אין דער לופטן זייערע הויכע שטעקענער מיט הענטלעך געבויגענע. צעפּייפלט האָט זיך באַרג דאָ און דאָרט האַרציק פּיעשטשענדיק, מיט טריל און דריי, באַרג האָט געכאַכאַטשעט מיט טרויעריקער פרייד. די פייפלעך האָבן שירה געזונגען אין הערצער שעפּסענע.

— שלום, בחורים! — האָט „כאַוואַדזשאַ מוסאַ" אויפן אייזל דערגרייכט סיאַמקען מיט דער מחנה יונגען — זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה! — האָט ער מיט קוראַזש אָנגעקוקט די פרײדיקע אַרמיי מיט די פאַרלייגטע אַרבעטס־כלים אויף די אַקסלען.

„כאַוואַדזשאַ מוסאַ" האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון אייזלשן געזעס. דאָס פּנים האָט אים געשטראַלט פון דער באַגעגעניש. ער האָט געפירט סיאַמקען צו דער פאַרוואָקסענער ווילדערניש און איינגעטענהט מיט אים, געגעבן אָנווייזונגען, ווי אַזוי זיי וועלן דאַרפן אָפּראַמען פון וועג די ווילדע קאָרטשעס — ביז זיי וועלן דערגייין צו די זומפּן. — איך — האָט „כאַוואַדזשאַ מוסאַ" אויסגעשטרעקט די האַנט אין דער וויט — וועל זיך פאַרנעמען מיט מיינע ישמעאלים פון דער אַנדערער זייט, און די זומפּן וועלן שוין קיין ברירה נישט האָבן, זיי וועלן זיך נאָכגעבן!

די זון האָט געדושעט מיט חמימה, פייערדיק געלעקט אָפּגעדעקטע קערק און לייבער. חברה האָבן געלאָזן אין גאַנג די שטאָלענע פּיאָשן. די ערד איז ווילד פאַרוואָקסן מיט שפּיזלדיקע קאָרטשעס, צעשאָסענע אין דער ברייט. זיי האָבן געדראָט מיט בלוטיקן שטאָך דעם מענטשן. אויף אויסגעבעטער מאַכיקער, פייכטער ערד דרימלען אין גאַליקער רו איינגעדרייטע שלאַנגען אין רעדלעך. האָט זיך ס'קעפּל פון אַ שלאַנגען־ראָד אַ צאַפּל־געטאָן, אָנגעשפּיזט אין דערהויך מיט ציטער אין בלוטיקן אויגל, זיך איינגעהערט צום גערויש פון מענטשנס טריט — די שטערער פון זייער פאַרגליווערטן פּעטן שלאָף. טעמפּע קלעפּ פון שאַרפע אייזנס האָבן געשניטן אין איינגעשטייפטע ווילד־פאַרוואָקסענע קאָר־טשעס, גבורהש פאַרטיפטע אין דער ערד — ניין, מיר וועלן זיך נישט נאָכ־געבן! — האָבן זיי מיט עקשנות זיך אָפּגעשאָקלט פון שטאָלענעם שאַרף. די פּיאָשן האָבן ווייטער געשניטן און געפליקט, פאַרטריבן מיט אַ סווישטש אַן איילנדיקע שלאַנג אין די געדיכטע פאַרפלאָנטערנישן.

אין סיאַמקען האָט געוואַקסן אַן אינעווייניקסטע פרייד, פילנדיק ווי מענטש־

לעכע כּוחות פאַרמעסטן זיך קעגן די אור־כּוחות פון דער פאַרוואָרלאָזטער ערד. ער זעט, ווי עס וואָלט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים פון דאָסניי די „מעשה בראשית". און ער אַליין וואַקסט אויס, אַ נייער, אַ פריש־געבאָרענער.

„באָוואַדזשאַ מוסאַ", דער רעגירונגס־אויפזעער איז אַפּערגעקומען פון יענער זייט, ווו די טונקל־הויטיקע אַראַבער אין די ברייטע תחתונים שניידן אין די ווילדע קאָרטשעס. ער האָט געזשמורעט די אויגן פאַר הנאָה און נאָכגעקוקט, ווי יידישע יונגעלייט שמעלצן זיך איבער אין ערד־אַרבעטער — עפּעס איינער זעט זיך אויס אין זיינע אויגן אַ שטאָטישער „אינטעליגענטל", לייגט־אַוועק ביי דער אַרבעט צופיל כּוחות.

באָוואַדזשאַ מוסאַ, אַ זאַט־אָנגעגעסענער מיט מעכטיקע אַקסלען, איז געבליבן שטיין פאַר מיכאלן, זיינע אויגן־שפּאַלטן, אָנגעגאָסענע מיט גרינער פרייד, האָבן אָנגעקוואָלן פון מיכאלס אומבאַהאָלפנקייט און שפּע שוויס, וואָס האָט אַראָפּ־געבעבלט פון זיין פּנים.

— אַ תל־אָביבער ? — האָט דער אויפזעער אים אַ פרעג געטאָן.

מיכאל האָט אויסגעגלייכט דעם רוקן, אַרויפגעלייגט ביידע דלאָניעס אויפן פּיאַש־הענטל און אָנגעקוקט דעם צופרידענעם בר־נש מיט די הנאה־קנייטשעלעך אַרום די פאַרזשמורעטע אויגן. — וואָס זאָל ער אים ענטפערן אויף דער שיינער פראַגע ? — ביים סאַמע שפּיץ נאָז איז אים געהאָנגען אַ מוטנער טראָפּן שוויס — אַט־אַט — און שוין נישטאָ...

— מ'טאָר נישט האָרעווען אַזוי שווער — האָט דער אויפזעער אַרויסגע־נומען פון מיכאלס הענט דעם פּיאַש — אַרבעטן דאַרף מען נאָר מיט קאָפּ. אַט־אַזוי־אַ — האָט ער אָנגעהויבן פליקן מיטן פּיאַש — קודם כּל דאַרף מען אַרומגראָבן רונד־אַרום, און דערנאָך ווועסטו לייכט צוקומען צום האַרץ, דער קאָרטש וועט זיך דיר נאָכגעבן ווי אַן „אַלטער" — זעסטו ער שאָקלט זיך שוין...

ער האָט דעם פּיאַש צוריק אָפּגעשטעקט מיכאלן, ווי אַ טרייפענע זאַך, אויסגעגלייכט זיין שווערן גוף. דאָס פּנים איז אים רויט אָנגעלאָפן מיט בלוט, אַזש די אויגן האָבן אַרויסגעשפּאַרט מיט אָנגעגאָסענער גרינקייט. —

— ס'אי נישט תל־אָביב, צונויפקלעפּן אין אַ רגע אַ בנין ביזן הימל. מיר דאַרפס־לייט שטעקן אין דער שווערער ערד, מיר האָבן דעם הימל אין דער ערד. — ער האָט אַ לאַך־געטאָן פון דער אייגענער חכמה אין די טאַבאַק־וואָנצעס מיט אַ דראָבנעם קוויטשיק געלעכטערל.

— אַנו, חברה שטייט נישט ; — האָט ער זיך אַ קער־געטאָן צו די יונגען מיט די אַנטשוויגענע אַרבעטס־כּלים — וואָס האָט איר געמיינט, איך וועל פאַר אייך אַ דרשה האַלטן ?

און פּיאַשן האָבן זיך הייסע צעשאָקלט, ווי קהל נאָך דער ברכה פון חזן,

געשניטן פייערדיק מיט הוק און סטוק אין ריטער געפּלאָכטענע, אין בינטן געדרייטע. האָבן זיך פליִיצעס געבויגן: ווייסע, בלויע, גרויע. אייזנס האָבן זיך געהויבן אין דער לופטן: איינס אַרויף, איינס אַראָפּ, איין פאַרלאַנג, איין ווילן האָט אַרומגענומען די מחנה יונגען. די פּנימער זענען ברוין צעפלאַמט פון דער זון, פון די בראָנזענע הענט מיט אָנגעדראָלענע אָדערן שפּאַרט אַ כוח, און פיס שפּאַנען אַלץ ווייטער, טיפער. הינטער זיי פאַרשווינדט דאָס פאַרוואָקסענע ווילדעריניש.

דער באַיאָרטער שפּיגל שנײַדט מיטן פּיאָש נישט ערגער פאַר די חברה יונגוואַרג, הייס צעקאָכטע בלוט. דער זילבערנער שטויב אויף זיין נישט־אויס־געראָזירטער באָרד בליצט פון דעם שוויסיק אָפּגעברענטן פּנים, און זיינע להוטע ביר־אויגן טרויערן מיט נעבעך. שפּיגלס היפּש בלוילעכע נאָז, ווי אַ באַרנע, זאַפּט אין זיך אַרײַן די שאַרפע געווירצטע ריחות פון די צעשניטענע קרייטעכצער און ווילדע פלאַנצן. די געדיכטע פאַרוואָקסענע קאָרטשעס גרייכן אים ביזן קאָפּ און פאַרשטעלן דעם ווייטן מרחק ביז צו די שימל־באַצויגענע זומפּן, ווו די אַראַבער פּאָכען מיט די שטאָלענע פּיאָשן. די נאַכט, וואָס האָט זיך אים אַזוי פּיינלעך געצויגן איז אים איצט ביי דער הייסער אַרבעט צערונען געוואָרן. ער פילט אַזאַ לייכטקייט אין די גלידער — דער געשפּענסט פון די אָנגרייפנדיקע בעדואינער איז מיט איינמאָל פאַרשווונדן געוואָרן — און איצט זעט ער זיי גאָר, די ישמעאלים, ווי שותּפים צו דער אַרבעט. שפּיגל האָט פאַר גרויס צופרידנקייט זיך אָפּגערוט אַ רגע, דאָס האַרץ האָט ריטמיש ביי אים גע־האַמערט. — מאַ — האָט ער אַ זיפץ־געטאָן אויפן קול. — ס׳איז נישט אַזוי שרעקלעך. —

— דערפאַר וועלן מיר אין יאָרן אַרום האָבן אַ וואַלד — האָט שפּיגל אַ בויג־געטאָן דעם קאָפּ אין שכנס זייט.

— אַוודאַי, אַ וואַלד וועלן מיר האָבן, דער עיקרשט מיר? — האָט אים רעכטמאַן, אַ יונגער צוציק, געענטפערט. — מיר וועלן תּמיד אַקערן מיט דער נאָז די ערד. אונדזערע פּקידימלעך וועלן שפּאַצירן אין וואַלד, נישט מיר!

— סווייג סעין, סטיק נבלה, דו רעדסט עיך? — האָט אים איבערגעשריגן מיט אַ געלכל־שטימע יערוכעמזאָן דער ליטוואַק — דו וועסט דאָך דער ערשטער פליען אין וואַלד!

— פאַסקודנער „צלם־קאָפּ“, אָבער ווערט רעדט צו דיר? — האָט זיך דער האַנאַר צעהיצט ביי יענעם אין בוזים — אומעטום שטעקט ער אַריין זיינע אַכצן גראָשן, דער „צלם־קאָפּ“!

— עס געפעלט דיר נישט, „פּיילעסע דריפּקע“? וועסט מיר אויף יענער וועלט ניט קוסן אין קאָפּ, נאָר אין אָחור!

— בראַוואָ, ליטוואַק גנב, בראַוואָ! — זענען צו אים פאַרפלויגן ברכות פון אַלע זייטן.

עס האָט אויסגעזען, ווי די אַרבעט וואָלט זיך גאָר אינמיטן אָפּגעשטעלט, די פּיאַשן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, און אַלעמענס אויערן זענען אָנגעשפּיצט געווען אויפצוכאַפּן די חכמהלעך, וואָס זענען געפלויגן פון איינעם צום צווייטן.

שפּיגל קען עס נישט פאַרטראָגן. ער וואַרפט דעם קאָפּ רודף־שלומדיק, און די אויגן טרויערן אַהין און אַהער: צו וואָס, צו וואָס? מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט... ער האָט צוגעלייגט צוויי פינגער צו די גראָבע ליפּן און איינגעשטילט די צעקריגטע יונגען: ששש... זאָל שוין נעמען אַ סוף, זאָל שוין...

און אַז פוסבענקל, אַ יונג אויף קורצע קרומלעכע פיס מיט אַ פּאָר געזונטע אייזערנע ידים, האָט זיך אַרומגעזען, אַז די פּיאַשן זענען אַנטשוויגן געוואָרן, דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט פאַרטאָג כמעט ווי נישט טועם געווען אין גומען, עס חלשט אים אמתדיק אונטערן טלית־קטן. — אויב אַזוי — האָט ער זיך צוגעזעצט אויף דער ערד מיט די קניען אַרויף — וואָלט ער ליבערשט געגומען עפּעס אין מויל אַריין. ווער דאַרף אַרבעטן, בעלגישע פערד זאָלן אַרבעטן נישט עך.

סיאַמקע איז פּלוצים אָנגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער פון יענער זייט, ווו „כאַוואַדזשאַ מוסאַ" איז פאַרפאַרעט מיט די אַראַבער. — וואָס איז דאָס פאַר אַ בית־המדרש, צו אַלדי רוחות — האָט ער אַרויסגעדונערט — פּויליאַקעס וואָס איר זענט! מען דאַרף אייך שטיין איבערן קאָפּ מיט אַ נאַגייקע. איר זענט ווערט, מען זאָל אייך שיקן אויפן פייער. קיין שום חרפה האָט איר נישט! —

אַ צעקאָכטער האָט ער פאַרדריקט דעם פּיאַש אין די הייסע הענט און געשניטן מיט פלאַמיקן אָטעם שטיקערווייז פון פאַרווילדעוועטן קאָרטש. גאַנצע בינטן זענען מיט אימפּעט אין דער לופט געפלויגן, ווי פון אַן אויפגעריסענעם גראַנאַט. הייס בלוט האָט אים געשפּאַרט אין קאָפּ, פונקען זענען אים פאַר די אויגן געפלויגן. מיטן פּיאַש האָט ער אַ שליידער געטאָן אין דער לופט אַ צעשניטענעם גרויען שלאַנג. עס האָט זיך איבערגעדרייט אין אַ קאָזשעליק און מיט וואָג צו דער ערד געפאַלן.

די פּיאַשן האָבן מיט הכנעה געקרעכצט, ווי זיי וואָלטן געטריבן געוואָרן פון סיאַמקעס אָנגעצונדענע אויגן. די שטאָלענע שאַרפן האָבן זיך איינגעביסן אין דער פאַרוואָקסענער ערד. האָט יעדער איינער פאַרנומען די פאַרשטיקטע קלעפּ פון די אַרבעטס־כלים, וואָס האָבן זיך צעשאָטן מיט ריטם איבערן ברייטן שטח. האָבן זיך צערעדט מיט שווייסיקע באַוועגונגען, מוסקולירטע הענט און פיס; מיילער טריקענען אין הייסן דאָרשט, קענען גאָרנישט רעדן. חברה יונגעט זענען פאַרטויבט אינעם געזאַנג פון דער אייגענער אַרבעט.

ווייט אַרויף אויפן פרייען באַרגיקן שטח, ווו בלויער הייסער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ קופּאַל, שלעפּט זיך איצט אַן אַקער־אייזן מיט אַ פּאָר פערד. שווער געמאַטערט בויגן זיי די פערדישע גופים, טאַפּטשען און קוליען אין די גרודעס ערד. אויפגעאַקערטע קופּערנע בריזדעס שפּרודלען אָפּער פון גלאַנציקן אַקער־אייזן — און ביי סיאָמקען אין האַרצן האָט זיך צעלייגט אַן אינעווייניקסטע ווייכע שטילקייט, אַ פאַרגעבונג פאַר אַלדאָס שלעכטס. ריזלט דאָרט פריש צע־עפנטע ערד — דאָס אייגנטום פון קיינעם נישט — און אַלעמענס.

נאָך דער אַרבעט איז סיאָמקע אַרומגעגאַנגען אַנגעכמורעט צווישן די געצעלטן. ער האָט נישט געקענט זיך געפינען קיין אָרט, נישט געהאַט דעם געדולד מיט עמעצן אַרויסצורעדן אַ וואָרט. דאָס איבערהאַקן דעם שלאַנג אין די ווילדע קאָר־טשעס האָט ביי אים אויפגעוועקט אַ נישט־פאַרהיילטע ווונד פון זיין נשמה. ווען סיאָמקעס אויגן דערזעען בלוט פאַר זיך — קאָכט אין אים אויף דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט פון זיינע טייערע און נאָענטע, דערהרגעטע דורך די מלחמה־באַנדיטן אין דער ווייטער אוקראַינע. אַ סאַך מאָל טראָגט ער אַ כעס אויף זיך — און אויף די מערדער פון זיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער — פאַרוואָס זיי האָבן אים דאָן אויך נישט דערענדיקט מיט די באַנגעטן. ער, סיאָמקע, איז דעמאָלט נאָך אַ ייִנגל פון 17 יאָר געווען. — גיי, קעצעלע — האָבן זיי אים גע־טריבן מיט שוימיקע ציינער — דיר וועט מען נישט טשעפּען, דו האָסט נישט קיין זשידאָווסקע צורה, וועסט האָבן וואָס צו דערציילן דער וועלט! —

סיאָמקע איז מיט איינמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלט־געוואָרענעם מאַנצביל. ער האָט פאַרדריקט די אויגן און געלאָפן מיט פאַרסמטע בלוטן. דער וועג איז ביי אים געווען איין לאַנגע פינצטערע נאַכט. ער האָט די הענט געשפּרייט אין אַ חלל, געוואָלט עפּעס אָנכאַפּן, אָדער זינקען אין אַ פאַרלאָרענעם תהום. דאָס בלוט פון טאַטע־מאַמע האָט ביי אים געקאָכט, געמאָנט אַן ענטפער. איז ער פ א ר ל א ר ן געגאַנגען אויף אוקראַינער ערד — און מיט איינמאָל האָט ער זיך דערוואַכט אַ נאַקעטער אויף זוניקער ערד פון כנען — וועט ער ווידער דאָ אויף דאָס ניי זיך ג ע פ י נ ע ן?

סיאָמקע האָט געשפּאַנט אַ פאַרקלערטער אַרום די געצעלטן און אינעווייניק ביי אים האָט אויפגעבליצט אַ רעוואָלט קעגן אַלטן דור — זאָל עס אַלץ אָפּגעמעקט ווערן אינאיינעם מיט דעם אַכזריות פון מענטשן! אין דער אויפגעאַקערטער ערד וועלן מיר אונדזערע לײדן פאַרזייען — ס'וועט אויפבליען אַ געלײטערט לעבן.

סיאָמקע האָט איצט געטראָגן אַ חרטה פאַר זיין אויפרעגן זיך אויף די חברה ביי

דער אַרבעט — וואָס זאָל ער טאָן. ער פאַרליידט נישט קיין פוסטע מענטשן. איצט איז נישט קיין צייט בטלענען, די אַרבעט דאַרף אָניאָגן אַ פאַרשפעטיקטע זאַך.

פּאָר סיאַמקעס אויגן האָבן געווימלט יונגען, זענען פאַרבייגעגאַנגען איינ־ציקווייז, פּאַרוויז. אין פלוג האָט דאָס אים פאַראינטריגירט, וואָס איינער דעם אַנדערן קען זיך נישט — פאַריתומטע קינדער ציען זיך צו אומבאַשטימטער ערד און צאָלן שוויסיקן מעשר פאַר דעם צוקונפטיקן לעבן.

די אַהערגעשיקטע יונגען פון די נאָענטע דערפער זענען גראָד נישט אַזוי אָנגעכמורעט, ווי סיאַמקע. זיי ווייסן, אַז נאָך אַזאַ שווערן טאָג אַרבעט דאַרף מען זיך לייטיש אָפּראַזירן — ערשט איצט פילט מען אין זיך גאָר אַן אַנדערן מענטש, מען קען אַ גענים־טאָן פון דעם רחבות, וואָס צעשפּרייט זיך אַרום די בערג. די אינטימיטעט און קליינשטעטלשע באַנעמונג האָט זיך נאָך נישט אויסגעוועפּט אין זייער אַרט רעדן צום אַנדערן.

אָט אַזעלכע צוויי פיין־אויסגעראַזירטע בחורים זענען אַנטקעגנגעקומען סיאַמקען מיט פריש־פאַרקאַמטע נאַסע האָר, זענען זיי נייגעריק ביז גאָר און טאַקע מחמת פריינטשאַפט ווילן זיי וויסן פון וואַנען דער חבר סיאַמקע קומט, פון וועלכן לאַנד ?

סיאַמקע האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר זיי — אַ צוואַקסענער גוף, די בלויע וואַסערדיקע אויגן האָבן מיט חשד אַפּערגעקוקט פון אונטער די בלאָנדע שטע־כעדיקע ברעמען, ווי זאַנגען. ער האָט קאַלט פון אויבן־אַראָפּ אָפּגעפּאַרטיקט:

— דאָ פרעגט מען נישט פון וואַנען מען קומט! — זיין פנים האָט זיך געוואָלקנט ווי פאַר אַ שטורעם: — מען שפּראַצט דאָ אַרויס פון דאָס ניי...

די צוויי מבולבלדיקע בחורים האָבן זיך דורכגערעדט שווייגנדיק מיט די אויגן, זיי האָבן נאָכגעקוקט פאַרגאַפּט סיאַמקען, וועלכער האָט זיך אָפּגעקערט פון זיי, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ געדריקטע פיינלעכקייט.

— ער רעדט דאָך עפּעס ווי אַ למד־וואָווניק — האָט איינער זיך אָפּגערופן צום צווייטן — מיר האָבן דאָך גאָרנישט געוווסט, ווען מיר פאַרמאָגן אין דער מחנה ?

ווען סיאַמקע איז אַריין צו זיך אין געצעלט, האָט ער געטראָפן זיצן אויפן בעטל מיכאלן. ער האָט מיט רואיקער חשיבות באַטראַכט די צעפּלאַצטע ווונדן אויף די הענט — דער שכר פון אַ שווערן טאָג אַרבעט.

איבער סיאַמקעס פנים איז אַדורך אַ שמייכל פון אַ דערפאַרענעם דורכגעע־ליטענעם מענטשן, דער שמייכל איז געבליבן הענגען איבער מיכאלס איינגעבוי־גענעם קאָפּ:

— וועסט זיך פאַרקלאָגן פאַר גאָט, וועט ער דיר אויך נישט העלפן.

— אַליין זענען מיר די שלעגער, און אַליין זענען מיר די היילער.

— דער בוים וואַקסט אונטער בלינדער השגחה — פון כוח און געבורט שפּאַלט זיך די קאָרע, עס באַהעפּט זיך ווידער און וואַקסט אויף דאָס ניי.

אויסהערנדיק די טרייסט־ווערטער פון סיאָמקען, איז מיכאלן לייכטער געוואָרן אויפן געמיט, עס האָט אין אים געוועקט אַ קנאה צום הויך־צעוואַקסענעם חבר, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן יעדער געפאַר.

עס האָבן זיך צעעפנט די פּלאַכטעס פון געצעלט און שפּיגל האָט אַריינגע־שטעקט דעם קאָפּ מיט דער היפשער בלויער נאָז: — ווו ביסטו, סיאָמקע? — האָט ער אַריינגערעדט מיט אַ זויערער קריוודע — איך זוך דיך שוין אַרום אַ צייט. האָסט פאַרגעסן, אַז נחמה מיט שפרהן וועלן אָן וואַסער נישט קאָכן קיין קאווע? דאָס ביסל וואַסער, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פון דאָרף, איז שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ! —

שפּיגל איז אַריין אין געצעלט און ס׳בלישטשל פון זיינע להוטע אויגן האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט מיכאלס אידעלע הענט, וואָס האָבן געשמאַרצט פון ווייטיק. ער איז מיכאלן גרייט געווען אַריינצוזאָגן אַ פאַרציע מוסר פאַר די פיינע שטיק, וואָס ער פראָוועט דאָ אין דער מחנה; אָבער ער האָט עס אָפּגעלייגט אויף אַ צווייטן מאָל, און דעם פאַרוווּרף האָט ער אויסגעלאָדן גאָר אויף סיאָמקען: — וואָס מיינסטו, אונדזערע מיידלעך זענען נאָך לעת־עתה נישט געבוירן געוואָרן מיט געזונטע קעפּ, ווי די בעדואינערינס, זיי זאָלן קענען טראָגן קריג מיט וואַסער פון ווייטן קוואַל.

סיאָמקע האָט זיך אָוועקגעלאָזט אין דער קיך מיט פעסטע טריט, שפּיגל האָט אים נאָכגעאיילט און געוואָלט ווייזן, אַז ער שטייט נישט אָפּ פון אים אין גאַנג. מיט יעדן טראָט צו דער טומלדיקער קיך, האָט סיאָמקע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם בלומיקן קאָשמאַר, וואָס האָט אים געמאַטערט די לעצטע שעהן. ער האָט אַריינגערעדט אין שפּיגלס פאַרוואָקסענע בלויע אויערן, אַז מען לעבט דאָ אין אַ תקופה פון „מעשה בראשית״ — מיט יעדן נייעם טאָג וואַקסט אונדז אויס איבערן קאָפּ אַ נייע צרה. נאָר וואָס איז דאָ לאַנג צו ברייען: וואַסער וועט מען אונדז דערווייל צושיקן פון דאָרף. מאָרגן אין דער פרי וועלן מיר אָוועקשיקן די ליידיקע פעסער, מען וועט אונדז יעדן טאָג שיקן פראָוויאַנט.

3.

און עס איז געוואָרן נאַכט, און געקומען איז דער פרימאָרגן. און ווידער האָט אַ נאַכט אָפּגעוואַרט אַ נייעם טאָג, וואָס איז ליכטיק אויפגעקומען פון די בערג. די ווילד־פאַרוואַקסענע קאַרטשעס אַרום די זומפּן האָבן אָנגעהויבן אַלץ מער צו פאַרשווינדן, און סיאָמקע האָט איינגעזען, אַז דער שטח צווישן די חבֿרה

יונגען מיט דער אַראַבישער מחנה ווערט אַלץ קלענער, איינגעשרומפּן. נאָך אַ ביסל ווערט פאַרשווּנדן די גרענעץ צווישןביידע מחנות.

די נאַקעט־אַנטפּלעקטע ערד האָט זיך ווי פאַרשעמט, וואָס מענטשלעכע הענט האָבן אַרויסגעריסן פון אירע אינגעווייטן די געדיכט־פאַרוואָקסענע פלאַנצונגען. איבער די אָפּגעראַמטע שטחים האָבן זיך געשלעפּט אַקער־אייזנס. די ערד איז אויפגעלאָפן פון אונטער די שאַרפע אַקערס מיט איבערגעקערטע בייכיקע בריזדעס.

סיאָמקע האָט געטריבן אַ פּאָר פערד צום איינגעשפּאַנטן אַקער. די אויפגעאַקערטע גרודעס האָבן געדעמפּט אין דער הייסער זון. די פערד האָבן געוואָרפן די קעפּ אין אַלכסון, געשלעפּט זיך געמאַטערט איבער דער קלעפּיקער ערד, וואָס איז דורכגעפלאָנטערט געווען מיט געדרייטע וואָרצלען און צעשניטענע ווייסע ריבן.

נאָך ווייטער איבער די פאַרוואָקסענע שטחים האָט סיאָמקע געזען אַרויספּראַלן וואָלקנס רויך. דער ווענט האָט געטריבן דעם ביטערן רויך ווייטער, העכער. — דאָס האָט „כאַוואַדזשאַ מוסאַ“ געצונדן מיט זיינע אַראַבער די ווילדע קאָרטשעס. זיי האָבן פאַריאָגט די שלאַנגען טיפער אין די זומפּן.

ווען סיאָמקע האָט געענדיקט אַקערן דעם פּאַס ערד, האָט ער זיך אָפּגערוט, געווישט דעם שוויס פון פּנים, פון קאַרק. די פערד האָבן געטריבן מיט די ווידלען די זלידנע פליגן, וואָס האָבן געפרעסן זייערע שווייסיקע פעלן. זיי האָבן געדרייט די קעפּ צו סיאָמקען, צי ער קלייבט זיך ווייטער זיי טרייבן אין שווערן יאָך.

סיאָמקעס בלויע וואַסערדיקע אויגן האָבן אַהינגעקוקט צו דער מחנה יונגעז, וואָס האָבן געפּאָכעט און געבליצט מיט די שטאָלענע פּיאָשן אין דער הייסער זון, פאַר די געדאַנקען איז אים ווידער געקומען מיכאל, דאָס בחורל, וואָס קאָוועט זיך אין אַ געדולדיקן דאָרפס־מענטש. — דער שטאָל דאַרף זיך גוט צעגליען — האָט ער געטראַכט — ביז דאָס וועט זיך איבערגיסן אין אַן אַנדער פורעם. — יאַללאַ, דיאָ! — האָט ער אַ טרייב־געטאָן די פערד. דער אַקער האָט זיך איינגעביסן אין דער האַרטער ערד און אַ פרישער פּאַס האָט אָנגעהויבן אויפקאָכן פון אונטער דער שטאָלענער שאַרף.

אין מיכאל האָט זיך געבויגן אונטערן יאָך פון שווערער פּראַצע. יעדער טאָג האָט אים געבראַנגט אויסדויער און עקשנות. ער האָט געפילט, אַז ער וואַקסט אַרויס אַ נייער, פּונקט ווי זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן וואָלטן פאַר אים

אינגאנצן אָפּגעמעקט געווען. ער איז געווען אויסגעמישט ווי אַן אומבאַמערקטער טיילעכל אין דער גרויסער מחנה. —

אַ סאַך מאָל האָט אים אָבער אויסגעדוכט, ווי ער הויבט זיך אויף העכער פון דעם טומלענדיקן אָרקעסטער. די גיריקע ריטמישע קלעפּ פון די פּיאַשן האָבן אָפּגעהילכט אין מיכאלס אויערן ווי פון אַ ווייט־אויסגעדאַכטער וועלט. אָט אין אַזעלכע פאַרגעסנדיקע מינוטן האָט „כאַוואַדזשאַ מוסאַ" באַדאַרפט דווקא דורכגיין פאַר אים און געהאַט אַ מאָדנעם פאַרגעניגן זיך אָפּצושטעלן פאַר דעם „שטאַטישן אינטעליגענטל" — ווי ער האָט אים ביי זיך גערופן — און אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער.

מיכאל פילט אָבער, אַז די אַרבעט גייט שוין ביי אים פון זיך אַליין. ער איז שוין באַלד אַ גאַנצער פאַכמאַן ביי די ווילדע קאַרטשעס. ווען „כאַוואַדזשאַ מוסאַ" האָט זיך פאַר אים אָט־דאָ אָוועקגעשטעלט מיט די ברוינע שטיוול, פאַרלייגט די הענט מיט גרויס צופרידנקייט אויפן הינטערחלק — האָט מיכאל אויסגעגלייכט דעם רוקן, אָנגעשטעלט אויף דעם אויפזועערס צעשטראַלטן פּנים זיינע ברייט־צעעפנטע אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך געגרויסט: זעסט, מיר קענען שוין די תורה!

— אָט אַזוי ווי איך זע, איז גוט — האָט כאַוואַדזשאַ מוסאַ אַ וויש־געטאָן די וואָנצע — לאַנגזאַם — און צום ציל דערגרייכן. נישט אייביק, יאַכאַביבי, פּאָלגט מען, וואָס אין פּסוק שטייט געשריבן — זעסטו, געלט פאַרדינען, דאַרף מען וואָס מער...

— און דו, זיידע, — האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטאַמאָל צו אַבו מחמודן — וואָס טוסטו נישט ווייטער דיין מלאכה? ברען, יאַ־שעך, די וועלט...

דער אַלטיטשקער אַבו־מחמוד האָט שטראַלנדיק זיך איינגעוויקלט אין דער טונקעלער אַבאַיע, ער האָט פאַרדריקט אין האַנט אַ בינטל טרוקענע ריטלעך און אַ באַרוועסער זיך פאַרטרונקען פאַמעלעך אין די שטעכעדיקע קאַרטשעס. דאָס טריקעניש האָט אַ קרעכץ געטאָן — אַ בלויער וואָלקן רויך האָט אַרויסגעשפּאַרט מיט ביטערניש און קנאַקעריי. דער ווינט האָט אויפגעכאַפּט די מציאה און עס אַוועקגעטראָגן איבערן פלאַך פון דער וויסטעניש. — אָט זעט מיכאל, ווי דער רויך צעציט זיך אין אַ בלויער לאַנגער שלעפּע, באַלד פאַרקערעוועט זיך דאָס אין אלכסון, העט ווייט, מיטן אויג נישט צו דערכאַפּן, אַזש אין די פּאַרנעפּלטע בערג.

מיכאל איז צוגעגאַנגען צו שפּיגלען, געוואָלט ביי אים פאַררויכערן אַ ציגאַרעט — און ווערליג עס האָט אים אויסגעדוכט, ליגט גאַרנישט שפּיגלען אין זינען קיין אַנדערע עסקים, אַזוי ערלעך און געטריי אַרבעט ער, ווי אַ זייגער — עפּעס זעט ער אים קיינמאָל זיך נישט אָפּרוען — ער וואָלט טאַקע

וועלן וויסן ביי שפיגלען, ביז וויפל יאָר קאָן אַזוי אַ מענטש אַרבעטן?

מיכאל מיינט עס נישט דירעקט שפּיגלען. אָנקוקנדיק דאָס הייסע לעבן, וואָס שפּרודלט דאָ אַרום, קען ער נישט אונטערשיידן פון עלטער און יאָרן — אַלע זענען דאָ פאַרייניקט מיט יונגן כוח, ווי אַלע וואָלטן פאַרשטעלט ביי זיך אַן אויסבאַהאַלטענעם אמת!

— אָבער דאָך? — האָט שפּיגל אויפגעהויבן צו אים די להוטע תחנונים־אויגן — וואָס איז שייך?

שפּיגל האָט אַ ווײַלע זיך אָפּגערוט פון יאָך, אייגנטלעך, ווי ער וואָלט אויף דעם חרטה געהאַט. עס האָט זיך אים דווקא געוואָלט אַרויסבייסן מיטן שאַרף אַן איינגעוואָרצלטן קאַרטש. אינעווייניק האָט אים דאָס האַרץ געקלאַפּט טיף, געמאָסטן.

— דער מענטשן בטבע וואָלט גאָר קיין קיום נישט געהאַט, ווען ער אַרבעט בלויז לשם אַרבעט — ווייסטו, בן־אָדם — האָט שפּיגל אַ בויג־געטאָן דעם קאָפּ צום אָקסל — אַז אין דער ערד ליגט דער ריכטיקער קערן? און אַז דו גלויבסט אין תוך — ווערסטו אַ טייל פון דעם, פאַרלירסט איבער זיך דעם חשבון. —

— והראיה — האָט שפּיגל פאַררויכערט ביי מיכאלן אַ ציגאַרעט — דער רויך האָט זיי געביטערט אין די פּנימער — נישט נאָר מיר, קולטורעלע מענטשן. אָט לאָמיר אַ פרעג־טאָן אונדזער „וועלט־צינדער" — קום יאָ־סידי! האָט שפּיגל אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט צום ווידער־אַנטפּלעקטן אַבו־מחמוד.

דער אַלטיטשקער אַבו־מחמוד, איינגעהילט אין דער טונקעלער אַבאַיע, האָט געבראָדזשעט אַ באַרוועסער, פאַרקוועטשט אין די פאַרסאַזשעטע הענט אַ בינטל ריטלעך: ער האָט זיך דערנענטערט צו שפּיגלען מיט חשיבות, ווי אַ כהן צו דער עבודה.

— וויפל, אַ שטייגער, האָט אַבו־מחמוד יאָרן? — האָט שפּיגל זיך אָנגע־לענט אויפן הענטל פון פּיאַש. ער האָט ערנסט אָנגעשטעלט די אויערן אויף אַן ענטפער.

אַבו־מחמוד איז געבליבן שטיין, ווי מען וואָלט אים איבערגעריסן פון אַ מיטן חלום, אַן אַלט־ייִדישן. עס האָט זיך אים אַנטפּלעקט פון דער אַבאַיע אַ צעכראַשטשעטע האַריק־באָוואַקסענע ברוסט.

— איך בין שוין צו אַלט, מיין ליכטיק אויג, איך זאָל געדענקען מיינע יאָרן, — ער האָט אַרויפגעטייטלט אַ פאַרסאַזשעטן פינגער צום הימל: — דער אַללאַ אין הימל פירט די חשבונות. איך, כאַוואַדזשאַ, פאַרשטיי זיך נישט אין די זאַכן.

מיכאל איז צוריקגעגאַנגען אויפן פּלאַץ. ער האָט זיך צוגעכאַפּט צום פּיאַש, ווי ער וואָלט וועלן אָניאָגן אַ פאַרשפּעטיקטן וועג. די געדאַנקען האָבן זיך אים געפּלאָנטערט ביי יעדן זעץ, וואָס ער האָט געטאָן אין דער ערד.

מיכאל האָט נאָכגעקלערט שפיגלס פילאָזאָפיע. — ניין, ער האָט אים גאָר־נישט איבערצייגט! אַפילו דער אַראַבער, וואָס ערד און הימל איז זיין בוך, זיין קולטור, איז אויך ספעקולאַטיוו, באַהאַלט־אויס דעם אמת אין בוזים.

נאָר ווי קען איצט מיכאל זיך גריבלען אין די ווויל־באַקאַנטע לעבנס־חכמות, אַז די זון שרפהט און גליט מיט הייסן גאָלד איבער לייב און פנים, די זון צעשמעלצט אויך די ערד אונטער די פיס פון מענטשן.

אָט אין דעם העלישן פייער פילט זיך דער העלדישסטער יונג קליין, אומ־באַהאָלפן, גאָרט נאָך אַ שלונג וואַסער, אָדער נאָך אַ גוט וואָרט, וואָס קילט דעם שיורען געמיט. מיכאל זעט, אַז דער באַיאָרטער שפיגל גילט צווישן חברה יונגען, ווי אַ רבי, ווי אַ טרייסטער. מיט וואָס איינער איז געקריוודעט, קומט מען זיך פאַרקלאָגן פאַר שפיגלען.

האָט זיך פוסבענקל, אַ באַגאָסענער פון שווייס אָפּגעשטעלט מיט די קרומ־לעכע פיס פאַר שפיגלען און אויסגעקרעכצט מיט פאַרצווייפלונג:

— הוך, שפיגל, טאַטע זיסער, נישט מיין זיידע, נישט מיין טאַטע האָבן זיך געפּאָרעט ביי ערד, און איך וועל, הייסט עס, ווערן אַ פעלד־אַרבעטער?

— מא... — האָט שפיגל אַ בויג־געטאָן מיטן קאָפּ צום אַקסל — ווי מען בעט זיך אויס, אַזוי ליגט מען. וויל נאָר ווערן אַ פויערל, וועסט עס שוין קענען!

— ניסקאָסע, דער אַלטער וועט נאָך פאַרדייען אַזעלכע צוויי יוונים ווי דו — האָט יערוכעמזאָן זיך געחכמהט פון יענער זייט מיט אַ פיינעם געלעכטערל.

אין מיטן דעם האָט זיך דערהערט פון די פאַרוואָקסענע קאָרטשעס אַ שיי־פענדיק געלעכטער. מיט קאָמישער ווילדקייט איז כאַליל פון דאָרט אַרויסגעי־שפּרונגען. זיינע באָרוועסע פאַרבלאָטיקטע פיס האָבן געהיפּערט איבער די שטעכיקע געוויקסן. ער האָט געלאַכט און געכוכעט מיטן מויל אין די פויסטן. מיטאַמאָל האָט ער אַ ווייז־געטאָן אַן אָפּגעהאַקט שלאַנגען־קעפּל. ער האָט מיט דעם אַלעמען געשראָקן אין די אויגן, באַהאַלטן אין בוזים און צוריק אַרויסגעכאַפּט. ער האָט זיך געקאָרטשעט פאַר געלעכטער און משונהדיק געשפּרונגען.

— עסמאַ, מיינע צרות, וואָס איז מיט דיר די שמחה?

— עס בייסט?

כאַליל איז אַריינגענומען געוואָרן אין מיטן, זיינע געפאַרבטע נעגל האָבן געהאַלטן פאַרקוועטשט אַ שלאַנגען־קעפּל מיט אויסגערונענע אייגעלעך. באַלילס פאַרבאַקענער פנים, אַרומגעזייט מיט אַ שוואַרץ־וואָלן בערדל, האָט געמיניעט מיט איילנדיקער פרייד פון איין פנים צום אַנדערן. איין אויג ביי אים, אַ פאַר־צייגנס מיט אַ בעלמע, האָט טויטלעך געגליווערט און געשראָקן מיטן פעפערדיקן שוואַרצל.

— עס איז אַ סגולה צו דיין שכל? — האָט אים איינער אַ פרעג־געטאָן.

— צצצ... — האָט כאַליל אַ קלונג געטאָן מיטן צונג.

— נו, מיט דעם וועל איך גיין צום טיש? — האָט רעכטמאַן זיך פאַרקלאָגט פאַר שפיגלען.

שפיגל איז כלל נישט מסכים מיט די ווילע ריידעלעך פון דער פאַרבי־טערטער חברה. — ביז דו וועסט צוקומען צו זייער מוח — טראַכט ער — דאַרף מען זיך געגנוג צעשטעכן די הענט אַרום זייערע ווילדע געדאַנקען—שפיגל האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר מיכאלן, בעת זיי האָבן געגעסן דעם פרישטיק, זיצנדיק אויף דער ערד און געקייט דעם ביסן ברויט. — פאַרשטייסט, מיכאל, ס׳איז נישט אַזוי שרעקלעך מיט אונדזערע קוזינען, די ישמעאלים; עס ווענדט זיך, מיט אַ וואָסער אויג מען קוקט אויף זיי.

די אַרבעט האָט זיך ווידער צעשפּילט איבערן צעוואָרפענעם שטח. די פיאָשן, געטריבענע אין ציבור, האָבן זיך געהויבן און געפאַלן שווערע צו דער ערד. אין דעם זוניקן פייער האָבן זיך דערטראָגן ריטמישע געזאַנגען, אָפּגעהאַק־טע פסוקים פון אַראַבישע מיילער:

— יאַ, ליסאַ, יאַללאַ, יאַללאַ!

— יאַ, ליסאַ, יאַללאַ, יאַללאַ!

די אַראַבער אַרבעטן מיט קוראַזש. עס קרעכצן אייזנס. ס׳שפּאַלטן זיך קאָרטשעס. די אָפּגעפליקטע שטיקער פאַלן אַוועק אין דער זייט ווי הרוגים.

— יאַ, ליסאַ, יאַללאַ, יאַללאַ!

— יאַ, ליסאַ, יאַללאַ, יאַללאַ!

שפיגלען ווערט אַזוי ליכטיק אין האַרצן. ער האָט דעם איינדרוק, אַז דאָס זינגען שירה די ישראלים ביים איבערשפּאַנען דעם ים־סוף, און ער איז גאָר אַ זייטיקער, פון אַן אַנדער שבט, וואָס גייט־נאָך זייערע פוס־טריט.

באַלד ניכטערט זיך אויס שפיגל פון דער אילוזיע. עס הערט זיך ווידער פוסבענקלס פאַרצווייפלטער קרעכץ:— חברה, מיר וועלן דאָך אויסגעריסן ווערן פון אַזאַ קאַטאָרזשנער אַרבעט; עך האָב דאָך שוין נישט קיין כוח!

— אַוודאי, אַ וואָלד גלוסט זיך זיי — איז זיך פאַרגאַנגען אין חוזק רעכטמאַן

— פּאַלעסיורע אַ מדינה... נו, נו... איידער וועסט עס אָנזען אַ בוים...

— גערעכט, מעסוגענער, גערעכט, — האָט צוגעבאָמקעט דער ליטוואַק.

— עסמאַ! ווי הייסט ער דאָרט, די שוואַרצע חיה? — האָט רעכטמאַנען געשליידערט דער כעס. — ער האָט זיך צוגעכאַפּט, ווי צו אַ הייס געבראָטנס. ער קען דאָך איבערקערן אַ האַלבע וועלט!

דער שוואַרץ־הויטיקער מוסטאַפאַ האָט אויסגעגלייכט דעם שלאַנקן גוף, זיין בראָנזענער פּנים, באַלייגט מיט געדיכטן פינצטערן שווייס, איז פאַרגאַנגען אין

הונדערטער שמייכלען. ער האָט פאַרנומען די טענות צו אים, האָט ער זיך היל־כיק צעלאַכט, שטשערענדיק אַ פול מויל מיט געזונטע ציינער, ווי די קלאָווישן:

— איוואַ, כאָוואַדזשאַ!

מוסטאַפאַ האָט זיך געטרייסלט פאַר הנאה. פון זיינע שטייפע אויסגעפולטע אַקסלען האָט אַראָפּגעקלונגען אַ הילכיקע פרייד.

שפיגל איז אַריין אין מיטן. זיינע תחנונימדיקע אויגן האָבן געהאַט תרעומות צו די יונגען — ששש... האָט ער זיי איינגעשטילט — ווייזט נישט וואָס איר קענט!

— מאַלעש... — האָט מוסטאַפאַ צונישט געמאַכט אַלעמענס פאַרוואורפן. דאָס אַדערל אויף זיין קורצן שטערן האָט נישט אויפגעהערט צו פּיקן און ציטערן ווי אַן אַנגעדראָלן שלענגל. — וויפל די שעה? — האָט ער אַ דריי געטאָן די פאַרצעלייענע ווייסלען צום הימל. ער האָט אַ באַפרידיקטער זיך איינגעשפּיגן אין די שוואַרצע דלאַניעס און גענומען ווייטער שניידן מיטן פּיאַש אין פאַרוויל־דעוועטן קאַרטש. פון מוסטאַפאַס מויל זענען געפאַלן בייסיקע קללות אויף דער נישט נאָכגיביקער ערד און אויף די אַנגעלאָפענע מאַסקאַבער פון באַרג.

נאַכט. ווען דער באַגינען איז נאָך פאַרשטעקט געווען הינטער די בערג, האָט דער האָן צום צווייטן מאָל אַ פאַטש־געטאָן מיט די פליגלען און אויסגע־קרייט אין דער פינצטערניש זיין ברכה. מוסטאַפאַ האָט דאַן אויפגעריסן זיך פון געדיכטן שלאָף, געשטעלט זיך אויף די באָרוועס־אויסגעטרעטענע פיס, זיין שפּי־ציקער געקרייזלטער קאָפּ האָט אַזש אַ שפּאַר־געטאָן דעם פאַרקאָפּטשעטן ציגן־האָריקן דאַך־געצעלט. ער האָט אַריינגעשאָלטן אין דער געדיכט אַנגע־רויכערטער פינצטערניש און זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוגיין אין דרויסן. דאָ האָט ער זיך אַנגעשטויסן אויף דער קו, וואָס איז געלעגן מיטן גרויסן בויך אויף דער ווייך־געמיסטיקטער ערד. די קו האָט ריטמיש, מיושבדיק געמאָלן מיט די ציינער אין דער נאַכט.

— ליג, מיין פריינט — האָט מוסטאַפאַ איר אַ גלעט געטאָן אויף דער וואָ־רעמער פעל — „אין־אַל־בוק". וועסט זיך אָפּקעלבן אַ ליאַדע טאָג, הע... — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ שנאָרך פון נאָז.

מוסטאַפאַ האָט זיך צעלייגט אויף דער ערד, אַריינגערוקט אַפּאָר טרוקענע שטרויען אין פייער־גריבל און צעבלאָזן מיט די פולע ליפּן. די פינצטערניש האָט אַ צאַנק־געטאָן מיט אַ ברודיקן שיין, און ווידער אָפּגעשטאָרבן. פון הינטערן געצעלט האָט אַ גאָרגל־געטאָן דאָס קניענדיקע קעמל. זיינע ציינער, ווי די פינגער,

האָבן זיך געפלאָכטן און אויסגעשפּילט אַ טרוקנס. אַלץ האָט זיך געוועקט אין דער קאַלטער ראַסיקער נאַכט. מוסטאַפאַס אַלטע מאַמע האָט אויפגעקלעפּט די פּאַראַפּיעטע אויגן, זיך געקראַצט פאַרשלאָפן אין די צעקנייטשטע טראַנטעס און אַריינגערעדט אין חושך:

— גייסט שוין, זון?

— איוואַ, דער וועג איז לאַנג ביז זון־אויפגאַנג!

— גיי, זון, זאָל דיר דער וועג פאַר די פיס קומען.

מוסטאַפאַ האָט אַ פּאָר מאָל אַריינגעהוסט אין דער שאַרפער נאַכט און זיך צעלאָזט מיט באָרוועסע פּיס אויף בלינדער ערד. ער איז געלאָפן איינגעטוליעט דעם שלאַנקן קערפּער אין אַ געוואַנטענער אַבאַיע, אויפגעצויגן איבערן קאָפּ. ער איז געשפּרונגען פלינק איבערן פעלד מיטן פיאַש אונטערן אָרעם. פון דער ווייטן האָבן הינט געבילט, היענטישע שאָסן אין דער נאַכט. ער האָט זיך פאַרקערעוועט אין אַ שמאָל וועגל. פון ביידע זייטן האָט אים צוזאַמענגעפּרעסט אַ געדיכטער חושך פון לאַנגע אָן־סופיקע פּרדסים־ווענט. ער האָט זיך געשניטן מיט באָרוועסער שטילקייט און שמעקנדיקע בשמים־דופטן, — אַ לאַנגער פינצטערער טונעל. אינסטינקטיוו האָט ער זיך אַ טאָפּ־געטאָן ביים צוגעפּעסטיקטן מעסער אין שיידל, וואָס האָט צעשפּרייט אַ זיכערקייט אונטער די קליידער. פון דער פינצטערניש איז ער ווידער אַרויסגעשווומען אויף אַ פריי פעלד. אַ ברייט פעלד האָט זיך צעשפּרייט פאַר אים — און ער דאַרף דאָך אַזויפיל גיין און גיין!

די זילבערנע מטבעות האָבן מיט כישוף געטריבן מוסטאַפאַן. קופּקעלעך מטבעות ליגן אויסבאַהאַלטן ביי אים אין געצעלט, באַגראָבן אין דער ערד — וויפל שוויס דאַרף ער פון זיך אַרויסגיסן, ער זאָל זיך קענען קויפן אַ ווייב?

כאַנום, די טאָכטער פון אַבו־אַל־כאַמדאַן, די ברוין־הויטיקע פּופּצן־יאַריקע בתולה האָט אים אָן אַ שיעור געמאַניעט און געצויגן צו זיך. אין אירע שוואַרצע פאַרפירערישע אויגן האָבן זיך געצונדן פייערן פון נישט־איינגעשטילטע זינד. זי האָט געלייגט אַ חתימה אין זיין ווילד־ברוזנד האַרץ. זיינע הייסע בלוטן האָבן געפאַליעט מיט באַגער און אומרו. זי האָט אויף אים געוואָרפן אַ פאַרכישופטן נעץ, און ער, מוסטאַפאַ, האָט אַלץ מער זיך געוויקלט אין דעם. ער האָט געוואָלט דערגרייכן מיט זיינע הייסע אָרעמס — איר, כאַנונען. אויף זיינע פינגער האָט געגליט דאָס פייער פון איר ברוינער הויט. איר אָטעם האָט אים פאַרשיכורט און ווילד געמאַכט.

אַבו־אַל־כאַמדאַן איז שטאָלץ און עקשנותדיק ווי אַ טייטלבוים. ער האָט מיט קנאָכיקער בראַנזענער האַנט זיך אַ גלעט־געטאָן פאַטערלעך אין זיין אַרומגעזוימט זילבערן בערדל, און האָט אַזוי געזאָגט:

— וועט מוסטאַפאַ, דער זון פון זעליגן סאַיד, פרידן אויף אים אין די זיבן

קעניגרייכן פון מוחמד אונדזער נביא, פאַרנעמען מיינע רייד. זאָל, מוסטאַפאַ צוויי מאָל נישט באַלעסטיקן זיין מויל. די פיס פון מיין כאַנון וועלן נישט איבער־טרעטן זיין געצעלט, אויב וועסט נישט אויסצאָלן דעם גאָב.

מוסטאַפאַ איז איצט געלאָפן איבערן פעלד אין ווילדן שגעון, ווי מען וואָלט איב געטריבן מיט הונדערטער בייטשן. די פינצטערע גרודעס ערד האָבן אַוש געבריט זיינע באָרוועסע פיס. פון זיין האַלדז האָבן זיך אַרויסגעריסן פריידיקע ספּאַזמעס:

— ער וועט איר דערגרייכן, ער וועט איר דערגרייכן!

— די זילבערנע מטבעות וואַקסן ביי אים אַלץ העכער, העכער...

ער האָט געהירזשעט מיט ווילדער פרייד, ווי אַ הייס־בלוטיק פערד.

איבראַהים האָט אים אויפן שיידוועג באַגעגנט:

— זיי געבענטשט! — די ווייסע ציינער האָבן אַ בליאַסק געטאָן. אַ גרויע בלינדקייט האָט געפּויזעט אויף דער ערד.

— זאָלסט מיר צוויי מאָל געבענטשט זיין! — האָט מוסטאַפאַ מיט אַ האַנט־באַוועגונג פון שטערן צום האַרצן באַגריסט.

— ביי אַ פוילן באַלעבאָס רייסט זיך אָפּ דער אייזל פון שטריק; און וואָס איז מיט דיר די שמחה, מוסטאַפאַ, וואָס די לופט איז פול מיט דיין פרייד־געשריי?

— ס'איז אומעטיק, ברודער, דעם גייער אויף איינזאַמען וועג. מיט מיין שרייען אין באַגינען פאַרטרייב איך די „נישטגוטע" פון מיינע פיס.

— מאַלעש — האָט איבראַהים אים געטרייסט — נאָך אַ פערטל שעה זענען מיר אויפן אַרבעטס־אָרט.

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן. מ'האָט בלויז געהערט דאָס שאַרקען פון די טראַגנדיקע באָרוועסע פיס אויף דער ערד. אין האָריזאָנט האָט דער הימל זיך צעגאָסן אין אַ גרויקייט, אויפגעדעקט דעם שלאָף פון דער ערד.

זענען אויפן וועג אויסגעוואַקסן געוואָרן איינגעטוליעטע געשטאַלטן אין אַבאַיעס, שוואַרצע פלאַכטעס האָבן געשוועבט מיט באָרוועסער שטילקייט. אין פאַרשלאָפענעם באַגינען האָבן אַרויסגעטויכט ברוין־פאַרבאַקענע פּנימער. פּנימער שוואַרץ־הויטיקע, געגאָסענער בראָנז; עס האָבן געבליצט אויגן־ווייס־לען און ווייסע ציינער פון אונטער אַרויסגעזעצטע פולע ליפּן.

עס האָבן זיך געפלאָכטן שמועסן וועגן באַלעבאַטישקייט אין פעלד, וועגן פרעמדע, וואָס באַזעצן זיך אויף שטיקער ערד, די ווידערשפּעניקע פון ליכטיקן אַללאַ אין הימל.

— דער יאַהוד, דער נישט־גלויביקער, איז קליגער פאַרן טייוול.

— זיינע געצעלטן געפינען שוין אויפן באַרג, און מיר ברעכן די פיס ווי די אייזלען.

— די מטבע, יאַכאַביבי, איז קיילעכדיק. זי וועט דיך פאַפירן אין גיהנום!

אויפן פעלד, ביי די פאַרוואָקסענע זומפן, האָבן זיך אַלע צונויפגעזאַמלט. אויסגעזעצט אין אַ רעדל, פאַרלייגט די פיס הינטער זיך און אָפגעוואַרט מיט אומגעדולד דעם טאָג, וואָס איז פאַרשטעקט געווען אונטער ראָסיקער קאַלטער ערד.

די זילבערנע מטבעות האָבן צונויפגעיאָגט דאָס רעדל מענטשן פון מרחקים. און צו וואָס האָט כאַליל זיך געפעדערט אַזוי פרי? און כאַסאַן? דער אַלטיטש־קער ווייס־באַבערדלטער אַבו־מחמוד שטראַלט אין באַגינען מיט רויטע בעקלעך. די ליפן שמייכלען מיט זאַטן עלטער און מורמלען אַ שטילע תפילה. זיינע אויס־געלאָשענע קויל־אויגן, וואָס האָבן געפינצטערט ווי נאָך אַ שרפה, האָבן גע־טרערט אין פיאָלעטן באַגינען.

און אַז די זון האָט אַרויסגעשטאַרט דעם רויטן בויך ביים ראַנד פון דער ערד, האָט כאַסאַן, דער ערשטער באַרירט מיטן פאַרבונדענעם שטערן די פייכטע ערד. ער איז געפאַלן כורעים און געבענטשט:

— אין אויסגעלייטערטן פרימאָרגן זינגט דיין קנעכט אַ תפילה צו דיר, אַללאַ, דו אַלמעכטיקער!

— באַגעגנט זיך דיין געשאַנק — חכמה און פאַרשטאַנד — מיט דיין באַשאַף — די ערד.

— גלייכע וועזנס זענען מיר ביי דיר, אַללאַ, דו אַלמעכטיקער!

— פון מזרח־זייט שטראַלסטו אויף, דו ליכטיק אויג. צייכנסט פאַר די גלויביקע פון נביא מוחמד אַ טאָג אַ זוניקן. זאָל זיין געבענטשט! פאַרגיב די זינד פון מזרח, מעריב, צפון, דרום — די פיר טיילן פון דיין קיניגרייך!

האָט כאַסאַן זיך צעציקלט בעל־תפילהדיק מיט אַ טענאָר־שטימע. זיין קול האָט זיך געדרייט העכער און העכער, געקלעטערט אויף שטאַפּלען, דערגרייכט אַזש דעם הימל — אַן אָנגעצויגענער שנור מיט קולעכלעך האָט געקלונגען און וויברירט אין ראָזן פרימאָרגן.

די זון האָט אויפגעדרייט דעם קנויט. האָט געלויכטן דער טאָג מיט אַ נייעם גאַנג.

4.

פון באַגינען־אָן איז סיאָמקע מיט שפּיגלען אָפּגעפּאָרן מיטן וואָגן אין נאָענטן דאָרף. זיי האָבן צו דערליידיקן אייניקע זאַכן: מיטברענגען פּראָוויאַנט פאַר דער מחנה, עטלעכע פעסער מיט וואַסער, און דער עיקר, דער ענין מיט די מיידלעך, וואָס די אַרבעטס־צענטראַלע שיקט צום פּלאַנצן.

די ווילדע שטחים אַרום די זומפּן האָבן זיך געצויגן נאַקעטע, דורכגעאַקערט, זעגען גרייט שוין אַריינצונעמען אין די אינגעווייטן יונגע שתילים.

זעקס טעג האָבן מידע, אויסגעהאָרעוועטע זיך אָוועקגעשלעפּט אין אַ היגע טערשטער מחיצה. אין שבתדיקן באַגינען האָט דער שטאָלענער רעלס נישט געקלונגען און געוועקט די פאַרשלאָפענע צוגעמאַטערטע געצעלטן. די אָנגעהאָרעוועטע יונגען ליגן לענגער אין די בעטלעך, קאַטשען זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער און קנייפּן פאַר לאַנגווייל די קישנס.

יערוכעמזאָן, דער ליטוואַק, שלאָפט שוין נישט פון באַגינען־אָן. — וואָסער שכל איז צו ליגן אין בעט? ער שלייכט זיך אַ גאַנצן פרימאָרגן אַרום דער קיך, ווו די ברעזענטענע ווענט בלאָזן זיך פון די אָנגעיאָגטע ווינטן. ער העלפט די צוויי קעכינס אָנשטעלן קעסלען וואַסער. די געלבלעכע אָפּגעשאָסענע האָר אויפן קאָפּ זענען אָפּגעצוואָגן, פריש פאַרקאַמט, זיינע פאַרשלאָפענע אויגן, ווי פון אַן אויפגעוועקטער קאַץ, קוקן־נאָך קנעכטיש שפרהן; ער פילט צו איר אַ ליבלעכקייט. ער וועט עס איר, נאַטירלעך, נישט זאָגן. זי וועט אים שיקן אַפילו אין פייער, וועט ער באַדאַי אַהין לויפן!

שפרה, ווי עס וואָלט איר גאָרנישט געאַרט דער גאַנצער יערוכעמזאָן, אירע געדאַנקען זענען פאַרנומען מיט איר „בחור", וואָס אַרבעט אין אַ קיבוץ אין גליל. שפרהס קורצזיכטיקע מאַנדל־אויגן אונטער דעם פלאַכן שטערן, מרוגזן אין דעם פרימאָרגן און טראַכטן פון אַ ווייטער, אָנגענעמער וועלט. זי דעקט־אויף דעם רונדן צודעק פון קעסל און קען זיך נישט דערוואַרטן, אַז דאָס וואַסער זאָל שוין זידן. — אפשר וואָלט „ער" אויפגעהערט זיך פלאָנטערן פאַר די פיס? — האָט שפרה געהאַט תרעומות צו דער צווייטער קעכין, נחמה.

— וואָסי, וויניק וואָסער דיר געבערענגט? — האָט יערוכעמזאָן אויפגעכאַפּט שפרהס נישט צופרידנקייט — נאַדיר־נו, זי רעדט נאָך? —

עס האָט אים געשליידערט אַ כעס, און זיין ליבלעכקייט צו איר איז מיט איינמאָל פאַרטונקלט געוואָרן, ווי מען וואָלט אים זאַלץ אין צוקער אַריינגעשאָטן. ער האָט איר געוואָלט אַריינזאָגן עפּעס אַ שאַרף וואָרט, האָט ער עס פאַרדריקט צווישן די ציינער. יערוכעמזאָן פילט אָבער, אַז עס ציט אים פאָרט צו שפרהן; זייטיק וואָרפט ער אַן אויגל. אין אָט דעם קאַרגן בליק וואַקסט זי אויס ביי אים נאָך שענער, ווי זי איז: דאָס נעזל, אַ שאַרפס, פאַרחנדלט איר פאַרשניצט פּנים, און די דינע ליפּן פאַרמאָגן אַרום זיך אַזאַ הארבן טעם. נאָר וואָס זאָל ער טאָן, אַז שפרהס מאַנדל־אויגן ווילן אים נישט צומאָל שענקען אַ פריינטלעכן בליק. —

האָט זיך יערוכעמזאָן צעלאָזט אויף זיין געלבל־שטימע, געציקלט מעשה חזן, די הענט פאַרשטעקט אין די שבתדיקע הויזן־קעשענעס, און פאַרזונגען זיין באַליידיקונג.

שפרה, אַז זי דערהערט דעם ליטוואַק זינגען, פאַרטשאַמפּען זיך אירע ליפּן אין צוויי מעסערלעך. — נחמה, נעם אים אַוועק פון דאַנען — זאָגט זי מיט גאַל צו דער צווייטער קעכין.

נחמה, אַ ברייט־פּלייציק מיידל, וואָס אַלץ אין איר ברענט מיט הייסן פייער: דער שוואַרצער, געדיכט־געקרייזלטער קאָפּ, די צעצונדענע שוואַרצע אויגן, וואָס פאַרטיפן זיך אין ברוינע רעדער, ביז דעם טונקעלן פּוך אויף דער אויבערשטער ליפּ. אָט דאָס שטיק פייער איז דווקא גוטמוטיק צו אַלעמען: — גיי שוין, גיי. וואָס יאָדעסט זיך דאָס האַרץ? — טרייסט זי שפרהן. — זעסט דאָך, ער קוועלט־אָן פון אייגענעם קאָנצערט.

שפרה גיט פאַר כעס אַ שלעפּ דעם קעסל וואַסער, באַגיסנדיק אַזש איר צעקנייטשט קליידל: — אפשר וואָלסטו אויפגעהערט בלעקען מיט דיין קול? — האָט זי זיך אויסגעגלייכט קעגן יערוכעמזאָנען. — עס נודזשעט דאָך אויפן האַרצן, אַ פולן קאָפּ האָב איך דאָך שוין מיט דעם זינגעכץ!

יערוכעמזאָן האָט פאַרענדיקט דאָס געזאַנג מיט אַ שפּיי אויף דער ערד און זיך אַרויסגעשאַרט מיט אַ ברוגזער פּלייצע אין דרויסן.

פוסבענקל האָט זיך געוויגט אויף די קרומלעכע פעסטע פיס. ער איז אַנט־קעגנגעקומען יערוכעמזאָנען, איינגעזייפט אַ האַלב פּנים אין ווייסן שוים. ער האָט זיך געלאָזט אין דער קיך מיט אַ טעפּעלע אין האַנט.

— הע, מ'געט שוין קאַווע?

— מכות וועט מען דיר געבן — האָט יערוכעמזאָן נישט אויפגעהויבן די אויגן פון דער ערד.

— הע, מען רעדט צו אים, ווי אַ מענטש — האָבן פוסבענקלס אויגן אַרויס־געגלאָנצט איבער דער ווייסער מאַסקע — און ער איז באַלד מיט זיין ליטוויש מייכעלע.

— גיי, גיי, נחמה האָט זיך שוין געפּרעגט אויף דיר — האָט יערוכעמזאָן אַ מרוקע געטאָן פון אונטער דער אָנגעכמורעטער פּלייצע.

— דיין גליק, וואָס עך בין איינגעזייפט — האָט אים פוסבענקל נאָכגעשריגן — עך וואָלט דיר שוין געגעבן...

געצעלטן האָבן ביסלעכווייז זיך אויפגעפּראַלט. עס זענען אַרויסגעקומען צעקנייטשטע יונגען מיט צעשויבערטע קעפּ; מ'האָט געגענעצט אין זוניקן דרויסן, אויסגעהאַרעוועטע אָרעמס ציען זיך, לעכצנדיק, אין דער ברייט — זיי וואָלטן, צום טייוול, עפּעס פאַרדריקט, עס זאָל צונישט ווערן!

דער שבת שלעפּט זיך אין דער מחנה פוסט און פּאַס. דרייען זיך אַרום יונגען, ווייסן נישט וווּ אַהין צו טאָן די הענט, וואָס זענען ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. יעדער געצעלט איז אַ וועלטל פאַר זיך.

יערוכעמזאָן, דער ליטוואַק, האָט זיך גיך איבערגעבעטן מיט פוסבענקלען, זיצן אויף איין בעטל און שפּילן אין „דאַמקע". וויפל מאָל וועלן זיי זיך נאָך צעקריגן און ווידער איבערבעטן? אָבער דערוויל וויס יערוכעמזאָן, אַז ער שפּילט נישט סתם אין דער וועלט אַריין. ער דאַרף פאַרנאַרן דעם שטומפּיקן פוסבענקל אין אַ ווינקל, און מאַכן אַ „נוזניק" — וואָרום וואָסער שכל איז סתם ספּילן?

פוסבענקלען ליגט גאָרנישט אין זינען דער שפּיל. עס ציט אים איצט אין דער קיך אַריין; שאַרט ער די קלעצלעך איבער די שוואַרץ־ווייסע קעסטעלעך און טראַכט פון יערוכעמזאָנען, דעם גרינגעם לימאָן. ווען מען לאָזט אים, וואָלט ער פון אים געמאַכט אַש און פּראָך מיט זיין מייכעלע.

— ווייסט, יערוכעמזאָן, — הויבט זיך אָן פוסבענקל צו קראַצן אין אַ פּאה, — מיר מישט זיך שוין אין קאָפּ פון אַזוי פיל שפּילן. עך וועל מיר אַביסל אַ שפּאַציר טאָן אין פעלד.

— האַ, האַ, ער האָט שוין פליגן אין נאָז — האָט יערוכעמזאָן אַ מעקע־געטאָן — האָסט שוין דערשמעקט געבראָטנס אין קיך?

— קום־מיט, וועסטו אויך טועם זיין!

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת — האָבן יערוכעמזאָנס קעצישע אויגן כיטרע געזשמורעט — דיין נחמה וואָלט נאָך געוועזן צו דערליידן, ווען זי פאַר־מאָגט נישט די וואָנצעלעך אויף דער ליפּ.

— זי איז מער סחורה, ווי דיין שטרויענע דאַמע! — האָט פוסבענקל אים צוריקגעצאָלט אַרויסשטופּנדיק זיך דורך די געצעלט־פּלאַכטעס.

יעדער געצעלט איז אַ באַזונדער וועלטל פאַר זיך.

מיכאל איז געבליבן איינער אַליין אין געצעלט. סיאַמקע און שפּיגל זענען פון באַגינען אָן אַוועקגעפאָרן אין דאָרף. מיכאל איז אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין זיך, ביחידות זעט ער זיך בולטער. ער איז געזעסן אויפן בעטל און געפירט מיט זיך חשבונות: די שווערע אַרבעט דעקט אויף אים אַ האַרטע קאָרע, מאַכט אים געזונט. אייגנטלעך איז פאַר אים די מחנה אַ סאַנאַטאָריע — ער וועט דאָ אַרויס־וואַקסן מיט אַ ניי־אַנטפּלעקטן כוח. — וויפל דער שיעור — האָט ער געטראַכט — צו וואַנדערן איבער די קיבוצים, צעברעקלען זיך אויף חלקים? נישט איינמאָל האָט ער זיך אויסגעזידלט פאַרוואָס ער קען נישט זיין אַזוי געזונט און נאַטירלעך, ווי יענע חברה, וועלכע גייען איינגעשפּאַנט מיט פריידיקן געדולד פאַר דער שותּפותדיקער זאַך.

ניוטאָ, זיין פריינדין, האָט אים ענלעכע ווערטער געשריבן: „וואָס מער דיינע פּיס וועלן נישט רוען, אַלץ מער ווערט דיין האַרץ אומרואיק״ — אין מיכאלן האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט אַ שטילער צער, אים האָט געפּייניקט, פאַרוואָס ער קען נישט נאָכקומען די באַגערן פון ניוטאַן. אויף די וועגן פון זיין וואַנדערן האָט ער צייטנווייז אַליין אויך זיך געזען ווי אַ באַלאַסט. — אָבער אין דער מחנה האָט ער אָנגעהויבן בענקען נאָך „עמיצן״. דאָס בלוט פּלייצט הייסער אין די אָדערן, שלאָגט אַ גלוסטיקונג אין האַרצן, אויגן גליען און דערשטיקן אין זיך צאַפּלדיקע פאַרלאַנגען.

טאָ פאַרוואָס איז ער לעצטנס גלייכגילטיק צו ניוטאָס בריוו? ניוטאָס אויגן מאָנען פון די שורות. אויגן פאַרטראַכטע אין גרין־בלויע וועלטן וועקן ביי אים דעריגערונגען פון געמיינזאַמען פיינלעכן גליק.

מיכאל איז שוין שולדיק אָן ענטפער אויף עטלעכע בריוו. ער האָט נאָך ניוטאַן נישט געשריבן, אַז ער אַרבעט דאָ ביי די זומפּן. אגב, האָט ער שוין פון אַ סאַך זיינע פּאַסירונגען איר נישט צוּוויסן געגעבן. פון דער ווייטן האָט דער „זמת״ אַ טבע זיך אויסצובאַהאַלטן, נישט צו אָנטפּלעקן זיך איינגאַנצן.

מיכאל האָט זיך געלאָזט גיין אין דער קיך אַריין. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערזען אַזוי עלנט אין דעם ליידיקן געצעלט. עס פעלן אים איצט אַזוי שטאַרק די חברים סיאַמקע און שפּיגל.

אין קיך האָט ער ביי די הילצערנע טישן כמעט קיינעם נישט געטראָפן. חברה יונגען האָבן שוין אָפּגעפּילדערט מיטן פרישטיק און זיך צעגאַנגען איבער די זוניקע בערג און פעלדער.

נחמה האָט מקבל־פּנים־געווען מיכאלן מיט אַ פּאָר נאַקעטע הייסע עלנ־בויגנס אונטער די בעדרעס: — הערסט, איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט אויך מיטגעפּאָרן מיט סיאַמקען? אויב אַזוי — האָבן אירע אויגן אַ ברען־געטאָן אין טונקעלן פּנים — אָט האָסטו דיין פרישטיק!

נחמה האָט אים פלינק צוגעטראָגן אַ טעלער אויפן טיש, אַרויפגעלייגט זיין פּאָרציע עסן.

— ווען איך פּאָר־מיט — האָט מיכאל אָן אויג נישט אַראָפּגענומען פון נחמהן — וואָס וואָלט טאַקע געווען מיט דעם עסן?

— וואָס דאַגהסט זיך, חבר־לעבן — איז פּלוצים אָפּערגעקומען פון הינטער די קעסלען פוסבענקל מיט לאַכעדיקע ציינער — זעסט „אָט דעם מפיל־קינד״? — האָט ער זיך אַריינגעטייטלט מיט אַ פינגער אין ברוסט — „ער״ באַנוגנט זיך נישט מיט איינמאָל עסן. נישקשה, אַ טייערע לופט האָבן מיר דאָ, דער אַפּעטיט קומט נישט־געבעטענערהייט. ווי זאָגסטו, נחמה, נישט ריכטיק?

אין די אויפגעפּראַלטע קיך־פלאַכטעס האָט זיך באַוויזן דער שוואַרץ־

הויטיקער מוסטאַפאַ. פוסבענקל איז אים אַנטקעגנגעקומען מיט געמאַכטער פרייד, באַגריסט אים הילכיק אויפן אַראבישן שטייגער: פריד אויף דיר, פריד אויף דיינע קעמלען, אויף דיינע אייזלען, און אויף דיין ווייב!

מוסטאַפאַס טונקל־הויטיקער פנים, ווי פיינער זשאַמש, האָט זיך געביטן פון חניפה אין צאָרן און ווידער אין פרייד. די ציינער האָבן געבליאַסקעט פון הינטער דער פולער ליפּ. ער האָט צוריקגעצאָלט דעם כבוד, וואָס מ'האָט אים צוגעטיילט — דער כאַוואַדזשאַ מאַכט אָבער אַ טעות: ער פאַרמאָגט נאָך נישט קיין ווייב! אויך ער, מוסטאַפאַ, איז באַגאַנגען אַ טעות: ער האָט פאַרגעסן, אַז היינט איז שבת ביים יאהוד — איז ער געקומען פון אזאַ ווייטן מרחק צו דער אַרבעט, ערשט זעט ער זיך אַרום — גישטאָ דער כאַוואַדזשאַ־מוסאָ! — ביי די לעצטע ווערטער האָט ער א טעסע געטאָן איין שוואַרצע דלאָניע אין דער צווייטער, ווי צו פאַרקלאַפּן דעם ליגן.

— טפאַדאַל, מוסטאַפאַ! — האָט אים מיכאל פאַרבעטן צו זיך אויפן באַנק — זיץ, וועסט עפּעס נעמען אין מויל אַריין!

מוסטאַפאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן באַנק. פון זיין אַבאַיע, פון טונקעלן גוף האָבן געדעמפט הארבע ריחות פון בהמישן מיסט, פון קרייטעכצער און שוויס. — ער וועט, נאַטירלעך, נישט דערציילן פאַר מיכאלן, אַז זיינע פיס טראָגן אים גאָר פון אַבו־אַל־כאַמדאַנס געצעלט. זיין קומען איצט אין קיך איז נאָר אַן אויסרייד. האָט ער נאָר אַ פרייע צייט, יאָגט עס אים, ווי מיט הייסע בייטשן צו כאַגונען. אַבו־אַל־כאַמדאַן האַלט די טאָכטער פאַרריגלט אונטער זיבן שלעסער, לאָזט איר נישט ווייזן פאַר מוסטאַפאַס אויגן. און זיינע אָרעמס בריען, ווילן באַרירן איר ברוינעם לייב.

ווייס דאָ עמעצער, אַז ער, מוסטאַפאַ, איז אַ גאַנצן פרימאָרגן געזעסן אויפן פעלד, נישט ווייט פון דער סטעזשקע, וואָס פירט צום וואַסער־קוואַל? ער האָט געזען דורכשפּאַנען כאַגונען מיט נאָך ווייבער, וועלכע האָבן זיך געלאָזט צום קוואַל מיט ערדענע קריג אויף די קעפּ. מוסטאַפאַ האָט געקלאַפּט אין די דלאָניעס, געגעבן סימנים. כאַגון האָט צו אים געוואָרפן אַנגעצונדענע שוואַרצע אויגן; אָבער זי האָט נישט געטאָרט אַרויסגיין פון דער שורה און ווייטער געשאָסן די קניען אין אירע פלאַטערנדיקע קליידער.

פאַר מיכאלן איז קלאָר, אַז מוסטאַפאַס קומען אין קיך איז מחמת דעם, ווייל ער איז להוט נאָך אַ פרוי. — אַט זעט ער דאָך, ווי אין זיין טונקל־זשאַמשענעם פנים רעדלען זיך די אויגן־ווייסלען, פאַרלויפן מיט הייסער פאַרע. טעמפּ קוקט ער נאָך יעדן קער פון נחמהן און שפרהן. זייערע נאַקעטע הענט און פיס צערוישן זיין בלוט. אַזש דאָס אָדערל אויפן קורץ שפּודיקן שטערן האָט האַסטיק אָנגע־

הויבן צו פיקן. דאָס עסן, וואָס נחמה האָט אים מכבד געווען, האָט זיך אים ממש געשטעלט אין דער קעל.

מוסטאַפאַ האָט זיך אויפגעשטעלט, געדאַנקט מיט אַ האַנט־באַריר פון שטערן צום הארצן: קאַטאר כערעק! — און אַ באַרוועסער זיך אַרויסגעשאַרט פון קיך.

ווען מיכאל איז געווען אין דרויסן האָט אים ווידער אַרומגעכאַפּט אַ באַנגדע בענקשאַפט. ער האָט שפּאַצירט איבערן באַרג, און אין תוך האָט ער זיך געזען דער זעלבער, וואָס מוסטאַפאַ: ער גאַרט אַרומצונעמען אַ פרויען־לייב. מיכאל פילט, ווי עמעץ וואָלט אים אינעווייניק געוועקט פון אַ לאַנגן לעטאַרג. עס גיט אַ בליץ־אויף זיין דורכלעבטער עבר, אָבער ער וויל נישט טראַכטן פון דעם. ער — אַ קליין קערנדל, האָט אים דער ווינט אַרויסגעריסן פון ווייטע מרחקים און פאַרטראָגן דאָ־אַהער אויף נאַקעטער ערד. — וועט ער דאָ אויסוואַקסן אַ געזונטער דאָרפס־מענטש?

מיכאל האָט שפּאַצירט אַ פאַרטראַכטער איבערן באַרג. פאַר אים איז פאַר־בייגעגאַנגען קעלער, דער יעקע, מיט אַ בלאָק פּאַפּיר אונטערן אָרעם און אַ בליישטיפט פאַרשטעקט אויפן אויער.

— ווי גייט איר עס אַזוי באַוואָפנט? — שטעלט אים אָפּ מיכאל אָן אויפ־געלעבטער.

— איך געה מאָל דיזען בערג הערונטער, דאָ איסטס צימליך שעהן! — קעלערס געלבלעך־געשטופלטער פּנים, וואָס האָט געפינצטערט ווי אַ וועלשענע נוס, האָט מיטאַמאָל אַ שיין־געטאָן. — איך שרייב דאָרט אַיין בריוו אָן מיינע פראַו — די אויסגעוועפּטע אויגן איבער די אָנגעשוואָלענע זעקעלעך זענען אַזש מילדער געוואָרן. — יאָ, — איז קעלער באַרעדעוודיק געוואָרן — וואָהין מאַן שאַוט — זינד אימער בלומען. אַבער... — האָט זיך ס׳פּנים אַ קרום־געטאָן — דער גן־עדן אָנע דעם גיהנום קאָן ניע עקזיסטירן... פאַרשפּראָכן גילדענע בערג און צומאָל דעם קאָפּ וואָ היגצולייגן האָבע איך נישט.

— אַזוי? — האָט מיכאל אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר אויגן

— נו־יאָ! — האָט קעלער אויסגעשריגן מיט פאַרצווייפלונג. דאָס בעט איזט דאָך אויף דער שטאַציאָן!... אָבער מיר איזט גאַנץ־עגאַל: די לויטע מיסטן מיר אַין בעט צו פערפיגונג שטעלן!

— טאָ ווו שלאָפט איר? — האָט מיכאלן אַרומגענומען אַ רחמנות.

— איך שריי דאָך דאס נעמלעכע — האָט קעלער פאַר כעס אַ קוויטש־געטאָן.

ער האָט דערנאָך פייערלעך אָוועקגעשפּאַנט איבערן גראָז און מיכאל האָט אים נאָכגעשיקט אַ באַדויערנדיקן זיפץ.

וויפל שעהן איז מיכאל אַזוי אַרומגעגאַנגען איבערן באַרג און זיך מתיחד

געוועז מיט זיך, מיט די אָנגעפלויגענע מחשבות? די זון איז שוין געשטאַנען אין סאַמע מיטן הימל און געשרפהט מיט פייער איבער באַרג און טאָל. זון־פּלאַטערלעך, ווייסע, געל־געשפּרענקלטע, זענען דערשראָקענע פאַר מיכאלס פיס אַפּערגעפלויגן פון די רויטע מאָן־בלומען און ווילד־זאַפטיקע קרייטעכצער; זיי זענען געפלויגן און געשווינדלט פאַר זיין פנים אין ווייסע, געלבע זיגזאַגן. פון די איינגעוואַקסענע שטיינער און פלאַנצונגען האָבן זון־גרילן געצישעט און געשליפן מיט שאַרפע צינגלעך. אין הייסן זוניקן אָרקעסטער פון פאַרבן און קלאַנגען האָט מיכאל באַמערקט, ווי אונטן אין טאָל באַוועגט זיך פון דערווייטן, אויף דער געדרייטער סטעזשקע דערנענטערט זיך וואַסאַמאָל מער אַ פערד־און־וואָגן. אָט זעט ער דייטלעך, ווי אויפן שטויביקן וועג שלעפּט זיך דער געשפּאַן:

— אוודאי זיצט דאָרט סיאָמקע און שפּיגל? אָבער וואָס עפּעס? אַ צווייטער פערד־און־וואָגן שלעפּט זיך נאָך און צעטרייבט אַרום זיך וואָלקנס שטויב?

מיכאל האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אַ נייגעריקער פון באַרג צו די ווייסע געצעלטן.

אין קיך האָט מען שוין געהאַלטן ביים סוף פון מיטאָג. דער עולם יונגען האָבן זיך אַרויסגעוואָרפן פון די געצעלטן אָנגעזעטיקט מיט שבת־פוילקייט און אָפּגעשפּאַרטער פרייד, מיט נייגעריקע פּנימער איז מען געקומען אָנקוקן די איינגעפאָרענע געסט אויף די פאַרשטויבטע וועגענער.

סיאָמקע מיט שפּיגלען זענען די ערשטע אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן: — איך האָב אייך געבראַנגט געסט! — האָט סיאָמקע אויסגעשריגן צו די אַרומגע־שטעלטע חברה — איצט וועט די אַרבעט גיין פאָרווערטס!

מיכאל האָט באַלד באַמערקט די „מיידלעך" אויפן אַנדערן וואָגן; ער האָט געהאָלפן אַראָפּנעמען די פּעקלעך פּראָוויאַנט. שפּיגל האָט זיך געהיצט ביים אַראָפּשטעלן די פּעסלעך וואַסער, עס זאָלן נישט פאַרגאָסן ווערן אומזיסטע טראָפּנס: — וואַסער איז דאָ טייערער ווי גאָלד!

יערוכעמזאָן האָט אַרויסגעמעקעט מיט זיין קולעכל: — זעט זיך אָן נים־קאָסעדיקע חברטעס!

די ניי־אָנגעקומענע מיידלעך זענען געגאַנגען מיט סיאָמקען אין געצעלט, וואָס איז פאַר זיי אויף גיך אויפגעשטעלט געוואָרן. מיט יעדן טראָט האָבן זיי געפילט פאַר זיך אַ געמיש פון פרעמדקייט און ניי־דערוואַכטן וווּנדער.

ווען סיאָמקע האָט זיך אומגעקערט פון איינסדרן די געסט, האָט ער דערזען שטיין ביי דער קיך מיכאלן: — הערסט, איך האָב גאָר פאַרגעסן — האָט ער זיך זיך פאַר אים, ווי אַנטשולדיקט — איך האָב דאָך פאַר דיר אַ גרוס!

— פאַר מיר אַ גרוס? — האָט מיכאל זיך געוווּנדערט.

סיאָמקע האָט אים דערלאַנגט אַ בריוו, וואָס ער האָט פאַר אים אָפּגענומען

אין דאָרף. זיינע בלוי־וואַסערדיקע אויגן האָבן צווײדײטיק זיך געזשמורעט.

מיכאל האָט גענומען דעם קאָנווערט אין האַנט, און באַלד דערקענט: פֿון ניוטאָן. נישט־געעפֿנטערהייט האָט ער דעם בריוו אַרײַנגעלייגט צו זיך אין קעשענע.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער מיט קיינעם נישט געוואָלט זיך טרעפֿן, ווי ער וואָלט מיט אַלעמען ברוגז געווען. עס האָט אים אויסגעדוכט, ווי אַ צווייטע פּערזאָן, אַ נישט־זעעוודיקע, באַגלייט אים טריט־ביי־טריט און הערט זיך איין אין זיינע מחשבות. ער האָט געוואַנדערט איבערן באַרג און גאַרנישט באַמערקט, ווי דער מזרחדיקער טאָג פּאַקט זיך שנעל אין וועג־אַריין — מיטן אויג נישט צו דער־כאַפּן! די נאַכט האָט שוין געלויערט ביים האָריזאָנט פֿון אָפּגעקילטן הימל. האָט די אָראַנזשן־זון אַ צעיאַכמערטע פֿאַרטשעפּעט די פּיאַלעטענע וואָלקנס. אין איין רגע איז פֿון דער זון אַ תּל־געוואָרן — צעפּיצלט אויף ברעקלעך. ביים סאַמע ראַנד פֿון דער ערד האָט די זון זיך צעשריגן מיט גרעלע, רויטע פֿייערן — אַ צעגליטע קאָוואַדלע. גאָלדענע פֿייערן צעשיסן די פּיאַלעט־פּערלמוטערנע וואָלקנס.

— אַך, ווי פּרעכטיק! — איז דער יעקע ווי פֿון אונטער דער ערד אויס־געוואַקסן געוואָרן לעבן מיכאלן, — הער גאָט, ווי פֿערצאַובערנד!

מיכאל האָט אים אַ פֿאַרקלערטער געענטפֿערט: — נו־יאָ, מיר וועלן בקרוב האָבן רעגנס.

דער אומרו, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג באַגלייט מיכאלן, האָט אין אָוונט נאָך מער זיך אין אים צעוואַקסן. ער האָט נישט געקענט איינזיצן אין געצעלט, ווו מען האָט געהאַלטן אין איין אַרײַנגיין און אַרויסגיין, חברים זענען געקומען נאָך פֿאַרשידענע אינסטרוקציעס ביי סיאַמקען און שפּיגלען. אַ ווינט האָט זיך אָנ־געטראָגן פֿון ווייטע בערג און געטריבן די געצעלטן ביי די אָנגעבונדענע שטריק. מיכאל האָט זיך געלאָזט גיין אין קיך אַריין, וואָס האָט אויסגעזען פֿון דער ווייטן אין דער פֿינצטערניש ווי אַן אָנגעצונדענע פּאַפּירענע לאַמטערנע.

אינעווייניק זענען שוין געזעסן חברה יונגען ענג צוזאַמענגעקוועטשט ביי די רוי־הילצערנע טישן, זענען גרייט מקבל־פּנים צו זיין די טעלערס עסן, וואָס וועלן, הייסע, פּולע, קומען אָנגעפֿלויגן פֿון די זודיקע קעסלען, ווו נחמה און שפּרה מישן דאָרט מיט גרויסע קאָכלעפֿל. און ווי תּמיד זעט מיכאל דאָרט אַרומשמייען פּוסבענקלען מיט אַ מויל לאַכעדיקע ציינער. פּוסבענקלס פּנים שוויצט אַרויס דורך דער הייסער פּאַרע, וואָס זעצט פֿון קעסל, און די אויגן לייכטן מיט אָנגעגאָסענער פֿרייד.

מיכאל האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון קיך. דער ווינט האָט אים אויפגעכאַפּט אין נאַכטישן דרויסן, גענומען זיך וויקלען און פּלאָנטערן אַרום די נאַקעטע קניען, אין די צעשויבערטע האָר אויפן קאָפּ. ער האָט געטראָגן אַ כעס אויפן שבתדיקן טאָג: שוין גלייכער זיך איינשפּאַנען אין די וואָכן־טעג, ווו די אַרבעט מאַכט אים געזונט און פאַרטרייבט פון אים די אָנגעזאַמלטע ביטערקייט.

טאָ פאַרוואָס איז זיין האַרץ איצט אַזוי וואָך? ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט צו יעדן געצעלט, וואָס שטייט פאַרניוועט אין דער נאַכט־פינצטערניש; זיינע אויערן, ווי זיי וואָלטן געהערט דעם אומעט, וואָס שטיקט זיך אין די פינצטערע צעקאָדערטע בעטלעך. עפּעס זוכט ער, מיכאל, עמעצן אין דער נאַכט. דאָס האַרץ ווערט ביי אים אַזוי שמאָל צוזאַמענגעפּרעסט. עס ווילט זיך אים שטיין הינטער אַ דיקער וואַנט און דורכבויערן די אומענדלעכע נאַכט. אפשר וועט ער דאַרט דערזען אַ פריינט, אַ נאָענטן — ער וועט צו אים גאָרנישט רעדן, נאָר טיף אַריינקוקן אין די אויגן, דורכבערענען אים דורך־און־דורך.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם געצעלט פון די פריש־אָנגעקומענע דאָרף־חברטעס. ער האָט בדעה געהאַט ווייטער צו שפּאַנען. דער פּאַס ליכט, וואָס איז געפאַלן אויף דער ערד, ווי אַ שאַרפער שווערד, האָט אים אַ מאָמענט צוריקגעהאַלטן. דורך דער שמאָלער געצעלט־עפענונג האָט זיין אויג אויפגעכאַפּט די ניי־אָנגעקומענע מיידלעך. די אינעווייניקסטע שטילקייט פונעם געצעלט האָט מיכאלן געריצט און געצונדן די חושים. ער האָט מיט איינגעהאַלטענע טריט אַוועקגעשפּאַנט צו די ווייטערדיקע געצעלטן.

ווען מיכאל איז צוריק אַריין אין קיך, איז דער געפילדער שוואַכער געוואָרן. זיצן יונגען ביי די טישן און לייגן אין די מיילער לעפל געקעכץ. מיכאל האָט געפונען אַ ליידיקן פּלאַץ גראָד לעבן פוסבענקלען, וועלכער איז געזעסן פאַרטיפט אין זיין טעלער עסן און די אויגן האָבן זיך שוין אָנגעטראָפן מיטן נאַקעט־פאַרצעלייגנעם אָפּגרונט.

— ווי האַלט עס, חבר פוסבענקל? — האָט אים מיכאל גוטמוטיק געפרעגט.

— נישט צו פאַרזינדיקן — האָט פוסבענקל געקראַצט מיטן לעפל ביים דנאָ — מ׳איז שוין אויף אַ דרך. נאָר דאָס מענטשל, גלינסקי, האָט, נעבעך, נישט קיין אַפּעטיט — האָט ער אָנגעוויזן מיטן קאָפּ אויף זיין שכנס זייט.

— ווער איז דער גלינסקי?

אַ מאָגער גופל, דער קאָפּ נידעריק אַריינגעוואַקסן אין די אַקסלען, וואַרפט זיך און קאַפּריזעוועט אויף אַ דאַר גערגל. ס׳פּנים אָפּגעשרפהט פון דער זון, ווי מע וואָלט דאָס אָפּגעפּאַרעט אין קאָכיקן וואַסער. דאָס בלויע נעזל — אַ פּופּעקל, איז באַברילט מיט דיקע מוטנע גלעזלעך, איינס אייביק העכער פון אַנדערן,

גלינסקיס רויטע פיש־אויגן באַגייען זיך סיי־ווי אָן דעם; זיי קוקן תמיד אַרי־בער די ברילן.

גלינסקי פאַרליידט נישט, אַז מען וויצלט זיך אויף זיין חשבון. ענטפערט ער מיכאלן, אַז פוסבענקל איז אַ ריינע שטראָף פון גאָט. ווו ער זעצט זיך ביים עסן, וואַקסט ער אים אויס דערנעבן — אַ צושטייער צו זיינע צרות! וועלכער גוטער יאָר האָט אים אַהערגעשלעפּט מיט זיין „עך־מעך" פון זיין גאַלעציורע?

גלינסקיס פּנים איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ מאָדנער גרימאַסע, ווי ער וואָלט אין מויל אַריינגעזופּט אַ לעפל נאַפט: דער טייוול ווייס זיי מיט אַזאַ קאָכן... שוין ווידער צוגעברענט... ס'איז נאָך נישט געשען דאָס מאָל, אַז „זייער" עסן זאָל נישט זיין פאַרקאָפּטשעט... ער האָט ביטערלעך אַרונטערגעשפּיגן אונ־טערן טיש.

זינט סיאָמקע האָט אַריינגעפירט די מיידלעך אין געצעלט, האָבן זיי ממש נאָך מיט קיינעם זיך נישט באַגעגנט. דער הויך־געוויקסיקער סיאָמקע איז אַלע מאָל אַריינגעפאַלן, — פאַרשטייט זיך, געלעגנהייטלעך, — צעשויבערט די פלאַק־סענע האָר אויפן קאָפּ, געקומען זיך נאָכפרעגן, צי זיי נויטיקן זיך נישט אין עפּעס, — און די אויגן אונטער די זאַנגען־ברעמען האָבן געוואָרפן בליקן גראָד צו מרימען. אירע גרויסע ביר־אויגן האָבן מיט אַזוי פיל פאַרשטאַנד און טרויער אַרויסגערעדט פונעם ברוינעם טונקעלן פּנים. מרים האָט געדרייכערט סיגאַרעטלעך און אַלע מאָל אָפּגעשאַרט די קרויזלען האָר, וואָס זענען איר געפאַלן איבערן בולט־געפורעמטן שטערן.

איר חברטע צילקע, אַ מיידל מיט אַ פולן פּנים, אַ שיינעדיקס, ווי גלאַנצי־קער קופער, האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר לאַכעדיקע ארויסגעזעצטע אויגן, וואָס זענען גרייט געווען אַרומצונעמען אין ליבשאַפט אַ וועלט מיט מענטשן. צילקע האָט זיך דווקא געריסן אין דרויסן־אַרויס; אָבער זי האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף אַ רגע איר חברטע. פּלוצים איז צו זיי אין געצעלט אַריינגעפאַלן אָן שום שהיות ראובני מיט דער טענצלדיקער טשופּרינע און פיבערדיקע אויגעלעך, וואָס האָבן געוואָרפן און געשפּרונגען דאָ אויף מרימען, דאָ אויף צילקען. ער האָט זיך געהיצט און אָפּגעשאָטן אַ באַרג רייד, געציקלטע, גלאַטינקע. ערשט ווען דער טומלדיקער ראובני האָט זיך אַרויסגעוואָרפן פון געצעלט צוזאַמען מיטן אָנגעמאַכטן רעש, איז פאַר מרימען און צילקען קלאָר־געוואָרן, אַז אָט דער זיך־אַליין־פאַרגעשטעלטער חבר איז איינער פון „ראַט" אין דער מחנה, און אַז

ער לאַדט עס איין די ניי־געקומענע חברטעס צום רעפעראַט, וואָס ער וועט האַלטן אינאָוונט נאָכן עסן.

דערווייל איז די נאַכט צוגעפאַלן און מרים און צילקע האָבן דערפילט, ווי זייער געצעלט וואָלט געבליבן שטעקן אין אַ פאַרוואָרפענער אומהיימלעכער פינצטערניש, נישט אַרויסצושטעלן פון דאַנען אַ פוס! אַ ווינט האָט זיך פאַר־שניטן מיט אַ סווישטש און געטריבן דעם געצעלט אויף די אָנגעבונדענע שטריק!

מרים האָט גערויכערט אויפן בעטל. זי האָט גערויכערט נערוועיש, צעטראָגן. די קנוילן רויך האָבן איינגעדעקט דאָס פלעמל פון חלבנעם ליכטל, וואָס האָט זיך געטונקען און געוואָרפן. אירע אויגן האָבן צעשטרויט אַוועקגעקוקט אין אַ ווייטקייט — אַריבער די ברעזענטענע מחיצות, ווי זי וואָלט זיך פאַרגעסן, אַז די גוטע חברטע, צילקע, באַשירעמט איר מיט די שמייכלענדיקע פולע אויגן. מרים איז אינגאַנצן געווען אַרויסגעטאָן פון דעם אָרעם־איינזאַמען געצעלט.

בעט זיך ביי איר צילקע: גענוג שוין צו רויכערן, מרים. האָסט דאָך שוין געפּאַטערט אַ שאַכטל סיגאַרעטן, ביזט דאָך צוגעקילט אין האַלדז!

מרים ענטפערט נישט צילקען. זי איז צופיל פאַרטאָן מיט זיך. עס דאַרף זיך נאָך ביי איר גענוג איבערקאָכן און אָפּקילן, כדי זי זאָל קענען אַביסל זיך דורכשמועסן מיט צילקען. זי האָט געפילט, ווי זי וואָלט אַ גאַנצע זאַך איבער־געריסן און אַ טייל איבערגעלאָזט אין דאָרף, ווו זי איז נאָך מיט עטלעכע שעה פריער דאָרט געווען. אַן אינעווייניקסטער אומרו האָט פול־געמאַכט איר מיידלשן וועזן.

דער וואָגן, וואָס האָט געפירט מרימען מיט צילקען פון דאָרף, האָט זיך געשניטן איבער די קאַרגע סטעזשקעס באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. די ברייטע שטחים פעלדער האָבן ווינקלענדיק זיך געגנבעט פאַר זייערע אויגן, און פון דער זייט חלוצים פריש אָנגעלאָפן. אַ מונטערע פרייד האָט מרימען אַרומגענומען, זי איז געווען איבערגליקלעך, וואָס זי קען צייטווייליק פאַרלאָזן דאָס דאָרף. ס'איז איר דאָרט דערעסן געוואָרן די גאַנצע חברה. און דער עיקר: זי וועט קענען גרינטלעך פּראַקטיצירן די פלאַנץ־אַרבעט. פאַר צילקען האָט זי נישט געוואָלט מודה זיין דאָס אָנכאַפּן זיך אין דער געלעגנהייט פון פאָרן אין דער מחנה איז מחמת אָט דעם בן־נפתלי, דער גאַנצער כל־ולך אין דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. ער האָט אויף איר „געוואָרפן אַן אויג". לכתחילה איז מרימען ניחא געווען זיין פריינטשאַפט: אַז מען ווינט נישט לאַנג אין דער דירה, דערקענט מען נישט גרינטלעך דעם שכן. — פו, ער איז דאָך ווירקלעך אַן אמתער גולם! — מרים האָט פאַרביסן אַריינגעצויגן אין זיך דעם רויך פון סיגאַרעט. — נאָר צילקע קען זיך באַגייסטערן פון אים.

צילקע פאַרמאָגט פאַר איר חברטע אַ פאַרבאָרגענע ליבע און איבערגעטרי־

בענע פריינטשאַפט. קען זיך גוט אויף מרימס געוועלעך, נאָר זי האָט איצט, אין געצעלט נישט געוואָלט מאַכן קיין טענות מיט איר: בעת זיי האָבן נאָר אוועקגעשטעלט די פיס אין דער מחנה, האָט זי שוין באַמערקט אין מרימען אַ באַהאַלטענע אַנטוישונג — כאַטש נעם און קערעווע זיך אויס צוריק!

— צילקע — רופט זיך אָפּ מרים. זי האָט איר עפּעס געוואָלט זאָגן, און איז אינמיטן אַנטשוויגן געוואָרן.

די געשטאַלט פון אַ חבר האָט איר ראַפּטום אַ שלאָג־געטאָן אין די שלייפן. אין דעם בייזן ווונדער, וואָס אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט ביים וואָגן, איז איר איינער אַזוי באַקאַנט געווען; נאָר גיי טרעף, ווו זי האָט אים דאָרט געזען?

אין איר רווישיקער שטילקייט האָט אַרויסגעטויכט אַ בלאַסער בייגער. עס האָט געוועקט אומפאַרשטענדלעכעס. דאָס גאַנצע האַוועניש ביז איצט האָט זיך ביי איר פאַרקנוילט אין איין פלאָנטער, און עפּעס שטרענגט זי זיך אָן דאָס אָנצוכאַפּן און כאַווען פאַרבאָרגן אין האַרצן.

צילקעס אויגן פאַרמאָגן אַזאַ מיטלייד צו מרימען. זי זאָגט איר: — ווייסט וואָס? איך וועל אריינגעמען דאָ־אַהער דאָס עסן. ביזט דאָך צוגעקילט. ווו וועסטו קריכן אין ווינט?

— גיי שוין, קינד, — האָט מרים זיך אויפגעוועקט. — מאַכסט מיך שוין פאַר אַ ריכטיקער חולה.

— טאָ קום שוין! — האָט צילקע איר צוגעוואָרפן דעם וואַרעמען שאַל. — איך וועל דיר זאָגן דעם אמת: וואָס מער איך קוק דיך אָן אין געצעלט, אַלץ מער בענקט זיך מיר נאָכן דאָרף. מ'האָט זיך פאָרט דאָרט איינגעלעבט.

— מיינסט טאַקע, אַז דו וועסט זיצן אויף איין אָרט? — האָט מרים אָנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר אויגן מיט ווונדער. — וועסט אייביק אויסבענקען דייך לעבן!

— פאַרוואָס עפּעס? — האָט צילקע זיך געווערט — מיר איז דווקא ניחא אָן איינגעבאַקענער אָרט!

זיי האָבן פאַרלאָשן דאָס ליכטל און זיך געלאָזט גיין אין קיך. אינדרויסן האָט דער ווינט זיך צעזונגען, געפלויגן פון ווייטע בערג און אויסגעקערט מיט אַ וויכער אַלע געצעלטן. לאַנג, לאַנג האָבן די ברעזענטענע ווענט געדעכעט מיט פאַרפעלטן אָטעם.

אין קיך האָט מען שוין געהאַלטן באַלד ביים סוף פון נאַכט־עסן. ראובנין האָט געשפּאַרט אָן אומגעדולד. ער האָט שוין געוואָלט פון זיך אַרויסגעבן דעם רעפעראַט, וואָס ער האָט געגרייט אַ גאַנצע וואָך מכוח „די פּראָבלעמען פון יידישן אַרבעטער אין לאַנד”. דער באָדן האָט אים געבריט אונטער די פיס,

געלאָפן אַהער, אַהין, די שוואַרצע טשופּרינקע האָט געטענצלט אויפן קורצן שטערן.

מיטאַמאָל האָט זיך פונאַנדערגעפּענט אַ פאַלע פון די ברעזענטענע פלאַכטעס און עס האָט זיך באַוויזן די פריש־אָנגעקומענע חברטע מרים, איינגעטוליעט דאָס גאָמבעלע אין אַ געבלימטן וואַרעמען שאַל, וואָס האָט געשמעקט מיט אַלט־היימישקייט און נאַפטאַלין. נאָך איר האָט זיך אַריינגעקאָלערט צילקע אַ צע־שטראַלטע, אירע אויגן האָבן געלאַכט און געלאַכט, אַרומגענומען מיט ליבשאַפט צעשאָקלטע, טומלדיקע קעפּ פון די עסערס. זי איז גרייט געווען מיט יעדן איינעם צו גיין אין אַ טאַנץ.

— קום אַט דאָרט־אַהין, אין עק! — האָט צילקע אַ צי־געטאָן מרימען ביים שאַל.

מרים האָט זיך געוואַלקנט, געספּקט און שלאַבעריק צוגעשלעפּט זיך צום טיש.

זי האָט געטאָן אַ חסד: אויפגעהויבן אַ פּאָר מידע אויגן, אָנגעצונדענע מיט ברויגעם פייער, אַ שפּאַציר־געגעבן איבער גרויע פלאַכטעס און צעשויבערטע קעפּ, און, ווי נישט־ווילנדיק, זיך פאַרטשעפּעט אין מיכאלס שאַרפן בליק, וואָס איז אַרויס פון די באַהעלטערלעך נאָך רויב. אַ געטראָפענע האָט מרים אָפּגעשיקט די אויגן צו די רייפטלעך ברויט אויפן טיש, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל, אַריינגעלייגט אין מויל און זיך געוואָרגן מיט מיכאלס בליק. זי האָט ווידער פּרובירט דעם מזל: ווי קונציק זי האָט מאַנעווורירט מיט די אויגן... זענען געבליבן שטיין אויף איין אָרט. די אויגן האָבן געטענהט:

— לעגן זיך אָן אויף מיר, איך בין שטייף; ווערסט אַריבערקלעטערן?

מרימס שטייפקייט האָט אַ ציטער־געטאָן. אירע אויגן האָבן פאַרבליבן פאַרקוקט אין מלכות, וווּ מען שטייט בעטלעריש געבויגן און מען לעכצט נאָך אַ ליכטיק האַרץ.

ניין, ער האָט איר פאַראינטערעסירט. זי האָט דעם חבר ערגעץ געזען, און געדענקט נישט ווו. זי האָט געפילט, ווי בלינדערהייט ווערט זי פאַרנאַרט אין יענעמס ליכטיקן אויג.

— זע נאָר, מרים, — האָט צילקע זי געוועקט — דאָס עסן ווערט דאָך קאַלט, וואָס האָסטו זיך פאַרגאַפט?

— ניין — האָט מרים געציילט די ווערטער — עס וועט ביי מיר נישט קאַלט ווערן...

5.

און אַ פאַרענדערונג איז געקומען אויפן מזרחדיקן בלויען הימל. געצויג זיך

געבראָטן אין חמימה פון זון. האָבן זיך־פאַרקליבן פון אַלדי ווינקלען קליינע וואָלקנדלעך, גרעסערע, און שפּאַצירט אין הימלישן בלוי. ווי אומגעבעטענע אויסטערלישע אורחים זענען זיי געלאָפן, צוזאַמענגעלאָפן פון ווייטע גרויע הימלען; האָבן געשנאַפּט און אַראָפּגעשמעקט אין דער נידער צו אַן אויסגע־טריקנט בערגל, געהויקערט פון לאַנג אויסגעלעכצטן דאָרשט: צו אַן איינגע־שקוואַרטן בוים מיט צעקריפּלטע פאַרחלשטע צווייגן, פאַרשטויבט שוין פון לאַנג־זוניקער זקנה. האָבן זיך וואָלקנס צוזאַמענגעטראָפן אין איין מחנה, איינגע־געראַמט סודות, און זיך ווייטער צעגאַנגען איבערן אומענדלעכן הימל, צעטראָגן די לאַנג־אויסגעבענקטע בשורה, וואָס האָט געשמעקט מיט מרידה און אימפּעטיקן אויפבּרויז — דעם לאַנג־געגאַרטן אין הערצער פויערישע: רעגן. ,

דאָס פאַרוואָקסענע ווילדערניש אַרום די זומפּן איז שוין פאַרשוווּנדן געוואָרן. אַקער־אייזנס האָבן די נאַקעטע שטחים צעשניטן אין ברוינע פּאַסן ערד, אין קופּער־רויטע, צי גאָר אין שוואַרץ־פעטע. בריזדעס ערד ליגן איבערגעקערט מיט די בייכער אַרויף. עס שטאַרן אַרויס איינגעביסענע פאַרפלאָנטערטע קאָרע־ניעס; פון דער צעעפנטער ערד גלאָצן־אַרויס ווייסע ווילד־ריבן, צעשניטענע דורכן שאַרפן אָקער — פעטער זאַפט שמעלצט זיך קעגן דער זון.

מרים און צילקע פאַרזעצן שתילים אין די צעעפנטע גריבלעך, וואָס חברה האָבן פון פריער צוגעגרייט. זיי פלאַנצן געשיקט, פלאַטשיקן־צו מיט די שווערע שיך־זוילן דאָס גרין־צאַפּלדיקעביימעלע, וואָס מען האָט עס אָקאָרשט אָוועק־גענומען פון פולן וואָגן. מיידלשע הענט פלאַנצן, און גוטע אויגן שיקן־אַראָפּ אַ ברכה צו די יונגע ביימעלעך: — וואַקס, לעבן מיינס, אויף גאָטס באַראָט, וועסט אונדז האָבן צו פאַרדאַנקען!

מרים גלייכט־אויס דעם רוקן. זי וואַרפט אַ בליק הינטער זיך: אַזויפיל לאַנג־צעצויגענע שורות מיט גרינע ביימעלעך, סימעטריש צעשטעלט איינס הינטער דעם אַנדערן. ביימעלעך שמייכלען גרין־צעטומלטע, שפּילן זיך אין „וועלדל”. מרים רופט זיך אָפּ צו צילקען: — ס'איז בכלל שיין צו קוקן אויף די גרינע שורות שתילים. מיט דער צייט וועט פון דעם אַ גרויסער וואַלד ווערן, מיט גרויסע מעכטיקע שטאַמען. וועלן זיי כאָטש דאַן וויסן, אַז אונדזערע הענט האָבן זיי פאַרזעצט?

צילקע פלאַטשיקט־צו מיטן זויל אַרום אַ שתיל און זאָגט צו מרימען, אַז אַ בוים פילאָזאָפירט נישט, ווי אַ מענטש. עס אַרט וויניק דעם ביימל, ווער דאָס האָט פאַרזעצט. מ'הייסט דאָס אַרויסזויגן דעם קראַנקן קדחת פון דער ערד — האָט עס נישט קיין ברירה זיך אַנטקעגנצושטעלן.

עס האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז מרים זאָל מסכים זיין מיט צילקעס טענות. אויך איצט באַגרייפט מרים, אַז אַ בוים האָט זיין שפּראַך און געדאַנק. אַ בוים

מוז ווי־טאָן ביז די טיפע וואָרצלען, ווען ער דערזעט פאַר זיך האַק און זעג, גרייטנדיק זיך אים צו פאַרשניידן פון דער ערד.

מרים גלייכט אַלעמאַל אויס דעם רוקן פון פלאַנצן און קוקט־צו דער לאַנגער שורה מיט יונגען, וואָס זענען צעשטעלט העט־ווייט מיט פאַרשוויצטע פלייצעס און האַקן גריבלעך מיט די פּיאַשן. נישט־ווילנדיק האָט זי געקלערט פון דעם הויך־געוויקסיקן סיאַמקע, וואָס איז אַן אַפּטער אַריינגייער צו זיי אין געצעלט אין די אָוונטן. סיאַמקע שווייגט מער, ווי ער רעדט. דער קלאַנג פון זיין קול שטייט איר אין די אויערן, ווי דאָס ברומען פון אַ האַרפע. — זיין קומען צו זיי מוז דאָך טראָגן אַ געוויסע כוונה?

מרימס נייגעריקייט האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אַרום יענעם „חבר", וואָס זי האָט אים שוין דאָ, אין דער מחנה, אַ סאַך מאָל געטראָפן, געוואָלט מיט אים רעדן, און ער, ווי אויף צו להכעיס, דערווייטערט זיך פון איר. עס פאַראינטריגירט איר דער ענין. צילקע האָט איר שוין געבערענגט די ריכטיקע אינפאָרמאַציע וועגן יענעם חבר: ער הייסט „מיכאל" און איז צוזאַמען מיט סיאַמקען אין איין געצעלט. — טאָ פאַרוואָס־זשע קומט ער נישט צו זיי אַריין אינאיינעם מיט סיאַמקען? —

מרים פילט, אַז וואָס מער זי טראַכט וועגן אָט־דעם מיכאל, אַלץ מער ווערט זי אַריינגעשלעפּט אין אַ נישט־אויסגאַנגלעכן פּלאָנטער.

מרים און צילקע האָבן אַריינגעבראַכט אַ געוויסע געשעעניש אין דער מחנה. חברה יונגען האַקן מיט די פּיאַשן אין דער האַרטער ערד, די לייבעדיק־ דעמפּן מיט שווייס און די ציינער קריצן־אויס אַ קללה אויף דער נישט־נאָכגיבי־ קער געבענטשטער ערד. און אַז זיי דערזעען פאַר זיך די מיידלעך פון דערווייטן אין שוואַרץ־געפּאַלדעוועטע שאַראַוואַרן און רויט־פאַרבונדענע טיכלעך אויף די קעפּ, ווערט זיי עפּעס ליכטיקער אין די זשמורענדיקע אויגן.

מער פון אַלעמען פלייסט זיך מיט דער אַרבעט ראובני. אים דוכט זיך אַלץ, וואָס מער ער וועט גיין פאָרויס און אויפגראָבן גריבלעך, אַלץ מער וועט ער דערהויבן ווערן אין די אויגן פון די ניי־געקומענע חברטעס: הייבט ער מיט אימפּעט דעם שטאָלענעם פּיאַש און האַקט־אַריין מיט אַ קרעכץ אין דער האַרטער ערד, די טשופּרינקע גיט אַזש אַ טענצל אויפן פאַרשוויצטן שטערן.

— העי, דו קוועטשער, אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט! — הערט ראובני הינטער זיך שרייען — וואָס לויפסטו אַזוי שנעל? ביזט שוין באַלד אין ירושלים!

— הע... — האָט ראובני זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער שורה אָפּ־ געשטאַנענע יונגען — איך קען נישט קריכן אַזוי ווי איר... ביי מיר איז דאָס טריל־טראַל, און איך האָב שוין אַ פּאָר גריבלעך... — ער האָט געוואָרפן ווער־

מער און געקוועטשט מיט די פעפער־אויגעלעך — ווער קען דאָס קריכן אַזוי ווי איר? מיטאַמאָל רו איך זיך...

— אַז קריכן זאָל מען שוין נאָך...

אַ גרודע ערד איז צו ראובנין פאַרפלויגן אין דער אויסגעדרייטער פּלייצע, איבערלאָזנדיק דאָרט אַ פינצטערע חתימה.

מרים און צילקע פאַרזעצן אַלץ מער די יונגע שתילים. די גרינע שורותביימעלעך צעלויפן זיך הינטער זיי אין גלייכע אָנגעצויגענע ליניעס. ביים סאַמע ווייטן האָריזאָנט פאַרפלעכטן זיך די גרינע שורות אין איין קנויף, נעמען־אַרום די זומפן, וואָס זידן און בלעזלען מיט שימל אין דער אָנגעהייצטער זון.

צילקע גלייכט זיך אויס פון דער אַרבעט און פילט אויף זיך פּלוצים דעם גלי פון אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן. זי גיט אַ דריי דעם קאָפּ. זי דערזעט זיצן אין דער נאָענט דעם שוואַרץ־הויטיקן מוסטאַפאַ ביים בלעך וואַסער. מוסטאַפאַס ווייסלעך, ווי הייסער פאַרצעליי, דרייען זיך אינעם שוואַרצן פּנים און באַגליען צילקעס פיס און הענט.

— זע נאָר, מרים, דעם גאַסט! — גיט זיך צילקע אַ קער צו איר חברטע.

ווען מרים האָט אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן, האָט מוסטאַפאַ אַ הויב־געטאָן אין פאַרלעגנהייט די בלעך וואַסער צו די פולע ליפּן און געשלונגען גיריק דאָס לעבלעכע וואַסער. ביי יעדן שלונג האָט אינעווייניק ביי אים אַ קלונג־געטאָן, עס האָט אויסגעדוכט, ווי הייסע קוילן וואָלטן זיך געלאָשן.

מיטאַמאָל איז דורכגעריטן פאַר זיי כאַוואַדזשאַ־מוסאַ אויפן אייזל. אייזל און מענטש האָבן פאַר איינמאָל זיך צעשריגן: דער אייזל האָט געקלאָגט און פול־געמאַכט די לופט מיט זיין בלעכנעם געשריי, געריסן זיך צו דער אויסגעשפּאַנטער קליאַטשע אין וואָגן. און כאַוואַדזשאַ מוסאַ האָט זיך געבייזערט אויף מוסטאַפאַן, הלמאי ער קומט טרינקען וואַסער אַזש פון דאָרטן: — מען ווייסט דאָך, צוליב וואָס דו קומסט, יאַ־שעך, יאַללאַ, אימשי!

מוסטאַפאַ האָט אויסגעלאָדן אַ באַרג שבועות, געוועדט האַסטיק מיט די הענט. אַן עדות איז אַללאַ אין הימל, און אַ צוליב דער נביא: — זייער בלעך איז שוין טרוקן פון עטלעכע שעה, כאָטש גיב אַ גאָלד־שטיקל פאַר אַ טראָפּן וואַטער! —

מוסטאַפאַ האָט אָוועקגעשפּאַנט אַ באַרוועסער. דאָס פּנים האָט געפינצטערט און זיך געברוגזט. און דער אייזל האָט ווידער אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ תאוההדיקן געשריי. די נאָזלעכער האָבן געשלונגען אָנגעגליטע לופט. ער איז נישט גלייכגילטיק געוועזן צו דער קליאַטשע, זיין נאָענטע קרובה. ס׳בייכל ביים אייזל האָט

געשלונגען און זיך געהויבן ווי אַ בלאָז־זאַק. ער האָט געקלאָגט אויפן ביטערן איזלשן מזל: אייביק, אייביק אין פאַרקנעכטונג ביים מענטשן!

טעג קומען־אָן מיט פאַרוואָלקנטע הימלען. וואָלקנס — צעוואַקסענע בערג; איינער אויפן אַנדערן גייט, יאָגט זיך. גרויע וואָלקנס פאַרשלינגען זילבער־ווייסע. זון פאַרגיורעט זיך אינצווישן און לעשט בלויע ליכטיקייט, לעשט פאַרפלאַנצטע גרינע שטחים. זון גיט ווידער אַ פרעכן ברען דורך אַ פאַרגליווערטן וואָלקן, און יונגען ביי דער אַרבעט פילן איבער די אָפּגעדעקטע לייבער אַ הייסן ברי.

טראָגט זיך פון ווייטע אַנגעגורטע בערג אַ שוואַרצע אימהדיקע כמאַרע. אַ קורצער ווינט האָט זיך אַ לאָז־געטאָן מיט אַ דריי איבער צעהיצטע פלייצעס פון יונגען, ווי אַן אַנגעפּאַרענער גאַסט אַ שמעק־געטאָן, ווי האַלט עס מיט באַרג און טאָל: נישט געדאגהט, חברה, עס פּאַרט שוין די קאַפּעליע!

פון אַלע זייטן האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן ווינטן, ווי די מחבלים פאַרקאַשערט די פּאַלעס און צעצויגן איבערן פעלד אַ לאַנגן פייף. אַלץ אויף דער ערד האָט זיך געווירבלט אין משוגענעם דריי, געשלעפּט פון נישט־זעעוודיקע הענט. היטלען פון מענטשנס קעפּ האָבן זיך אַ ריס־געטאָן — און היידאַ אין דער לופטן!

אין איין אויגנבליק איז הימל אָנגעגאָסן געוואָרן מיט מומנעם חושך. די לופט האָט געשמעקט מיט הייסן שוועבל. און ווינט האָט אויבן זיך צעשיכורט, געווילדעוועט, פאַרוואָרפן טויזנטער פעטליעס. פינצטערער הימל גיט אַ קנייטש מיט אַ ווייכן ליכט־בליץ, און שווערקייט האַלט נישט אויס: צוערשט פאַלט־אַראָפּ אַן איינצלנער טראָפּן, אַ זודיקער, צעקושט זיך מיט אויסגעבענקטער טרוקענער ערד; אַ צווייטער טראָפּן, אַ דריטער. ווייטע בערג האָבן געדונערט, עס האָבן זיך געקוילערט איבערן הימל וואָגיקע רעדער, אַלץ העכער, נאָענטער —

און עס האָט אויפגעריסן מיט אַ הילכיקן געבראַזג. רעגן האָט אַ פלייץ־געטאָן מיט אימפּעט און רעש. אין אַנגעגאָסענער פינצטערניש האָבן פאָספאָר־בליצן געפּאָכטן און געשווינדלט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם.

אין גאָס רעגן האָבן חברה יונגען זיך אַ לאָז־געטאָן ווי צעדולטע איבערן פעלד. מ׳האָט געזוכט אַן אָרט, ווו זיך צו פאַרשטעקן.

שטייט אַ וואָגן מיט אויפגעהויבענע דישלעס. די קליאַטשע, אַן אויסגעשפּאַנטע, טוישט צעטומלט די פיס און גייט הינטערווילעכץ. זי רייסט דעם לאַנגן האַלדז מיט קייטן־קלונג פון וואָגן. חברה קריכן אונטערן וואָגן אַרונטער, די הערצער קלאַפּן פון ווילדן לויפן. איינער ליגט שוין איבערן אַנדערן, און רעגן גיסט מיט געמאָסטענע, שווערע ליניעס אויף דער ערד, גיסט געדיכט; גאַנצע

װענט װאַסער פּליִצט מיט שפּע אױף לעכצנדיקער ערד. װינט שפּאַרט דעם רעגן אין אלכסון; רעגן גלײַכט זיך װידער אױס און פּליִצט מיט טאָפּלטער שטאַרקײט צו דער ערד.

װוּ נעמט מען נאָך אַזעלכע װעגענער? מען זעט איצט פֿאַר די אױגן נאָר װאַסער און װאַסער. די אַראַבער האָבן זיך אַראָפּגעזעצט צו דער נאַסער ערד, איבערגעדעקט די אַבאַיעס איבער די קעפּ. האָט כאַליל זיך אײַנגעדעקט אין זײַן אָפּגעריבענער געלער אַבאַיע און זיך צוגעטוליעט אַראָפּגעזעצטערהײט צו דער ערד. פֿון דער אײַנגעטוליעטער אַבאַיע האָט בלױז אַרױסגעשטעקט אַ צעקאָדערט שװאַרץ־װאָלן בערדל און אַן אָפּגעברענטע נאָז:

— אַ לױב דעם אַללאַ פֿאַרן גאָלד, װאָס ער שיקט־אַראָפּ אױף דער דאָרשטיקער ערד — כאַלילס האַרץ קװעלט פֿאַר פֿרײד און די געלע צײנער שטשערען אין דרױסן — װעט גרעזעלע זיך אַ צעװאַקס־טאָן, זײַן באַקעראַ װעט געבן מער מילך, װעט ער צום יאַהוד אין דאָרף פֿאַרקױפֿן, און מאַסאַרי װעט זיך מערן אין זײַן קגיפּל.

שפּיגל איז געלאָפֿן דער לעצטער אין פּלײץ־רעגן. ער איז געלאָפֿן פֿאַרסאַפּעט, אָפּגענעצט װי גלאַנציקער בלעך. מיט דער האַנט האָט ער אַלעמאָל זיך געכאַפּט צו דער ברוסט, צוליב פֿאַרפֿעלטן אָטעם.

— כאַװאַדזשאַ, קריך־אַרונטער צו מיר! — האָט אים כאַליל פֿאַרבעטן אין זײַן באַהעלטעניש אַרײַן.

דער באַיאָרטער שפּיגל איז מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ, אַ פֿאַרמאַטערטער אַרונטערגעקראָכן אונטער כאַלילס אַבאַיע, װאָס האָט געדעמפּט מיט ריחות פֿון בהמהשע מיסט און טאַבאַק. לאַנג, לאַנג האָט ער נישט געקענט קומען צו זיך. כאַלילס היציקע לײַב האָט געװאַרעמט און באַרויִקט זײַן פֿיבערדיקע נאַסקײט. אין האַלדז האָט אים געטריקנט, און איבער זײ בײדן האָט געהאַלטן אין אײן גיסן און באַראַבאַנעװען.

אונטערן װאָגן ליגט מען צוזאַמענגעדריקט װי הערינג: פּיס אױף קעפּ, הענט פֿאַרדריקטע הינטער רוקנס. חברה װיצלען זיך, װי מען װאָלט גאָר פֿאַרגעסן אין רעגן. ס׳פּליִען קולאַקעס איבער קעפּ און פּלײצעס.

סיאָמקע פֿאַרנעמט דעם גאַנצן װאָגן־לענג. ער איז באַלײגט מיט פֿאַרנעצטע יונגען. פֿון אונטער דער קופּע שװײסיקע לײַבער פֿאַרצײלט ער עטװאָס פֿון זײַנע װאַנדער־פּאַסירונגען:

— בין איך מיר אײנמאָל בײַנאַכט פֿאַרבײַגעגאַנגען דורך אַ פֿינצטערן געסל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, — גײט מיר נישט אַנטקעגן אַ טערק מיט אַ פּאָר ברײטע מכנסים, אַז מיר אַלע װאָלטן זיך דאָרטן פֿאַרקליבן. ער האָט אַ גאָלגאָטשע געטאָן מיטן גאָרגל אױף טערקיש, פֿאַרשטײט זיך, ממתקים װיל ער.

— ניעט, באַרין, האָסט נישט געטראָפן דעם אָרט!

— אָלדי, ראָלדי, — עס גיט מיר אַ בליץ אַ מעסער פאַר די אויגן. מיינער קלערט נישט קיין סאַך, „פאָ יאַפּאָנסקאָמו" אַ דריי די האַנט... און דאָס מעסער פאַלט מיר, ווי אַן אלטער, צו מיינע פיס...

— הברה, לאָזט אים באַקן — הערט זיך יערוכעמזאָנס פאַרלעגענע שטימע.

— אפשר ווּעסטו שטומען? — פאַרמעסטן זיך אומצופרידענע — אומעטום שטעקט ער אַריין די טראָמבע!

סיאָמקעס האַנט רייסט זיך פון הינטער אַ פאַרקוועטשטן רוקן: וואָלט ער אים איצט, יערוכעמזאָנען, מכבד געווען...

פון דער צווייטער זייט פליט שוין עמעצנס אַ האַרטע דלאָניע איבער יערו־כעמזאָנס נאַסן קאָפּ, און אַ האַלב היטל פליט אים אַרונטער אויף אַן אויער.

טררר'ראַך... א שפּאָגל־נייער דונער האָט אויפגעריסן אין הימל, זיך צע־קאָלערט מיט רעדער העט ווייט אַוועק, און רעגן האָט אויף דאָסניי זיך פאַר־שטאַרקט, געגאָסן מיט געפּילדער און געשריי. ערד זעטיקט זיך, עפנט די טראַכט און טרינקט אין זיך אַריין וואָס מער, וואָס מער.

די קליאַטשע, אויסגעצוואָגן דורך־און־דורך, שטייט ביים וואָגן אין געהאַקטע צרות. פון איר גלאַנציקער נאַסער פעל זעצט אַ פּאַרע; קנייטשט די אויערן אַהין און צוריק, הערט זיך איין צו דער האַמפעריי אונטערן וואָגן. אַלעמאָל גיט דער בויך אַ ציטער, ווי עס וואָלטן אויף אים דורכגעלאָפן אַ שורה רייפן. מיטאַמאָל איז זיך דאָס באַשעפעניש מישב: צעשפּרייט די הינטערשטע פיס — און גיסט־אַרויס אַ צושטייער צום גאַס־רעגן.

און אַז רעגן גיסט, הענגט אינעווייניק ביים מענטשן אַן אינעווייניגע שטילקייט אַ מין חשבון־הנפש, אַ פאַרטראַכטן זיך פון אַ לאַנג־פאַרגעסענער וועלט, וואָס רעגן טיילט־אָפּ דעם מענטשן. האָט זיך שפּיגל אַרומגעזען, אַז ער זיצט צוגעדריקט צו כאַלילן. צוויי קעפּ איינגעדעקט אין דער דורכגעווייקטער אַבאַיע. שפּיגלס נאָז גלאַנצט־אַרויס אַ רויטע, ווי אַן אָנגעצונדענע לאַמטערנע, הענגט מיט זויערער קריוודע אויף גראָבע פליישיקע ליפּן, און די תחנונימדיקע אויגן קוקן ערגעץ אַוועק דורך וואַסער:

— נייך, ברייניע לעבן, צוריק וועל איך שוין קיינמאָל נישט גיין... פון מזבח נעמט מען נישט צוריק...

— יאַהוד, ביזט אַ גוטער, ביזט אַ ברודער — וועקט אים כאַליל מיטן עלנ־בויגן.

— ששש... מ'דאַרף נישט רעדן — טשמאָקעט שפּיגל מיט די ליפּן. — ער וויל נישט איבעררייסן דעם געוועב, וואָס ער שפּינט אין דער ווייטקייט, איבער ימים, ווו זיין פריערדיק לעבן האָט זיך געראַנגלט אין זוכעניש, געיאָגט זיך נאָך

אַ תיקון. פאַרנעפּלטע יאָרן ביי פרעמדע אַפּוטרופּסים זענען פאַר אים דורכגעלאָפן אין דער רגע: האָט ער אַמאָל געקענט גלויבן אַז ער, שפּיגל, וועט מיט יוגנט־לעכן כּוח באַווייזן איצט דאָס אייגענע, ווי די זשוואָווע יאָטן? ער האָט זיך דער־מאָנט אָן זיין איינציק קינד, וואָס איז פאַרבליבן ביי דער מאַמען, אַ פּופּצן יאָר מוז ער שוין אַלט זיין. שפּיגל האָט געגלויבט, אַז ער וועט זיך נאָך מיט זיין זון טרעפן — אַלע וועגן מוזן דאָך פירן אין ישראלס לאַנד — —

— וועסט קומען צו מיר שבת, יאַכאַביבי, מילך פעלט נישט ביי מיר — האָט כאַליל געמונטערט שפּיגלען — פרישע פּיטעס וועל איך באַקן, פאַרבייסן וועט מען אַ גרינעם פעפערל — וועט זיין אַ פאַנטאַזיע, יאַ־ברודער!

— יאָ, אַ ברודער, אַוודאי אַ ברודער... — האָט שפּיגל ווייטער געשפּונען זיין געוועב. ס׳האָט אים געקוואָלן אַ פאַרשטיקטער געלעכטער, הוידענדיק זיך אויף די געבויגענע פּיס, ווי אַ ספּרענזשינע — אַ טעות, כאַליל, אַ טעות... ביזט קוים אַ קוזין, נישט קיין ברודער...

ביי כאַלילן האָט דאָס אויג געגליווערט, די געלע, אויסגעפּוילטע ציינער האָבן ביטרע געשטשירעט אין דרויסן.

ווו זענען אַהינגעקומען מרים און צילקע?

ווען דער רעגן האָט אָנגעהויבן פּלייצן, האָבן זיי גראָד געהאַלטן ביים פאַר־זעצן אַ נייע שורה ביימלעך. כאַוואַדזשאַ מוסאַ איז כמעט די גאַנצע צייט געווען לעבן זיי: די אַראַבער האָבן געאַרבעט אין דער נאָענט, עס איז נישט שייך איבערצולאָזן די מיידלעך אָט־אַזוי־זיך; בפרט, אַז ער האָט נישט ווייט פון באַרג דער פּראָוויזאָריש־צונויפגעקלאַפּטן געצעלט, ווו ער כאַפּט זיך אַלעמאָל אַרייַן אָפּקילן זיך פון דער הייסער זון. דאָרט פאַררויכערט ער בנעימות זיין פייקע מיטון, קוקט־אַרויס צום יונגעטשקן וועלדל, וואָס פּויזעט האַרט ביי דער ערד. אין אין רגע איז ער מיט די געדאַנקען ביי זיך אין דאָרף. ער קלערט פון מאַנדל־כרם, וואָס ברענגט אים מער צרות, ווי ריווח. פאַרשידענע פּלענער ווערן ביי אים געבויון, בעת ער פּיפּקעט פון מויל־אַרויס קנעלכלעך רויך. זיין טאַטיש האַרץ צעוואַקסט זיך מיט זאָרג, ווען ער דערזעט דורכן געצעלט די מיידלעך, ווי זיי בייגן די רוקנס ביי די יונגעטשקע ביימעלעך. געקלערט האָט ער פון זיינע דריי טעכטער: ווו נעמט מען אַלץ, וואָס ער באַדאַרף פאַר זיי צו האָבן? נישט אומזיסט ברענט ער זיך גאַנצענע טעג אונטער די הייסע הימלען. די רעגירונג צאָלט נישט סתם אַזוי קיין געלט!

ווען דער רעגן האָט אָנגעהויבן פּלייצן, האָבן מרים און צילקע זיך אָפּגעריסן פון פעלד און ראַפּטום גענומען לויפן אין דער ריכטונג צום באַרג, ווו כאַוואַדזשאַ

מוסאַס געצעלט האָט זיך געריסן אין ווירבלדיקן ווינט. זיי האָבן געהאַט דעם איינדרוק: ביז זיי וועלן דערגרייכן צום אָרט, וועט שוין דער געצעלט פליען צו די פינצטערע הימלען.

ווען זיי זענען ענדלעך אַריינגעפאַלן מיט אַ קוויטש אין צעשטורעמטן געצעלט, האָבן זיי דאָרט געטראָפן כאַוואַדזשאַ מוסאַ מיט נאָך עטלעכע אַראַבער. כאַוואַדזשאַ מוסאַ האָט באַרואיקט די מיידלעך, אַז דער רעגן וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן: פונקט, ווי ער קומט־אָן מיט שטורעם, אַזוי מאַכט ער שנעל פּליטה.

מרים איז געשטאַנען צוגעדריקט צו צילקען און איינע פון דער אַנדערער האָט אויסגעבאָרגט דאָס ביסל וואַרעמקייט, וואָס האָט געציטערט פון אונטער די דורכגענעצטע בלוזעס און שאַראַוואַרן. פון די רויט־אויסגעווייקטע קאָפּ־טיכלעך האָבן ריטשקעס וואַסער אַראָפּגערונען איבער די אָפּגעברענטע פּנימער. דער רעגן האָט געהאַלטן אין איין באַראַבאַנעווען איבער די ברעזענטענע צעשטורעמטע פלאַכטעס, וועלכע האָבן ממש דערגרייכט צו די מיידלשע קעפּ.

די אַראַבער זענען געזעסן אויף דער ערד פאַרלייגט די פיס הינטער זיך און פאַרטייעט געשוויגן, איינהערנדיק זיך צום הייליקן געזאַנג פון רעגן. יעדעס מאָל האָבן זיי געוואָרפן אַ גנבישן בליק צו די מיידלעך, וואָס האָבן זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן. מיידלשע ברוינע פיס האָבן געפיבערט מיט צביעות פון אונטער די פאַרנעצטע שאַראַוואַרן. די שווערע באַקאָוועטע שיך זענען אָנגעקלעפּט געווען מיט שטיקער ערד פון פעלד.

מיטאַמאָל האָט זיך געגעבן אַ שפּאַר־אַריין דורך די פלאַכטעס כאַוואַדזשאַ מוסאַס אויסגעווייקטער אייזל, און נאָך אים — מוסטאַפאַ.

מוסטאַפאַ מאָנט רחמנות פאַרן אייזל ביים כאַוואַדזשאַ מוסאַ: ער קען נישט זען, ווי די חיה ווייקט זיך אין רעגן. כאַוואַדזשאַ מוסאַ פאַרדריקט שעלמיש אַן אויגל און קען זיך נישט כאַפּן לכתחילה אויף מוסטאַפאַס אמתע כוונות.

מוסטאַפאַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן באָדן אין סאַמע עפּענונג פון געצעלט און אַרויסגעשיקט זיין ברכה צו די טונקעלע הימלען: — גרויסער אללא, אַ לויב דיר פאַרן רעגן, וואָס דו שיקסט אויפן פעלד — זיין טונקל זשאַמש־פּנים איז געווען ריין אויסגעוואַשן פון וואַסער, די ווייסלען האָבן אָנגעקוקט דורכן פלייץ־רעגן. פאַר איין וועגס האָט ער שוין געבעטן ביים אַללאַ, ער זאָל ווייכער־מאַכן דאָס האַרץ פון אַבו־אַל־כאַמדאַן, זאָל ער שוין איבערגעבן כאַנונען אין מוסטאַפאַס הענט. זיין לייב ציט צו איר, ווי דער רעגן צו דער ערד.

צילקע און מרים האָבן זיך באַרואיקט פון האַסטיקן לויפן. צילקעס אַרויס־געזעצטע אויגן לאַכן אַרויס פון גלאַנציקן פּנים, נעמען־אַרום מיט ליבשאַפט אַלץ, וואָס געפינט זיך אין איינגעפאַלענעם געצעלט, ביז צום נאַסן אייזל, וואָס שטייט אַ געשלאָגענער ביים אויסגעקרימטן דראַנג, דעם אייזלס שוואַרצע פלוי־

מען־אויגן עפענען און קלעפן זיך אַלעמאָל צו, איינהערנדיק זיך צום געשריי פון רעגן.

צילקען פאַרשאַפּט הנאה דער זיצנדיקער מוסטאַפאַ: עס קומט איר אויפן זינען די שאָקאָלאַד־נעגערלעך, וואָס זענען אויסגעשטעלט אין די מאַגאַזין־פענצ־טער פון די גרויסע שטעט: — דו ווייסט, מרים, — פּאַלט־איין צילקען אַ שטיף צו טאָן — ווען מען זאָל אַ לעק־טאָן אַזאַ פּנים, מוז עס זיין זיס ווי שאָקאָלאַד.

מרים פּלאַצט־אַרויס מיט אַ געלעכטער פון צילקעס משונהדיקן איינפאַל. צילקע לאַכט־מיט. אויף מוסטאַפאַן ווירקט דער געלעכטער ווי אַ הייסער ברי אויף דער פּלייצע.

מוסטאַפאַ וויל זיך נישט אויסדרייען צו די מיידלעך, הגם ער וויל עס ביז גאָר. ער האָט דערשמעקט מיט די בלינדע חושים, אַז די „מאַסקאַביס" לאַכן פון אים — אפשר ווייסן זיי, אַז אַבו־אל־כאַמדאַן איז אַן עקשן און וויל אים נישט פאַרקויפן כאַנונען פאַר אַ ווייב? — עס צינדן זיך אין אים די בלוטן. ער פאַר־טראַגט נישט, ווי די מיידלעך פליסטערן צווישן זיך אין דער שטיל. פאַר מוסטאַ־פאַן איז דאָס אַ פאַרשוועכונג: — ווען דער רעגן גיסט מיט גלייכע ווענט צו דער ערד, מוז זיין שטיל! די אויגן רעדלען זיך מיט פייער אין טונקעלן פּנים, אַזש דאָס אַדערל אויפן קורצן שטערן הייבט האָסטיק אָן צו פּיקן. ער האָט זיך פלוצים אָפּגעריסן פון אָרט און מיט אַ געבררום אַרויסגעלאָפן אין רעגן.

מוסטאַפאַ איז געלאָפן מיט באָרוועסע שוואַרצע פיס אין גאָרטעגן. ער איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ, טאַפּטשענדיק אין דער בלאָטיקער ערד. ווי אַ שטיק פייער איז ער געפלויגן און געשניטן די רעגן־ווענט. ער האָט אַלעמאָל אַרויסגעפּראַלט אַ ווילד געברום.

מוסטאַפאַ האָט דערגרייכט די שורה ביימלעך, וואָס צילקע און מרים האָבן אָנגעהויבן פריש צו פאַרזעצן. ער האָט מיט משוגענעם אימפּעט געגומען רייסן די יונגע, אָקאָרשט פאַרזעצטע ביימלעך. די אַרויסגעריסענע שתילים האָט ער אַוועק־געשליידערט ווייט פון זיך. מיט יעדן אַרויסגעריסענעם ביימל האָט מוסטאַפאַ געפילט ווי זיין הייס בלוט הייבט־אָן צו קילן, זיך צו באַרואיקן — —

בייע ווינטן זענען אָנגעלאָפן, פאַרנומען אויף זיך דעם רעגן און זיך צע־פייפט מיט אַ ליאַרעם אין דער ווייט. הימל לייטערט זיך אין בלוי, דורך וואָלקנס שיסט די זון מיט וואַרעמען גאָלד — און חברה האָבן זיך אויפגעזוכט איינער דעם אַנדערן, ווי פאַרלאָרענע אין אַ מבול. מען טיאַפּקעט זיך אויף בלאָ־טיקער ערד און אויפגעשפּראָצטע שמעקענדיקע פרייד שפּרייט זיך אויף נאַסן גראָז.

— כאַסאַן, איבראַהים, מוסטאַפאַ — יאַללאַ, פאַנטאַזיע!

חברה רעגן־אָן צו טאַנצן. די אַראַבער נעמען זיך פאַר די גאַרטלען, קלאַ־

מערן זיך אין די הענט, און עס גייט־אַוועק אַן אַראַבּישער טאַנץ. האָט אַלי דאָס פייפל פון בוזים אַרויסגענומען, ער כאַכאָטשעט אַ פייפלדיקס, אַ ווילדער שאַלן איבער באַרג און טאָל; ער וועקט פאַרדרימלטע פייערן און צינדט דבקות. טאַנצט דער שוואַרץ־הויטיקער מוסטאַפאַ מיט פאַרגלייזטע, פאַרלאָפּענע ווייסלען. ער פאַרטאַנצט דעם צאָרן, וואָס פרעסט זיין ברוסט, ער פאַרטאַנצט דעם כעס וואָס ער האָט אויסגעלאָדן צו די יונג־פאַרזעצטע ביימעלעך. כאַסאַן און איבראַאים האַלטן זיך אַן אַזוי צניעותדיק אין מוסטאַפאַן, מיט חשיבות פאַרקערעוועט מען אין אַ ריעדל, אייך מאָל און אַ צווייט מאָל, אַ שפּרונג אין דער לופטן און אַ טיאַפּקע־צו מיט פינצטערע פיס די בלאָטיק־צעווייקטע ערד.

חברה שטייען אַרומגעשטעלט אין אַ ראָד און קלאַפּן־צו מיט די דלאָניעס: האָפּ־האָפּ, האָפּ־האָפּ!

דער אַלטיטשקער אַבו־מחמוד איז איינגעוויקלט אין דער אַבּאַיע און שטראַלט מיט די איינגעשרומפּענע בעקעלעך. די אויגן גלאַנצן ווי שטיין־קויל:

— אייוואַ, פאַנטאַזיע!

הענט קלאַפּן־צו צום ריטם: האָפּ־האָפּ, האָפּ־האָפּ!

דער יעקע שטייט אַ באַגייסטערטער און רופט־אויס מיט אויסגעוועפּטע אויגן: הער גאָט, וויר האבען דאַ וואָס מיסטישעס!

ווען מרים און צילקע האָבן זיך צוריקגעקערט אויפן אַרבעטס־פּלאַץ, האָבן זיי נישט דערקענט די ניי־אָנגעהויבענע שורה ביימלעך. די שתילים זענען צע־טרעטן געווען, אַוועקגעריסן און אַוועקגעשליידערט אין דער ווייט. מרים און צילקע האָבן זיך ביידע שווייגנדיק אָנגעקוקט, נישט געקענט באַגרייפן, וואָס דאָ איז געשען: — זאָל עס האָבן דער רעגן חרוב געמאַכט? עס קאָן זיך נישט גלייבן!

מרימס ברוינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַזוי פיל טרויער, טרערן האָבן איר געשטיקט אין האַלדז. זי האָט מיט אַ פולער ברוסט אַרויסגעפּליסטערט צו צילקען: — די ביימעלעך, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס פאַרזעצט, זענען שוין אַזוי פרי פאַרשניטן געוואָרן פון דער ערד — —

6.

צילקע האָט איינגעזען, אַז סיאָמקעס קומען צו זיי אין געצעלט טראָגט אַן אויסדריקלעכע כוונה: פאַראינטערעסירן בלויז מרימען. סיאָמקע האָט דאָס, פאַרשטייט זיך, נישט געגעבן בולט צו דערקענען; אָבער צילקע מיט איר מיידלשער עמפּינדלעכקייט האָט שוין דערשמעקט זיינע כוונות. ווען סיאָמקע פלעגט זיי לעצטנס באַזוכן אין די פאַרנאַכטן, האָט שוין צילקע אויסגעפונען אַ

געלעגנהייט אַרויסצושאַרן זיך פון געצעלט און איבערלאָזן אַליין מרימען מיט סיאָמקען.

צילקע פלעגט בלייבן שטיין אין דרויסן אַ פאַרווירטע. די בולטע אויגן האָבן אַרויסגעשמייכלט פון פולן פנים, געטראַכט אָפּגעריסענע געדאַנקען. זי האָט מרימען ליב. זי פאַרמאָגט בכלל אַ ליבשאַפט פאַר אַלע יונגען אין דער מחנה, טראָגט אַלעמען אַנטקעגן אַן אָפענע פריינטשאַפט, איר איז פרעמד דאָס פראַוועון יחידות צווישן פאַרשטעלטע קאַרגע ווענט. צילקע האָט אַוועקגעשענקט איר פריינטשאַפט פאַרן גאַנצן כלל. זי האָט זיך איצט געלאָזט גיין אין קיך אַ שמועס־טאָן מיט פריילעכע יאַטן, וואָס האָבן שוין אַראָפּגעוואַשן פון די פנימער דעם שווערן טאָג אַרבעט.

ווען צילקע טראָגט זיך אַרויס פון געצעלט, פילט סיאָמקע, ווי עס וואָלטן זיך פאַר אים צעעפנט פאַרהאַנגען: מרים זעט איצט אויס פאַר אים אַנדערש: דאָס, וואָס ער רעדט פאַר איר, האָט גאָר אַן אַנדער קלאַנג און פאַרב, זיין שווייגן ווערט באַגלייט מיט אַ זיפצנדיקן האַרפּע־ברום.

סיאָמקע זיצט אויף אַ צעבראָכן קעסטל ביי מרימס בעטל און דריקט־אויס פאַר איר זיין פרייד, אַז די אַרבעט ביי די זומפּן גייט שוין באַלד צום סוף; עס איז נאָך פאַרבליבן ווייניקע שטחים צו פאַרפּלאַנצן, דערנאָך וועט יעדער איינער זיך צעפאָרן אויף זיין אָרט אין קיבוץ. עס ווערט אים באַצייטנס באַנג אין האַרצן, ער האָט אַ שטאַרקן ווילן זיך נאָכאַמאָל צו טרעפן מיט מרימען. — צי מרים האָט אויך דעם זעלבן באַגער?

מרים זיצט אָנגעלענט אויפן בעטל און רייכערט צעטראָגן אירע ציגאַרעטלעך. די אויגן קוקן־אַוועק צעשטרייט אין מרחקים. דער קאָפּ פלאַקסענע האָר פון סיאָמקען וועקן ביי איר האַרבע אומקלאָרע געפילן. זי פילט אין הויך־געוויקסיקן סיאָמקען אַזאַ פאַרבאָרגענעם צער, וואָס דערגייט אין די העכסטע אָקטאַוועס דווקא ביי זיין פיינפולן שווייגן.

מרים האָט אים שוין אַ סאַך מאָל געוואָלט פרעגן מכוח דעם. זי האָט אים אויך געוואָלט פרעגן, פאַרוואָס ער קומט נישט אַמאָל אַריין מיט זיין חבר. אָט, זאָגט דאָך סיאָמקע, אַז מען האַלט שוין ביים סוף פון דער אַרבעט, און זי האָט נאָך מיט דעם „חבר" צומאָל נישט אַרויסגערעדט אַ וואָרט. אַז מרים איז אַריינגעטאָן מיט אַלע אירע מיידלשע חושים אַרום דעם איינגעשפּאַרטן „חבר" מיט די גרויסע אויפגעפּראַלטע אויגן; אויגן, וואָס זענען מסוגל צו פאַרכישופן, אָט דאָס האָט זי, נאַטירלעך, פאַרסיאָמקען נישט דערציילט.

אַוודאי האָט שוין סיאָמקע פון איר אַ סאַך מאָל געהערט דערמאָנען מיכאלס נאָמען. נאָר גיי דערצייל איר, אַז צווישן אים מיט מיכאלן איז עפּעס לעצטנס אַדורך אַ שוואַרצע קאַץ. פאַר אים איז גאָר קיין סוד נישט, אַז די סיבה איז:

מרים. זינט סיאַמקע האָט אָנגעהויבן אַריינקומען צו די מיידלעך, האָט מיכאל צו ביסלעך פונאַנדערגעריסן די פעדים פון זייער פריינטשאַפט. לפּנים זענען זיי גאַנץ גוטע פריינט, אָבער שוין נישט די אייגענע, ווי פריער.

סיאַמקע און מרים האָבן איינער פון אַנדערן נישט געוווּסט די געדאַנקען, הגם זיי זענען געזעסן נאָענט פּנים־אל־פּנים.ביידע האָבן אַנדערש געקלערט פון מיכאלן. פאַר מרימען איז יענער חבר געווען אַ פאַרמאַכטע קאַרט.

איינמאָל נאָך דער אַרבעט האָט סיאַמקע, ווי דער שטייגער, געשפּאַנט צו די מיידלעך. אויפן וועג האָט ער געטראַכט, אַז ער איז געשטראָפט געוואָרן מיט דער זעלבער צרה, וואָס מיכאל. סיאַמקע פלעגט תמיד איראָניזירן, וואָס יענער בריהולט זיך מיט זיין שטאָטישער פריינדין. ער איז איצט נישט בעסער פאַר מיכאלן. ער קען נישט באַהערשן דעם ווילן זיך צו זען מיט מרימען.

ביים געצעלט האָט ער געטראָפן אַרויסגיין צילקען.

— וווהין אַנטלויפט איר, צילקע? — האָט סיאַמקע זי פאַרהאַלטן — קומט אַריין, עס וועט זיין היימלעכער.

— וואָס עפּעס? — האָט צילקע אויסגעשטעלט אויף אים די בולטע אויגן — ס'איז אייך ווייניק היימלעך?

— מיט צילקען אין דער חברותא וועט זיין נאָך היימישער.

צילקעס אויגן זענען נאָך בולטער געוואָרן. זיי האָבן ממש אַרויסגעלאָכט פונעם פולן אָפּגעברענטן פּנים. זי האָט דערפילט דעם ליגן פון סיאַמקען: — גוט איך קום באַלד אַריין — האָט זי אים צוגעוואָרפן און גיך אַוועקגעגעזעגנט פון געצעלט.

מעגלעך, אַז צילקעס אַנטלויפן האָט ביי סיאַמקען אַרויסגערופן אַ פיינ־לעכע שטימונג. ווען ער איז אַריינגעקומען אין געצעלט האָט ער געטראָפן מרימען שווייגנדיק, צעשטרייט נאָך מער ווי אַלעמאָל. דאָס האָט שוין ביי אים אינגאַנצן אַוועקגענומען דאָס לשון. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, ווי תמיד, אויפן צעבראָ־כענעם קעסטל און אויסגעשוויגן זיינע פיינלעכע מחשבות.

מרימען האָט אַרומגענומען אַ מיטלייד צום הויכן צעשויבערטן סיאַמקע: אין פלוג איז ער דאָך אַזאַ צעוואַקסענער יונג מיט אַזוי פיל כּוחות, אָבער לעבן איר זעט ער אויס אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד. —

אין מרימען איז געוואַקסן אַן אומרו: דער בריוו, וואָס זי האָט אַנומלט דערהאַלטן פון בן־נפתלין, האָט ביי איר אַרויסגערופן פאַרגעסענע איבערלעבונ־גען. זי וויל נישט געדענקען, און מחמת דעם, איז זי דאָך אַנטלאָפן פון דאָרף. די ווערטער, וואָס בן־נפתלי האָט איר געשריבן, לאָזן זי נישט צורה, שווימען צ'עמאָל אַרויס אין די געדאַנקען: „די אַרבעט האָט דאָ אַ זין, ווען מען גע־

פינט אין איר פרייד. אומעט, שוועסטער, וויקלט מיך אַרום, ווייל מרים איז נישטאָ".

אין דעם פּלאָנטער פון געפילן, וואָס האָט געפייניקט מרימען, האָט נאָך סיאַמקעס דריקנדיקער צער צוגעגעבן וואָג אין איר געמיט.

סיאָמקע האָט עס גריילעך געפילט. ער האָט שוין געהאַט חרטה מיט זיין קומען אַהער; אָבער מרימס קול צווינגט אים ווייטער צו זיצן אויפן אָרט. זי פרעגט אים מיט אָנגעצונדענעם טרויער אין די אויגן, פאַרוואָס רעדט ער גאָר נישט, וואָס דריקט אים אויפן האַרצן?

סיאָמקעס וואַסערדיקע בלויע אויגן שמייכלען: זי מיינט אַוודאי — אָט, אַ בחור, וועט אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר אַ מיידל... פון ברוסט האָט זיך אים אַרויסגעריסן אַ ברום. ער האָט געלאָזט הערן פאַר מרימען, אַז וועגן זיך האָט ער גאַרנישט צו דערציילן. יעדנפאַלס איז אים שווער צו רעדן וועגן זיך; ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן פון זיין שטאָם. אַרום זיך האָט ער שוין קיינעם נישט. —

סיאָמקעס אויגן האָבן זיך פאַרטראַכט, די העל־בלאָנדע זאַנגען־ברעמען האָבן ווי שטעכיק געדראַט: — חברטע, — האָט זיך געלאָזט הערן זיין טיפע ברוסט־שטימע — ווי אַזוי קען מען מוחל זיין? איך בין נאָך דעמאָלט אַ יינגל געווען; אָבער איך האָב שוין דאַן געפילט דעם ברי פון אירע פייערדיקע אויגן. דאָס מיידל שטייט מיר איצט פאַר די אויגן. זי איז אונדזערע אַ שכנה געווען — האָבן זיי איר אויך דערענדיקט, די רוצחים — ניין... האָט זיין צער זיך גע־שטיקט — אירע אויגן, חברטע, מאַנען אַן ענטפער!

מרים האָט זיך איינגעהערט צו די אָפּגעריסענע ווערטער, וואָס האָבן גע־שלאָגן מיט ווייטיק פון סיאָמקעס ברוסט. אירע אייגענע שטימונגען זעען־אויס אַזוי טפל קעגן סיאָמקעס פאַסירונג.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און שווייגנדיק אַרויס פון געצעלט.

אין דרויסן איז דער פאַרנאַכט געווען מילד, דורכזיכטיק. דער ווינט, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געפּאַטשט אויף הייסע פּלייצעס ביי דער אַרבעט, איז נעלם געוואָרן אין אַלדי לעכער. סיאָמקע זעט איצט אַלעמען מער אויפגעלייגטער ווי תמיד. דעם כלל גייט ווייניק אָן דער צער פון יחיד. עס דאַרף נאָר עמיץ אַ פיפס־טאָן, אַ זינג־טאָן — פאַרפלעכטן זיך הענט אויף אַקסלען און פיס קלאַפּן אויס אַ טאַנץ.

סיאָמקע האָט זיך אַריינגעגלידערט אין אַ קרענצל יונגען, פאַרלייגט די הענט אויף חברישע אַקסלען און אָנגעהויבן אויסוויגן אַ פאַרדבקהט־נאָגנדיקן זמר:

למה, למה, למה,
למה עזבתנו — —

קניען בייגן זיך איינע אין דער צווייטער, פון אָנהייב פּאַמעלעך, קוים וואָס

די זוילן באַרירן די ערד. באַלד ווערט סיאַמקעס צער פאַרשלונגען אין צעוואַק־סענעם ראָד פון אימפעטיקע טענצער. איין ניגון ווערט אַריינגעפּלאָכטן אין צווייטן; קעפּ מיט צעוואָרפענע שויבערס פאַרוואַרפן זיך אין אַ זייט:

יה חי לי, לי,

עמלי לי,

עמלי...

דער צעוואַקסענער קראַנץ מיט צעשיכורטע יונגען הייבן־אָן האַסטיקער, שנעלער זיך צו דרייען. פון קיך לויפט־אַרויס אַ ציטאַכמערטע נחמה, און מיט פאַרקאַשערטע הענט פליט זי אַריין, ווי אַ פייער אין טאַנצנדיקן ראָד; פון דער צווייטער זייט שפּרינגט־אַריין צילקע — און עס דרייט זיך שוין מיט זיי די ערד: דאָס געזאַנג כריפּעט אין הייסע מיילער און פיס קלאַפּן אין האַרטער ערד:

מי שיש לו, מי שאין לו, למי שיש לו — טאַפּט אַ וואַנט...

די קאַרוזעלע דרייט זיך ווילד מיט שגעון, און בריסט וואַרפן זיך אין צע־גליטן אָטעם.

ווער קען דאָס איינזיצן רואיק אין די געצעלטן? —

מרים האָט זיך באַוויזן אין דרויסן אין די שוואַרצע שאַראַוואַרן מיט נאַקעט־ברוינע פיס. זי האָט געקוקט מיט נייגעריקע אויגן צום טאַנצנדיקן ראָד.

דער באַיאָרטער שפּיגל איז אויך נישט גלייכגילטיק צו דער טאַנצנדיקער חברה. פייערלעך האָבן זיך צעשפּילט אין זיינע פאַרטרויערטע אויגן. ער שטייט מיט דער בראָשורע אין האַנט און שאָקלט־צו צום טאַקט פון טראַגנדיקן אימ־פּעט: — אָט אַזוי, חברה, ווייזט, וואָס איר קענט!

עס האָט דאָך געמוזט אַ סוף־נעמען צום טאַנץ. דאָס קרענצל איז ענדלעך צעפאַלן ווי אַן אויסגעברענטער סטויג היי.

צילקע איז אַ ציטאַכמערטע אַרויפגעפאַלן אויף מרימען. זי האָט געפלאַמט מיט העליש פייער: — אַך... — האָט זי מרימען האַסטיק אַ דריי־געטאָן — האָב איך איצט, הערסטו, אַריינגעכאַפּט אַ „האָרא״...

— טפשה, זע נאָר די גדולה מיט איר! — איז מרים ווייניק נתפּעל געוואָרן פון צילקען.

און דאָך — האָט שוין מרים נישט אָפּגעלאָזט די צעטראָגענע צילקע. גע־אָרעמט איינע אין דער צווייטער האָבן זיי שפּאַצירט אַרום די געצעלטן. יונגען זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָבן געשמעקט מיט אָונט־רו, מיט זויבערקייט.

יאָ, פונקט ווי אין יעדן קיבוץ זעט זי, מרים, נייע פּנימער, טראָגן אין זיך פאַרבאָרגענישן — וועמען זיך אָוועקצושענקען. אָבער יעדער איינער איז באַלאָדן מיטן איינציקן באַגער: אַרבעט, אַריינצוגעבן כוח אין דער ערד.

מרים האָט געקלערט, אַז דאָס גליק פון מענטשן האָט דעמאָלט אַ חשיבות,

ווען מ׳קען זיך עמעצן אָוועקשענקען. דער וועג צום „עמעצן" איז אַ וויטער — נישט צו דערגרייכן!

מיכאל איז פאַר זיי פאַרבייגעגאַנגען. נישט־ווילנדיק האָבן זיי זיך אין אים אָנגעשטויסן. מרים האָט באַקומען דרייסטקייט. די געלעגנהייט האָט געשטויסן צו ווערטער:

— סליחה — האָט זי מיט געמאַכטן כוח אים אָפּגעשטעלט — אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָב איך דעם חבר ערגעץ געזען. — מרימס ברוין פּנים האָט אַ לייכט־געטאָן, און אינעווייניק האָט זיך שוין געלאָשן אַ חרטה.

מיכאל איז איבערראַשט פון דער באַגעגעניש. צילקעס אָפּגעקילטער שווייס שלאָגט אים אין פּנים. אַ פּאָר רגעס איז ער ווי צעטומלט געווען: זע נאָר, ווי ער קען קיין צוויי נישט ציילן?

— ניין, אָפּנים, אַז נישט...

— איז דער חבר געווען אין תל־יוסף? — איז מרים געבליבן שטיין אָנ־געלענט אָן צילקען, אַזוי פאַרלאָרן.

מיכאל האָט אַ גלי־געטאָן די אויגן אויף איר פּנים. אירע גרויסע שוואַרצלעך זענען אין די ווינקלען פאַרלאָפן, ווי אַ הייס ווינטל וואָלט אַ ווייע געטאָן אויף זיי.

— ניין — האָט ער אַ שמייכל־געטאָן און געשאָקלט מיטן קאָפּ — איך בין נישט געווען.

מיכאלן האָט אָנגעכאַפּט אַ מאָדנער פאַרדרוס אויף זיך אַליין. ער האָט אָנגעהויבן פאַרגיכערן די טריט, נישט וויסנדיק בכלל, וואָס עס יאָגט אים; ווען ער שעמט זיך נישט פאַר חברה, וואָלט ער ממש גענומען לויפן אַרונטער מיטן באַרג.

איז אים אַנטקעגנגעקומען שפּיגל אַ צעשטראַלטער מיט אַן אויפגעעפנטער בראָשורע פאַרן פּנים:

— איי, איי, איי... ס׳אַ גוט וואָרט... איך זאָג דיר: פּערל, אַ גאָלדענער געדאַנק... — שפּיגלס פּנים האָט געשיינט פאַר התפעלות.

— די ווערטער זענען גוט — האָט מיכאל אים אָפּגעקלאַפּט — אָבער די מענטשן זענען שלעכט! דאָס ווייסט איר, חבר שפּיגל?

— ששש... — האָט שפּיגל צוגעלייגט צוויי פינגער צו די גראָבע ליפּן, ווי איינצורוימען אַ סוד — די מענטשן זענען גאָרנישט אַזוי שלעכט, מ׳דאַרף זיי נאָר קענען געפינען. עלעהיי אַ האָן שאַרט אויך צונויף מיט די פיסלעך דאָס מיסט, ביז ער געפינט אַ גוט קערנדל.

— גערעכט, אַלץ איז מיסט. די קערנדלעך זענען אויך מיסט! — האָט אים מיכאל אַריינגעשריגן אין די בלויע פאַרוואָקסענע אויערן.

— עט... האָט שפּיגל אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט — ווייס־איך־וואָס?

ניהיליזם... מאַ... מיר היסטאָרישע מאַטעריאַליסטן האָבן אַן אַנדער קוק אויפן לעבן.

שפּיגל האָט ווידער איינגעגראָבן זיינע דורשטיק־טרויעריקע אויגן אין דער בראָשורע און געשפּאַצירט אַרום די געצעלטן. ער האָט געשיינט מיט אַ זיל־בער־נעם שטויב אויף דער נישט־אויסגעראַזירטער באָרד.

מרימען האָט געשטיקט אַן אומפאַרשטענדלעכער כעס, אַ רשעות האָט אין איר געבושעוועט: — זאָל ער נאָכאַמאָל קומען פאַר אירע אויגן... אַזאַ אידיאָט... פאַר באַליידיקונג האָט איר דאָס פּנים געפלאַמט. זי האָט ממש אַרויסגעגליטשט די האַנט פון צילקעס אָרעם און געבליבן הענגען אין אַזאַ פייג־לעכער ליידיקייט, אָפּגעשיידט פון מענטשנס גוף. זי האָט אָבער נישט געוואָלט אַרויסווייזן פאַר צילקען די שנאה, וואָס זי טראָגט צו דער וועלט — האָט זי זיך צעלאַכט מיט אַ קלינגענדיק געלעכטער. זי האָט זיך נישט געקענט שענקען, און ווידער אַרויסגעלאַכט. מיט געמאַכטן ליאָרעם האָט זי געוואָלט דערשטיקן איר איינעווייניקסטע קרענקונג.

— וועגן וואָס לאַכסטו, קינד? — האָט איר צילקע געוואָלט איינשטילן.

— עס האָט זיך מיר דערמאָנט דער אויפזעער — ווי רופן זיי אים, „כאַ־וואַדזשאַ מוסאַ“? ער זאָגט, איך בין מער בריה פאַר זיינע טעכטער; יענע ווילן נישט נעמען קיין אַרבעטס־כלי אין האַנט.

— גיי שוין, גיי. ס'איז דאָ פון בילכערע זאַכן צו טראַכטן. ס'געהערט אַ געשיכטע?

דער טאָג איז שוין אינגאַנצן פאַרדרייט געווען הינטער די בערג. די נאַכט האָט אָנגעהויבן קאָלטלעך זיך צו שפּרייטן אויף אויסגעלאָשענער ערד. די אָרעם־באַלויכטענע געצעלטן פאַרוואַנדלען זיך אין הימלעכע אכסניהס, נעמען אין זיך אַריין די מידע יונגען אונטער פאַרשפּיצטע שירם־דעכער.

ווען מיכאל איז אַריינגעקומען צו זיך אין געצעלט האָט ער געטראָפן סיאָמ־קען רימפּלען אויף דער מויל־גאַרמאָשקע. ער האָט געדאַנקט די געלעגנהייט, וואָס סיאָמקע איז פאַרטאָן מיטן שפּילן. מיכאל האָט זיך אַ לייג־געטאָן אויפן בעטל און אָנגעהויבן פילן די מידקייט פון קערפּער; מעגלעך, אַז דאָס דענער־ווירן זיך בעת דער באַגעגעניש מיט די מיידלעך האָט אים נאָך צוגעשווערט צום טאָג אַרבעט. ביסלעכווייז האָט ער זיך באַרואיקט, גענומען נאָכטראַכטן, וואָס מיט אים איז געשען? — ער איז פאַקטיש גראָב געווען צו דער חברטע. מעגלעך, אַז זי האָט אים געזען אין תל־יוסף? — ער איז דאָך געווען דאָרט אַ שטיקל צייט. — אָבער וואָס איז ער פלוצים געוואָרן אַזאַ אכזר? שוין־זשע פאַרמאָגט ער נישט קיין טראָפּן העפלעכקייט?

מיכאל פילט, אַז זיינע טאָונגען ווערן בלינד געשטויסן דורך זיינע פאַר־

באַרגענע מחשבות. דאָס מענטשלעכע האַרץ איז פאַרשטעלט אונטער זיבן ווענט — לאָזט דאָרט נישט אַריינדרינגען דעם חברס אויג. — ער וואָלט געזאָגט סיאָמקען, אַז זיין אומטאַקטישע האַנדלונג צו דער חברטע — איז אים צו פאַרדאַנקען. יאָ, ער קען זיך נישט אָפּגעבן אַ קלאָרן חשבון, פאַרוואָס עס אַרט אים סיאָמקעס וויזיטן ביי די מיידלעך — ער איז דאָך בסך־הכל יענער חברטע מיט די ברוינע טרויער־אָנגעגאָסענע אויגן נישט קיין שונא...

סיאָמקע זעגט אויף דער גאַרמאָשקע און עס צינדן זיך אין געצעלט קאָלירטע פייערלעך. עס דוכט זיך, ווי עס וואָלטן זיך צעיאָגט איבער שנייאיקע סטעפּעס ווילדע „טראָיקעס״, איבערלאָזנדיק אַן עכאָ פון אַ וויַטן גלעקל־כאָר.

יאָ, וועגן דעם אַלעמען, וואָס מיכאל טראַכט איצט, וועט ער, נאַטירלעך, סיאָמקען נישט דערציילן, פּונקט ווי ער מיידט־אויס בכלל צו זיין מיט אים אינטים לעצטנס. עפּעס יעדע טאַט פון סיאָמקען האָט ער אויפגענומען מיט חשד. אַפילו דאָס איצטיקע ליידנשאַפטלעכע גאַרמאָשקע־שפּיל זעט מיכאל ווי אַ המשך פון פאַרנאַכטיקן האָרא־טאַנץ.

סיאָמקע פליט מיט די ליפּן איבער דער גאַרמאָשקע און וועבט־אויס לאַנג־פאַרגעסענע ניגונים. ער איז מיט אַלע חושים איצט אין אוקראַינע, וואָס איז איינגעדעקט אין דעם ווינטער־חודש אין טיפע שנייען. די דערמאָנונג פון זייער שכנה און פון זיינע אייגענע, צעוואַקסט אין אים אַ טיפן ווייטיק; ער זוכט אַ תיקון פאַר זיין אַנטפּלעקטער איינזאַמקייט. מרימס אָנגעצונדענער טרויער אין די אויגן איז אים נאָענט צום האַרצן, גיט אים אַ באַשייד פאַר זיין אייביקן צער.

דאָס שפּילן טראָגט זיך אַזוי דייטלעך אין דעם רויקן אָוונט, ווו ווינט האָט איצט נישט קיין שליטה. גאַרמאָשקע־טענער לויפן איבער אָרעם־באַלויכטענע געצעלטן, דעריאָגן דעם מיידלשן געצעלט, ווו די לופט איז איצט געמינעוועט. צילקע קען מיט מרימען אַ וואָרט נישט אַרויסרעדן. זי האָט זיך אויסגעזוכט אַ באַשעפטיקונג; לייגט אַ לאַטע אויף איר אַרבעטס־בלוזע. די שלייפן פּיקן אומגעדולדיק. זי וויל שוין אַריינלויפן אין דער טומלדיקער קיך. פון דאָרט טראָגט זיך איצט אַ געקלאַנג פון גאָפּל־לעפל; חברה שפּילן־אויס אַ זמר ערב דעם עסן. דער אומגעדולד פלאָנטערט זיך צילקען צווישן די פינגער.

מרים קאַמט זיך די קרויזלען האָר; קאַמט שטיל, פאַרביסן. אירע אויגן קוקן־אַוועק אין אַ צעשפּרייטן חלל. זי וויל פאַרגלעטן דעם אומעט, וואָס יערט אין האַרצן.

צילקע איז אַרויסגעלאָפן פון געצעלט, מיטרופנדיק מרימען צום עסן. — מרים וועט באַלד קומען. וואָס איז די איילעניש? זי הערט דאָך רעדן אין שכנות־דיקן געצעלט — וואָס ברענט עס אַזוי מיטן עסן?

אין שכנותדיקן געצעלט זיצט דער יעקע ביי אַ הילצערנעם קעסטל און באַ־

שרייבט אויף גרויסע פּאַפּירן פאַר זיין „ליעבעס פּראָוכען” וועגן די פּרימיטיווע אורשפּרינגלעכע געוווינהייטן פון די אַראַבישע ווענזס. דאָס חלבנע ליכטל גיסט אַ ברודיקן שיין אויף די ברעזענטענע ווענט, און צעדרייטע שאָטנס שווינדלען ביי יעדן ריר. דער יעקע קראַצט זיך מיט די פינגער אין שפּיץ געקרייזלטן קאָפּ, ווו עס בלייבט זיך אַרויס אַ ליסענע: צום טייוול, ער זוכט עפּעס אַ פּאַסיק וואָרט, וואָס ליגט אים אויפן געדאַנק. איבער אים, אויפן ברעזענטענעם שפּוע, לויערט אַ פאַרקריפּלט פאַרזעעניש, אַ פינצטערער מאַלפּע־שאָטן גרייט אַרויפצושפּרינגען אים אויפן רוקן.

ביים צווייטן בעטל זיצט, ביי אַן אויפגעעפנטן טשעמאָדאַן, זיין שכן רעכט־מאַן, פאָרעט זיך אין זיין צונויפגעפּרעסטן אויסשטייער, וואָס ליגט דאָרט פאַר־קוועטשט, ווי געטריקנטע פיש.

— נישקשה, די פּאָר הויזן וועל איך נאָך קענען טראָגן אין די וואָכן־טעג. — רעכטמאַן באַטראַכט עס מיט צערטלעכקייט, אפשר צום הונדערטסטן מאָל אין דער האַנט. ער שאַרט־אַראָפּ מיט ליבשאַפט יעדעס פעדערל פון שטאָף.

דער יעקע פאַרפאָרט אים אינמיטן מיט אַ פראַגע:

— ווי נענט מאַן דאָס, חבר, די שנירע, וועלכע די פעלאַכען אויף דען קעפּפען טראַגען?

— האַ? — איז רעכטמאַן מפסיק זיין אַרבעט מיט אַן אויפגעריסן ווינקלדיק מויל — גייען זי מאָל צום „פּראַגער בודניק”, וועט ער ענק ענטפערן; וואָס האָקט ער מיר אַ טשייניק, דער יעקלמאַן? — און שלעפּט ווידער אַרויס פון טשעמאָ־דאַן אַ געשטרייפט־אויסגעפּרעסט העמד.

דער יעקע קראַצט אַנגעברוגזט מיט דער פּען אויפן פּאַפּיר, און צעקריפּלטע שאָטנס קראַמפּן זיך אויף די ברודיקע ווענט.

מרים האָט זיך נאָך נישט אַרויסגעקליבן פון געצעלט. די שטילקייט האָט אַראָפּגעפּויזעט פון די ווענט און זיך געקלעמט אַרום איר: אָט־באַלד וועט פון איר גאָרנישט ווערן. זי זעט זיך אָפּגענאַרט. פיינלעך באַליידיקט. באַלד לייכט־אויף ביי איר אַן אינעווייניקסטע דערהויבונג. זי איז אַלעמען מוחל. יאָ, זי וועט אים זאָגן, דעם חבר; זי פאַרמאָגט איצט אַ גוטסקייט פאַר אַלעמען. זי איז אים מוחל, זי איז מוחל — —

די אנגעצויגענע שטריק פון געצעלט האָבן אַ ציטער־געטאָן. ביי מרימען האָט עפּעס אַ קלונג־געטאָן אין האַרצן.

פוסבענקל האָט זיך אַרומגעיאָדעט מיט נחמהן אין דרויסן. זי האָט זיך געווערט קעגן אים, ווי קעגן אַן אַנטראַגנדיקער ים־כוואַליע. די בלוטן האָבן אים אַ פּלייץ־געטאָן אין די אָדערן. ער האָט איר דערכאַפּט ביים געצעלט פון די מיידלעך.

— דו גייסט נישט אַוועק... — האָט נחמה זיך געשטיקט מיט די ווערטער
— איך וועל מאַכן אַ געוואַלד...

פּוסבענקלען האָט אַ שלאַג־געטאָן אַ וואַרעמער קנויל אין ברוסט, ווי אַ מאַגנעט האָט ער פאַרשלונגען נחמהן אין זיינע שטאַרקע אָרעמס.

— ימח שמך... — האָט זי זיך געריסן ווי פון צוואַנגען. זיין שטעכיקע גאָמבע האָט געגליט, מיטגעריסן שיער אירע ציינער. זי האָט זיך נאָכגעגעבן אַ פאַרשיכורטע אין אַ פיינלעכער וואַרעמקייט.

פון הינטער די ברעזענטענע ווענט האָט מרים זיך איינגעהערט צו דער האַמפּעריי אין דרויסן. עס האָט איר געמאַטערט און דענערווירט אַן אומקלאָרער עקל. ס'האַרץ האָט געכוואַליעט שנעל, שנעל.

נחמה האָט זיך אַוועקגעריסן פון פּוסבענקלען. זי איז שיער נישט געפאַלן צווישן די אָנגעצויגענע געצעלט־שטריק. זי איז געלאָפן אַ צעפּלאָמטע, און אינע־ווייניק ביי איר: ווי עס וואָלטן זיך געשליידערט פאַר שרעק און בושה עטלעכע הערצער.

— וואָס איסט פּאַסירט, הע?... — האָט זיך דער יעקע אַרויסגעקאָלערט פון געצעלט, איבעררייסנדיק אינמיטן זיין שרייבעכץ. ער האָט געמרוגעט די אויגן אין דער פינצטערניש, ווי מען וואָלט אים אויפגעריסן פון שלאָף.

פּוסבענקל איז ברייטלעך זיך געשטאַנען, אַרויסגעשטעלט די צעפּלאָמטע ברוסט. די הענט פאַרשטעקט אין די הויזנקעשענעס, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

— זעען זי, חבר קעלער; איך האָב זיך נאָכגעיאָגט נאָך אַ שאַקאַל. צום טייוול, ער איז מיר צווישן די פיס דורכגעלאָפן.

— יאָ, יאָ, די געמיינען קערלע. זי שטעהלען זיך אין די צעלטע אונד פרעסן אַלעס וועג. פאַריגע נאַכט האָט...

מרים האָט זיך אַרויסגעקליבן פון געצעלט, פאַרנעמענדיק זיך צו דער קיך. זי האָט, אַפּנים, געשטערט זיינע רייד — האָט ער, אין פאַרלעגנהייט, אַ שנייץ־געטאָן די נאָז מיט אַ קוויטש אין דער נאַכט־אַריין.

— חבר קעלער, איר האָט שוין געגעסן? — פאַרפאַרט אים פּוסבענקל אינמיטן.

— ניין, ניין, — ווישט ער זיך מיט אַ פאַטשיילע די נאָז — איך האָב נאָך אייניקע ווערטער הינצופיגען.

פּוסבענקל גייט־נאָך מרימען אַ שוויגנדיקער. ער גיט נישט אַרויס פון מויל אַ פּיפּס. ער האָט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף גומענע פיס. מרים שוויגט פיינלעך שווער, און פּוסבענקל שלעפּט זיך נאָך איר אין דער ריכטונג צו דער באַלויכטענער קיך.

7.

אין מיכאלן האָט געצייטיקט אַ ווילן זיך ווידער צו דערנענטערן צו סיאָמקען. זיצן אין איין געצעלט און זיין אָפּגעטיילט מיט אַן אָנגעצויגענער מחיצה — האָט ער געהאַלטן פֿאַר נישט־דערטרעגלעך. אייביק וועלן זיי דאָך נישט שטעקן אין די זומפּיקע שטחים. אָט פֿאָרן זיי דאָך צוריק אין דאָרף־אַריין און צו וואָס זיך פֿאַרוואַנדלען אין געמאַכטע „שונאים״?

בפרט דער ענין „מרים״, וואָס האָט נישט־ווילנדיק געווירקט צו זייער דער־ווייטערונג, האָט שוין אויך ביי מיכאלן באַקומען אַן אַנדער באַדייט.

פֿון יענער ערשטער באַגעגעניש ביי די געצעלטן, האָט מיכאלן געפּייניקט אַ חרטה. אין די געדאַנקען איז ער געגרייט געווען זיך צו אַנטשולדיקן פֿאַר מרימען. ער וועט איר זאָגן: אָט כ׳ווייס? מען באַגייט אָמאָל נאַרישקייטן. דער מענטש איז נישט תמיד אויף דער געהעריקער מדרגה פֿון מאָראַלישער הויכקייט. ער האָט לגבי איר געזינדיקט. אָבער ער האָט דאָס מרימען קיינמאָל נישט געזאָגט. און ווען נישט דער צופֿאַל, וואָס מרים האָט זיך איינמאָל באַוויזן פֿאַר זיין געצעלט, געפּרעגט זיך,כלומרשט, אויף סיאָמקען, וואָלט ער ווייטער אויסגעמיטן זיך צו טרעפֿן מיט איר. דאָס איז געווען, ווען מרים איז איינמאָל, אַ פֿאַרנאַכט, צוגעקומען צום געצעלט, אַריינגערעדט דורך די פֿלאַכטעס, אַז זי באַדאַרף סיאָמקען עפּעס פֿרעגן; איז איר מיכאל אַנטקעגנגעקומען און מיט איבערגעטריבענער העפֿלעכ־קייט איר פֿאַרבעטן אינעווייניק־אַריין. עס האָט אים דורכגעבליצט אַ פֿאַרדאַכט, אַז „סיאָמקע״ איז בלויז אַ תירוץ. האָט זיך מרים אַריינגעקליבן אין געצעלט און געבליבן שטיין אין אַ פֿאַרלעגנהייט. דער באַיאָרטער שפּיגל, וועלכער איז געזעסן אַריינגעגראָבן אין דער צייטונג, איז ווי אויפֿגעלעבט געוואָרן: — אַך, אַ גאַסט — האָט ער אויסגערופֿן מיט אַ בלעכן שטימעלע — ווּעמען מיר זעען דאָ?

מיכאל האָט איר פֿאַרבעטן זיצן, אָבער זיך גלייך געכאַפּט, אַז ס׳איז נישטאָ צומאָל, אויף וואָס זיך צו זעצן. האָט זיך מרים אַוועקגעזעצט אויף אַ ברעג פֿון סיאָמקעס בעטל און גלייך אָנגעהויבן רעדן, ווי צו פֿאַרדעקן איר צעטומלטקייט. זי האָט געוואָלט גרינטלעך וויסן פֿון די חברים, וויפֿל וואָכן די אַרבעט קען דאָ ביי די זומפּן נאָך אָנגיין. סיאָמקע האָט איר אַנומלטן געזאָגט, אַז וואַרשיינלעך האָט מען בדעה צו באַאַרבעטן די שטחים פֿון יענער זייט זומפּ. אויב דאָס פּלאַנצן ווערט שוין פֿאַרענדיקט, ווייל זי נאָך די וואָך צוריקפֿאָרן אין קיבוץ־אַריין, ווייל עס שטייט איר פֿאָר זיך איינצואָרדענען ביי אַ גרעסערער אַרבעט. מ׳האָט דאָס איר צווויסן־געגעבן אין אַ בריוו. אָט וועגן דעם אַלעמען האָט זי געוואָלט זיך דורכרעדן מיט סיאָמקען — און פֿאַרוואָס־זשע טאָקע זעט מען אים נישט די לעצטע טעג?

ווען מרים האָט געלאָזט הערן אירע רייד, האָט זי געהאַלטן אַרונטערגעלאָזט די אויגן צו די קניען, נישט געוואָלט זיך אַנטרעפן מיט מיכאלס בליקן, וואָס האָבן אַריינגעגליט אין זיך איר בענקשאַפט און אויסבאַהאַלטענעם פיין.

וואָס שייך דער אַרבעט און מכוח סיאַמקען, האָט שפיגל איר פריינטלעך אינפאָרמירט, אַז סיאַמקע איז מחמת דעם שוין צוויי טעג אין דער אַרבעטס־צענטראַלע. די אַרבעט האָט שוין באַדאַרפט פאַרענדיקט ווערן, אָבער נאָך אַ טייל שטחים מוז מען פאַרפלאַנצן. סיאַמקע — גלייבט שפיגל — האָט נאָך היינט באַ־דאַרפט קומען. מעגלעך מאָרגן פרי וועט ער אָנקומען אין דער מחנה. שפיגל האָט געהאַט אַ חשק, וואָס מער זיך אויסצוטענהן, אַרויסוויזן בקיאות אַרום דער אַרבעט, אָבער מרימען האָט דער דרויסן געצויגן, און זי האָט שטומערהייט מיט־געבעטן מיכאלן.

מיכאל האָט איר אַרויסבאַגלייט פון געצעלט און נישט־ווילנדיק איז ער שוין מיטגעגאַנגען אַ שטיקל וועג. ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף איר אָפּצאָלן אַ חוב. קעגן יעדן איינעם זעט ער זיך לעצטנס, ווי אַ בעל־חטאים.

מרים גייט איצט מיט מיכאלן דעם ערשטן מאָל, זינט זי איז אין דער מחנה און זי פילט, אַז מיכאל איז איר נישט קיין פרעמדער. ווי זי וואָלט אים שוין געקענט אַ סאַך יאָרן. די גרויסע ביר־אויגן צעלייכטן זיך נאָך מער אין פּנים, אַפילו די קרייזלען האָר באַקומען מער גלאַנץ און הוידען זיך, דורכן ווינטל, מיט פרייד איבערן געפורעמטן שטערן. מרימען דוכט זיך איצט: ווען מען פרעגט איר, צוליב וואָס זי איז אָקאָרשט געקומען אין געצעלט, וועט זי נישט לייקענען: צוליב מיכאלן. זי גאַרט אַלעמאָל אים צו זען. אין אירע בלוטן רוישט תמיד אַ בענקשאַפט צו אים.

מיכאל האָט איר באַגלייט אויפן וועג, און גאָרנישט באַמערקט, אַז זי האָט זיך מיט אים גאָר פאַרקערעוועט צום באַרג. ער האָט מיט איר גערעדט דווקא וועגן סיאַמקען, אַז ער איז אַ ווילער, אָריגינעלער בחור. אַז מען איז מיט אים צוזאַמען, קען מען אין דער וועלט נישט פאַרלאָרן גיין. דער איינציקער אינטערעס אין דער מחנה, האַלט מיכאל, איז ליבע צו דער אַרבעט, און דער גלויבן אין אַ גוטן פריינט.

מרים לאָזט אַרונטער די אויגן און ענטפערט מיכאלן, אַז נישט יעדער איינער האָט דעם כוח צו באַשאַפן אַ פריינט, און אַפילו, ווען מען באַשאַפט שוין אזעלכע, שטייט צווישןביידן אַ דיקע פרעמדע וואַנט.

מיכאלס פּנים שמייכלט. די צעפראַלטע אויגן כאַפּן־אויף מרימס אויסבאַ־האַלטענעם ציטער. ער בייגט־אָן דעם קאָפּ אין איר זייט און פליסטערט שטילע רייד: יעדער יחיד קען אויסטייטשן דאָס פּראָבלעם „פריינטשאַפט“ ווי ער וויל, אָבער דאָס האַרץ פילט אַנדערש, פאַרליידט נישט קיין פירוש.

ווען ס'איז געוואָרן פינצטערלעך, האָבן זיי זיך דערנענטערט צו די גע־צעלטן. צילקע איז געשטאַנען און אומגעדולדיק אויסגעקוקט מרימען. דערזעענ־דיק מרימען מיט מיכאלן, האָט זי ממש אויסגעשריגן פאַר איבערראַשונג: — זע נאָר, ווו ביזטו אַהינגעקומען? איך האָב דיך שוין אומעטום אַרומגעזוכט!

מיכאל איז נישט אַריינגעקומען צו זיי אין געצעלט, הגם זיי האָבן אים אַריינגעבעטן אינעווייניק. צילקע האָט זיך געפּלאָנטערט און נישט געפונען די ריכטיקע ווערטער פאַר דער אויסטערלישער, ווי עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, פּאַסירונג: מסתמא — האָט זי געטראַכט — איז עפּעס אַ בער אין וואַלד גע־ניזוקט געוואָרן. וואָס עפּעס אינמיטן דערינען מיכאל מיט מרימען?

דאָס רעטעניש איז פאַר צילקען דעם אָוונט נישט אויפגעלייזט געוואָרן. מרים האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל און אויסגעשוויגן אירע מחשבות אינעם רויך פון די נערוועזע ציגאַרעטלעך: וואָס וועט זי דערציילן פאַר צילקען? מרים איז אַרומגענומען מיט אַזוי פיל אינעווייניקסטע געפילן. זי קען דאָך נישט אַנט־פּלעקן פאַר איר חברטע קיין איין וואָרט.

מרימס געדאַנקען פליען פון איינעם צום צווייטן. דאָ שטעלט זי זיך אָפּ אויף סיאַמקען מיט זיין פאַרבאָרגענעם צער אין צעוואַקסענעם גוף; דאָ, ווידער, רעגט איר מיכאל מיטן גרויען כישוף פון זיינע פאַרמאַניענדיקע אויגן. אין דעם פּלאָנטער פון געפילן רעגט איר דער בריוו, וואָס זי האָט לעצטנס דערהאַלטן פון בן־נפתלין:

בן־נפתלי וויל נישט אַנדערש, אַז מרים זאָל קומען צוריק אין דאָרף. ער האָט פאַר איר געשאַפן אַרבעט ביי די פריש־פאַרפּלאַנצטע גרינס־פּלאַנטאַציעס אין שכנותדיקן דאָרף. מרים, אַלס גוט־קוואַליפיצירטע אַרבעטערין, וועט זיך צו דעם ריכטיק טויגן. ביי די זומפן, האַלט ער, וועט פאַר מרימען נישט זיין קיין תכלית.

מרים דרינגט־אַרויס עפּעס אַנדערש: „ער מיינט נישט די הגדה, נאָר די קנידלעך". זי ליידט אים נישט! וואָס קומט איר דערפאַר? ער וויל דווקא אַרויפ־לייגן אַ האַנט אויף איר. זי וועט נישט פאָרן, און דערליידיקט! זי האָט פאַרביסן אַריינגעצויגן אין זיך דעם רויך פון ציגאַרעטל.

אין אירע צעטראָגענע געדאַנקען איז ווידער אַרויסגעשווומען מיכאל. גע־צויגן אומאויפהערלעך אין פאַרמאַניענדיקע וועלטן, און אויסגעזונגען איר אירע רווישיקע בלוטן ניגונים פון בענקשאַפט.

ווען דער וואָגן איז אַרויסגעפאָרן מיט סיאַמקען פון דאָרף איז די ערד

איינגעדעקט געווען אין בלויען ראָסיקן באַגינען. דאָס אויסגערוטע פערד און וואָגן האָט זיך געשלעפּט איבער פאַרשלאָפענע פעלדער און סטעזשקעס. סיאָמקע האָט מיטגעפירט מיט זיך אַ גאַסט. זיי זענען געזעסן אויף דעם פריש אויסגעבעטן שטרוי און איינגעאָטעמט מיט די לונגען דעם יונגעטשקן טאָג, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון ראָסיקע קוסטעס און גראָזן.

ווען די זון האָט אָנגעהויבן קלעטערן העכער איבערן הימל האָט דעם גאַסטס לעדערנע קורטקע געצונדן דעמפן מיט טוכלע ריחות פון אָנגעוואָרעמטער פעל. ער האָט גיך אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם וואָרעמען לעדער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, עס זאָל זיך נישט צעשמעלצן אין דער זון, און געבליבן זיצן אין אַ ריין־אויסגעקעכלטער בלוזע, פאַרשפּילעט ביזן האַלדז.

פון וואַנען פירט סיאָמקע דעם אויסגעפּוצטן גאַסט?

ווען סיאָמקע האָט שוין געהאַט דערליידיקט אין דאָרף אַלע ענינים אַרום די פאַרברייטערטע פּלאַנץ־אַרבעטן, אָנגעגרייט דעם פּראָוויאַנט מיט די פּעסלעך וואַסער, וואָס ער דאַרף מיטנעמען גלייך מיטן באַגינען, האָט זיך פאַר אים באַוויזן אָט דער חבר מיט די געפּאַסטע וויקל־שניר אַרום די פיס, אויסגעצאַצקעט אין אַ בלאַנקענדיקער בלוזע מיט טראַלדן ביי דער זייט. — ער האָט דעם כבוד זיך פאָרצושטעלן פאַר סיאָמקען אַלס סעקרעטאַר פון שכנותדיקן דאָרפישן אַר־בעטס־אַמט. זיין נאָמען איז בן־נפתלי. סיאָמקע האָט אָנגעשפּיזט אויף אים די שטעכיקע זאַנגען־ברעמען און אויפגעכאַפּט דעם אומהיימלעכן שמייכל, וואָס האָט זיך געגנבעט אויפן „סעקרעטאַרס" פּנים און געבליבן שטעקן אין די פאַרביסענע מויל־ווינקלען. — בעט ער ביי סיאָמקען די דערלויבעניש מיטצופאָרן אין דער מחנה. ראשית־כל האָט ער אין דער מחנה באַקאַנטע חברטעס פון זייער דאָר־פישן לאַנדווירטשאַפטלעכן קיבוץ, און דער עיקר וויל ער באַזוכן מחמת דעם, וואָס ער איז קאָרעספּאָנדענט פון דער אַרבעטער־צייטונג, און אויף אים ליגט, הייסט עס, די מיסיע צו באַשרייבן זייער לעבן אין דעם פאַרוואָרפענעם עק. סיאָמקע האָט אויסגעברומט פון ברוסט אַ „מהיכא־תיתי" מיט אַ „בבקשה". דאָס מיינט: נעם זיך מיט וואָס מער פאַפּיר און פלעשער טינט, ווי עס שטייט גע־שריבן אין „שבועותדיקן אקדמות". ער, סיאָמקע, האָט גאָרנישט דאַקעגן.

איצט, ווען ער איז געזעסן אין וואָגן מיטן סעקרעטאַר־קאָרעספּאָנדענט, האָט ער מער געשוויגן, ווי גערעדט. ער האָט געטראַכט וועגן די שווערקייטן, וואָס מען דאַרף בייקומען אין דער ווייטערדיקער אַרבעט. עס וואָלט געווען גוט, ווען מען פאַרטיקט זיך אָפּ, איידער עס קומען־אָן די גרויסע רעגנס. סיאָמקע זעט, ווי איבערן הימל יאָגן זיך שווערע אָנגעגאָסענע וואָלקנס און גיסן איבער ערד אַ הייסע פאַרנעקייט. דער גאַסט וואַרפט אים אַלעמאָל אַריין אַ וואָרט, אַז דאָ איז אַלץ אַזוי ניי און שיין. סיאָמקע ענטפערט אים, אַז זיי זענען דאָ שוין ווי־

איינגעזעסענע תושבים. דאָס „נייע" און „שיינע" מאַכט שוין אויף זיי נישט קיין איינדרוק. סיאָמקע טראַכט: ווען ער אַליין כאַפּט זיך נישט אַראָפּ פון מאָל צו מאָל אין דאָרף, וואָלט פון אים דאָ אין דער מחנה געוואָרן אַ „באַבע". דאָס פאָרן איבער די פעלדער פרישט־אָפּ דעם מענטשן. ער האָט זיך דערמאָנט אינעם בריוו, וואָס ער טראָגט מיט זיך פאַר מיכאַלן — זי ווערט גאָרנישט מיד — טראַכט ער — פון שרייבן בריוו, זיין תל־אביבער פריינדין. די געדאַנקען האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן צו מרימען. עס האָט ביי אים אין האַרצן אויפגעטויכט אַ ווילן זיך צו זען מיט איר; דער ווילן האָט זיך אַלץ מער צעוואַקסן אין אַ בענקשאַפט.

ווען די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל, איז דאָס פערד און וואָגן אַ פאַרשטויבטער אַריינגעפאָרן אין דער מחנה.

סיאָמקע האָט אַריינגעפירט בן־נפתלין צו זיך אין געצעלט. ביז חברה וועלן צוריקקומען פון דער אַרבעט, וועט נאָך דויערן היפּשע שעהן. ער האָט איבער־געלאָזט דעם גאַסט איינעם אַליין אין געצעלט, און זיך אַרונטערגעלאָזט פון באַרג צו די צעוואָרפענע אַרבעטס־פּלעצער.

בן־נפתלי איז געבליבן שטיין אין געצעלט ווי אַ תם, נישט־וויסנדיק, וואָס מען הייבט דאָ אָן פריער צו טאָן. ער האָט איינגעקלעמט די נאָז אין די פינגער, ווי ער וואָלט מיט דעם אויסגעקוועטשט פאַר זיך אַן עצה. אייגנטלעך איז ער דאָך אַהערגעקומען מיט אַ באַשטימטן ציל. יאָ, פאַר מרימען וועט עס זיין אַן איבער־ראַשונג: זי וועט זיך, זיכער, נישט ריכטן אויף אים! פאַר גרויס צופרידנקייט האָט ער אָנגעהויבן אויספייפן אַ ניגונדל.

מיטאַמאָל דערטראַכט זיך אין זיין אויער דאָס זשומען פון אַ בייזער פליג; אַט דערזעט ער מחנות פליגעלעך אַרומיאָגן, וואָס ווילן, אַפּנים, דעם גאַסט אָפּשמעקן אַ „שלום־עליכם". — מאָסקיטן, צו אַלדי רוחות — האָט אים אַ צופּ־געטאָן אין געדאַנק. ער האָט זיך שנעל אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן־אַרויס. פון דעם בלויזן געדאַנק, אַז מען קען דאָ, אין די זומפּיקע מקומות, פאַקן אַ קדחת, איז אים ממש אַרויס אויפן לייב אַ קאַלטער שוויס. ער האָט שוין באַלד חרטה אויפן גאַנצן עסק!

פון קיך האָט זיך באַוויזן נחמה. די שאַראָוואַרן האָבן זיך איר געבלאָזן אין ווינט. דער גאַסט האָט זי נאָך דערשמעקט פון פריער. מיט דער האַנט האָט זי אָנגעשטעלט איבער די אויגן אַ דעכעלע און געקוקט פון דער ווייטן צום אויס־געפּראַנטעוועטן חבר.

בן־נפתלי האָט זיך געלאָזט גיין צו דער קיך. אים האָט אויסגעדוכט, אַז די חברטע פון דער ווייטן דאַרף אים באַקאַנט זיין. וועמען קען ער דען נישט? די צענדליקער צעוואָרפענע פונקטן אין דער געגנט זענען אים באַקאַנט, ווי די

אייגענע צען פינגער. אַז בן־נפתלי איז שוין געווען נאָענט צו דער קיך, האָט נחמה זיך שנעל אַריינגעכאַפּט אינעווייניק.

מיט גרויס ווירדע האָט בן־נפתלי אַריינגעשפּרייזט אין קיך. דער ריח פון געפּרעגלטס האָט אים אַ זעץ־געטאָן אין נאָז, דערזעענדיק די חברטעס ביי די הייסע קעסלען, האָט ער זיך באַגריסט מיט זיי מיט אַ צוריקגעהאַלטענעם „שלום". די אויגן זענען אַדורכגעלאָפן איבער די גרויע פלאַכטעס, פאַרהאַלטן זיך אויף די פּנימער פון די קעכינס. — איך בין געווען זיכער, אַז די חברטעס זענען מיר באַקאַנט — האָט ער אַ זאָג־געטאָן אין נחמהס זייט.

נחמהס אויגן זענען גרעסער געוואָרן, וואָרעמער. זי האָט נישט געלאָזט אַראָפּפאַלן ביי זיך דעם גאַסט: — וואָס איז די נפקא־מינה — האָט זי אים גע־טרייסט מיט לאַכעדיקע ציינער — כל ישראל חברים, זעצט אייך, חבר, איר וועט עסן אַ סאַלאַט מיט ברויט. מסתמא זענט איר הונגעריק פון וועג?

בן־נפתליס פּנים איז זיך פאַרגאַנגען אין מאָדנע גרימאַסן. עס איז שווער געווען צו דערקענען, צי ער האָט געשמייכלט, אָדער זיך געברוגזט. ער האָט געדאַנקט און דאָך זיך אַוועקגעזעצט צום טיש.

שפרה איז געשטאַנען ביים קעסל און געמישט אין דער פאַרעדיקער זופּ. זי האָט געמרוגעט מיט די מאַנדל־אויגן צום גאַסט, און אין זינען געהאַט איר „בחור", וואָס אַרבעט אין קיבוץ אין גליל. — „ער" געפעלט מיר נישט — האָט זי ביי זיך אָפּגעפּסקנט וועגן דעם אויסגעפּראַנטעווען גאַסט. — וואָס רייניקט ער אַזוי די שטרויעלעך פון דער בלוזע?

נחמה האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אים אויפן טיש אַ טעלער מיט קאַלירטע שמעקעדיקע גרינסן. ס'איז נישט איר דאגה, צו פרעגן ווער ער איז און פונוואַנען ער קומט. אויב סיאָמקע האָט אים אַהערגעברענגט, קומט ער דאָך נישט אומ־זיסט? — ווען ער טוט מיר אַ טובה, אַט דער חבר — טראַכט זי — און נעמט אַראָפּ פון וואָגן דעם זאַק מיט קאַרטאָפל. אָבער דער גאַסט מיט דער אויסגעע־צאַצקעטער בלוזע — זעט זי — איז צופיל פאַרטאָן מיט זיך, האַלט אין איין אַראָפּפּאַטשן פון האַנט די בייסיקע מאָסקיטן.

בן־נפתלי האָט זייטיק אַ פרעג־געטאָן נחמהן, צי מען פיבערט נישט אַמאָל אין דער מחנה; ער באַמערקט דאָך דאָ די אמתע מאָסקיטלעך!

נחמה באַרואיקט אים, אַז איצט איז דער סעזאָן פון רעגנס. די מאָסקיטן זענען נישט גאַסטפריינטלעך צו אַ ניי־געקומענעם: — אונדז אַרט עס שוין נישט. „זיי" האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו אונדז. — זי דערציילט אים, אַגב, אַז איין חבר האָט שוין שטאַרק געפיבערט אין דער מחנה; מ'האָט אים געמוזט אָפּשיקן אין שפּיטאָל.

חברה האָבן אָנגעהויבן צוריקקומען פון דער אַרבעט, פאַרלייגט די פּיאַשן

אויף די אַקסלען. מ'האָט זיך געדרייט פאַר די געצעלטן, אַריינגעשמעקט אין דער קיך. פוסבענקל און יערוכעמזאָן האָבן געהאָלפן אַראָפּשלעפּן פון וואָגן דעם זאַק קאַרטאָפל, אַראָפּשטעלן די פעסלעך וואַסער אויף דער ערד.

דער אויסגעפּוצטער בן־נפתלי האָט זיך געוואָרפן אַלעמען אין די אויגן. יערוכעמזאָן האָט הויך אַ פרעג־געטאָן מיט אַ קולעכל: — ווער איז ער דאָס, דער פלאָקן־סיסער? אַזעלכע וואַזנע קוטאָסן באַמבלען זיך אים ביי דער זייט.

ווען סיאָמקע האָט זיך אַרונטערגעלאָזט פון באַרג צו די אַרבעטס־פּלעצער, האָט ער צוערשט אויפגעזוכט מרימען מיט צילקען און זיי איבערגעגעבן אַ גרוס פון דעם גאַסט, זייער חבר, וואָס ער האָט מיטגעברענגט אין דער מחנה.

צי מרים האָט געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז דאָס באַדאַרף צו זיין בן־נפתלי? — דעריבער איז זי געבליבן שטיין אַזוי גלייכגילטיק, אַריינפאַלנדיק ממש אין אַ מרה־שחורה. — דערפאַר האָט שוין צילקע אויסגעשטעלט אַ פּאָר נייגעריקע בוילטע אויגן: — ווי הייסט ער דער חבר?

— בן־נפתלי! — האָט סיאָמקע אַ ברום־געטאָן מיט אַ ברוסט־שטימע — ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַרן סעקרעטאַר פון...

— הער נאָר, מרים? — האָט צילקע אויסגעשאָסן — ווער ס'איז געקומען?!

מרים האָט געשאָטן מיטן פיאַש אַרום דעם איינגעפלאַנצטן ביימל און אַרונטערגערעדט ווערטער לײדיקע, אויסגעלאָשענע: — וואָס ווילסטו, איך ז־אָ־ל ש־ר־יי־ע־ן?

די מחנה איז געגאַנגען אויף רעדער: ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גאַסט איז נישט געקומען צו סיאָמקען, נאָר צו די מיידלעך. והראיה: אָט זיצט ער דאָך אין זייער געצעלט און פירט מיט זיי דעם ריכטיקן שמועס.

יונגען דרייען זיך אַרום געצעלט און זענען להוט אויפצוכאַפּן אַ נישט־דער־זאָגט וואָרט, אַ רכילותל.

ראובני איז אַרויסגעפאַלן פון געצעלט מיט אַ פּאָר פיבערדיקע אייגלעך. די טשופּרינקע האָט געטענצלט אויפן שטערן. ער האָט באַרואיקט די אויסשפּי־רעריש׳ע נעזער, אַז בסך־הכל, איז דער גאַסט, אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ צייטונג. ער האָט מיט אים איצט גערעדט: — ער וויל באַשרייבן, ווי מיר לעבן דאָ אין דער מחנה.

רעכטמאַן פון שכנותדיקן געצעלט מיינט, אַז דער גאַסט באַדאַרף צו זיין אַ קוזין פון איינער פון די מיידלעך.

— וואָס מיר סרייבער, ווער מיר קוזין? — איז מיט קיינעם נישט מסכים יערוכעמזאָן דער ליטוואַק — אויב ער איז נישט מרימס אַ סוואַגער, איז ער אירער אַ פאַסעטער חתן־בחור!

אָט זעט דאָך יערוכעמזאָן, ווי מרים האָט זיך אומגעקערט פון אַ שפּאַציר

מיט דעם פראַנט. זי האָלט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, אַ ברוגזע, ווי אַ פאַרוויינטע כלה.

ראובני איז ווידער אַנגעפלויגן פון דער זייט מיט דער צעיאַכמערטער צילקען. ער דאַרף זיך דורכרעדן מיט בן־נפתלין מכוח אַ קאָלעקטיוון שמועס היינטיקן אָוונט, וועגן דרינגענדיקע ענינים אויפן סדר־היום.

בן־נפתלי זעט שוין, אַז ער האָט געהאַט אַ דורכפאַל מיט זיין איצטיקן קומען. ער האָט קאַטעגאָריש פאַרלאַנגט פון מרימען, אויג־אויף־אויג, זי זאָל צוריק־פאָרן אין דאָרף. זיינע אויסרעכענונגען וועלן זיין לטובת איר. מרים האָט אים געענטפערט: זי זאָל וועלן נאָכקומען יעדן איינעמס פאַרלאַנגען וואָלטן אירע כוחות נישט געקלעקט פאַר דעם. — וואָס זאָל דאָס מיינען? — האָבן בן־נפתליס מויל־ווינקלען נאָך שאַרפער זיך פאַרצויגן — צי זעט זי אים נישט ווי אַן אויס־נאָם פון אַנדערע?

מרים האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד און אויסגעשטאַמלט אַזוי אומבאַהאָלפן, צניעותדיק: אַז בן־נפתלי זאָל פון אירע ווערטער אַרויסדרינגען דעם ריכטיקן פירוש.

אויף צו מאָרגנס האָבן פערד־און־וואָגן צוריקגעפירט בן־נפתלין אויפן זעלבן אָרט פון וואַנען ער איז געקומען.

סיאָמקע האָט אים אַפילו פּרובירט פאַרהאַלטן אויף נאָך אַ טאָג — צי האָט ער שוין באַוויזן אין אַ קאָרגן טאָג אַלץ צו באַטראַכטן און זען?

שפיגל האָט דערנאָך אויסגעפונען אויף אים אַ זכות: מיט די קאָרעספּאָנ־דענטן איז זיך נישט צו שפּילן. זיי גיבן נאָר אַ פינטל מיטן אויג, זענען מיר פאָטאָגראַפירט דור־און־דורך מיט די ביינער.

אַז שפיגל האָט נישט געצווייפלט אין קאָרעספּאָנדענטס ערלעכע כוונות, האָט ער זיך אויך נישט געכאַפּט, אַז יענער האָט זיך לגמרי נישט געזעגנט מיט די מיידלעך. ערשט נאָך דער אַרבעט, ווען צילקע איז צו זיי אַריינגעפאַלן אין געצעלט, זיך דורכשמועסן מיט בן־נפתלין, האָט איר שפיגל אָנגעזאָגט, די בשורה, אַז דער גאַסט איז נאָך היינט באַגינען צוריקגעפאָרן.

— וואָס?! — האָט צילקע זיך אַ פאַטש־געטאָן אין די הענט — וואָס אַזאַ איילעניש אויף אים? אַ חזיר דאָס איז, מיט אונדז אַפילו זיך נישט געזעגנט!

אין דעם פאַרנאַכט האָט מרים זיך געלאָזט גיין צו סיאָמקען. די נייעס פון בן־נפתליס אַנטלויפן האָט איר שוין צילקע באַצייטנס איבערגעגעבן. זי האָט געוואָרט ביי זיך אין געצעלט און געהאַט דעם פאַרגעפיל, אַז סיאָמקע, אָדער מיכאל וועלן איר באַזוכן. דאָס אַנטלויפן פון בן־נפתלין האָט איר דערפרישט, ווי מען וואָלט איר אַראָפּגענומען אַ שטיין פון האַרצן.

מרים האָט געוואָרט אין געצעלט. קיינער איז צו זיי נישט אַריינגעקומען. האָט זי זיך געלאָזט גיין צו סיאָמקען.

מרים האָט באַמערקט ווי מיכאל שפּאַנט אין איר ריכטונג. וואָס מער זיי האָבן זיך דערנענטערט, אַלץ מער האָט זי זיך געדרויטלט ביז איבער די אויערן. דאָס האַרץ האָט אַזוי געקלאַפּט און געקלאַפּט.

— איך גיי צו איך! — איז מיכאל געבליבן שטיין לעבן איר.

— צו מיר? — האָבן מרימס אויגן אַ לייכט־געטאָן מיט ברוינער פרייד. — זי האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז אויך ז י גייט צו אים.

מיכאל איז אַביסל דורכגעגאַנגען מיט איר און דערציילט, אַז ער דאַרף דרינגענד צופאָרן אין תל־אָביב אויף עטלעכע טעג, אַ פּערזענלעכער ענין, און מחמת דעם, וויל ער זיך מיט איר געזעגענען.

דוכט זיך, אַ פּשוטע זאַך. אָבער אויף מרימען האָט עס געווירקט אַזוי דערדריקנדיק. — באמת? — האָט זי אַנגעשטעלט אויף אים די אויגן מיט אַנ־געגאָסענעם טרויער — איך האָב קוים אַרויסגערעדט מיט אייך אַ פּאָר ווערטער. און איר אַנטלויפט שוין?

— „אַנטלויפן“ אויף אַ ווײַלע איז געזינטער, ווי פאַרשווינדן אינגאַנצן — האָט איר מיכאל געטרייסט.

— טאָ געדענקט־זשע וואָס גיכער צו קומען!

יאָ, ווען מיכאל האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, וואָס סיאָמקע האָט מיט־געבערענגט פון דאָרף האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק אים מודיע צו זיין, אַז ער האָט בדעה זיך אַראָפּצוכאַפּן קיין תל־אָביב. זיין פריינדין שרייבט אים, אַז זי איז קראַנק, זי וויל זיך זען מיט אים.

סיאָמקע איז נישט דאַקעגן. נאָך אַזויפיל צייט שטעקן אויף איין אָרט, האַלט ער, איז סתם אַ מצוה זיך דורכצולופטערן. ווען ער אַליין כאַפּט זיך נישט אַפּנז אַרייַן אין דאָרף, וואָלט פון אים אויך געוואָרן אַ שטיק זאַלץ.

דעם אָוונט האָט מיכאל געשמועסט מיט סיאָמקען מערער ווי אַלעמאָל. מעגלעך, אַז דער השתפכות־הנפש איז געקומען ווי אַ באַרעכטיקונג נאָך אַ שטיק צייט פון דערווייטערונג. מיכאל האָט אים עטוואָס דערציילט פון ביוטאַן, אַז זי איז אויך געקומען מיט דעם זעלבן באַגער, וואָס מיר אַלע: שאַפן און בויען דאָס לאַנד. אַנשטאָט צו ברענען זיך איבער פעלדער און שאָסייען, איז זי, אַדאַנק אירס אַ קרובס צרעדעניש, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּקידה אין אַ תל־אָביבער ביוראָ.

סיאָמקע זאָגט אים, אַז תל־אָביב מיט די מענטשן געפעלן אים נישט (אָן אויסנאַם האַלט ער זיין פריינדין...). ווען ער קומט אַהין, דוכט זיך אים, אַז אַט צעפאַלן זיך די דעקאָרירטע אויף שנעל־צוזאַמענגעשטעלטע ווענט און טוי־

ערן. עס האָט נישט קיין האַפט זייער גאַנצער טאַראַראַם מיט דעם זינלאָזן רעש פון די גאַזאַז־מאַכערייקעס.

מיכאל איז, קעגן זיין ווילן, געקומען זיך זען מיט ניוטאָן.

פאַרנאַכט האָט די שטאָט, אַ מידע, זיך געזעצט אַלץ נידעריקער צו די וואַ־רעמע זאַמדן. מויערן און בעטאָן האָבן נאָך געזאָטן פון דער גלוטיקער זון. שטאָט האט זיך געטוליעט אין פיאָלעטע שאָטנס. מיכאל האָט געשפּרייזט אַ פאַרמוחטער מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר. די גאַסן האָבן געווימלט פון מענטשן, פּנימער טונקעלע, ברוינע, ווי אָפּגעקילטע פון קאַלכאַויוונס האָבן געשטראָמט צום פלאַכן זאַמדיקן ברעג, ווו בלויער ים האָט געקילט מיט פרישקייט, געדעמפט מיט גע־זאַלצנס און פיש. מיכאל האָט מיטגעשטראָמט אַרונטער צום אָפענעם ים. דאָרט האָט ער זיך אָפּגערעדט צו טרעפן מיט ניוטאָן.

די פּאָר טעג, וואָס ער דרייט זיך אַרום איבער דער בעטאָנענער אָנגעהייצ־טער שטאָט, זענען פאַר אים געווען ווי אַן עונש. עס האָט אים געצויגן צום רחבות פון פעלד, צו די זאַרגלאָזע חברה, וואָס פאַרמאָגן גאָרנישט, און אַלצדינג געהערט צו זיי. דאָ האָט אים יעדע זאַך אַנטוישט, דענערווירט.

באַלד, ווי מיכאל האָט דערפילט אונטער די שווערע אַרבעטס־שיך דעם האַרטן שאָסיי־בעטאָן, האָט עס ביי אים אַרויסגערופן אַ לייכטע פרייד. ער האָט זיך געלאָזט גיין אויפן אַדרעס צו ניוטאָן. ביז ער איז דערגאַנגען צו ניוטאָס קרוב, האָבן אים געמאַטערט אַנגעיאָגטע ספקות און געפילן. ער האָט זיך פאַר־געשטעלט ניוטאָן ווי אין אַ תפיסה. איר טראַכטן און בענקען נאָך אים — פון דעם אַליין קען מען דאָך קראַנק ווערן. ווער לאָזט איר נישט אַריינגלידערן זיך אין קיבוץ אויפן דאָרף? דאָס געזעלשאַפטלעכקייט פון קאָמונע היילט־אויס אַ סאַך פרעסנדיקע מחלות.

ניוטאָס קרוב, אַ סוחר פון אַ פּאַפּיר־געשעפט, דאָס ווייכע פּנים ווי אויס־געקנעטן פון געלן קיט, איז אָנגעצויגן מיט זויערע גרימאַסן. אַלץ איז ביי אים פאַררייסן; דאָס מויל, די נאָז און די פאַרלאָפענע גלעזערנע אויגן, זענען תמיד גרייט צו באַניסן די גרויע שטויסן פּאַפּיר און פאַרשטויבטע קאַרטאָנען. ער האָט אָפּגעשטעקט אַ „שלום" מיכאלן און זיך זויער צעשמייכלט מיט אַ משונהדיקער פאַרקרימעניש, אַז אָט־אָט באַניסט ער אים ווי גרויס ער איז.

— קומט אַריין, מאַכט זיך באַקוועם! — האָט ער אים העפלעך אַריינגעבעטן מיט אַ פאַרלעגענעם קול.

ניוטאָס קרוב האָט אויסגעפרעגט מיכאלן מיט מבינות און איבערגעשפּיצט־

קײט מכוח דעם, װי עס לעבט זיך דאָרט אין קיבוץ, און צי האָלט נישט מיכאל, אַז אין שטאָט איז לײכטער זיך אײנצואָרדענען? קײן עין־הרע, אַזױ פיל יונגעלײט מאַכן זיך דאָ אַ לעבן. ניוטאָ פאַרדינט זיך, נישט צו פאַרזינדיקן, אירע פונטן יעדן חודש. זי איז דאָ לעצטנס געװען נישט מיט אַלעמען: „פּאָפּאָטאָטשע״, װי מען רופט עס; אָבער זי אַרבעט שױן, גאָט צו דאַנקען, װידער אין ביוראָ.

מיכאל האָט געפילט, װי עס בריט אים דאָס בענקל בײם זיצן. ער האָט געהאַט אַ װידערװילן צו זײן קומען אַהער און אױסהערן די נודנע טענות פונעם קאַטאַרירטן סוחר, װאָס עס שלאָגן פון אים די זעלבע ריחות און קאָלירן, װי פון די שטױסן פאַרשטױבטע פּאַפּירן. ער װעט אַריבערגײן צו ניוטאָן און אױסדריקן זײן פּראָטעסט: װאָס פּלאָנעװעט מען דאָ אַרום אים?

מיכאל איז אַהינגעגאַנגען צו ניוטאָן אין ביוראָ.

צי ניוטאָ האָט געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז מיכאל װעט דעם טאָג קומען? —

זי האָט שױן נישט געקענט אײנזיצן רואיק בײ דער מאַשינקע. אירע אומ־רואיקע געדאַנקען האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין מעטאַלענעם קלימפּער פון שטעפּן דעם שריפט אױפן פּאַפּיר. אירע צעשטראָלטע אױגן, תמיד פאַרטראַכטע און גרין־בלױע װעלטן, זענען מערערע מאָל געװענדעט צום זוניק־בלױען דרױסן, װאָס האָט אַרײנגעשריגן פון אַלע פענצטער אין צימער־אַרײן. יעדע װײלע האָט זי געמאַכט אַ הפסקה, צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרױסגעבליקט אין דרױסן. מיכאל האָט אינגאַנצן פאַרנומען אירע געדאַנקען: ס'אַ נאַרעלע ער איז. ער װעט קײנמאָל נישט דערגײן צום תוך. זי בעט זיך בײ אים: קום אין שטאָט, ס'װעט פון דיר װערן אַ מענטש, און ער בלײבט דער זעלבער עקשן. זי האָט שױן נישט קײן כוח אים אױסצובענקען פון דער װײטן.

װען מיכאל איז אַרײן אין ביוראָ, האָט אים מקבל־פּנים געװען אַ פּקיד, אַן אױסגעפּאַקט מענטשל מיט אַ היפּשער ליסינע אױפן יונגן צוגעשאָרענעם קאָפּ. די אױסגעבױגענע ברילן־גלעזער האָבן פאַרגלאַנצט און פאַרשפּיגלט זײן פעטע רױטקײט פונעם פּנים. אַז מיכאל האָט אים געפרעגט אױף ניוטאָן, צי מען קען איר זען — האָט דער פּקיד אים שעלמיש אָפּגעמאָסטן פון צעשױבערטן קאָפּ האָר, ביז די פאַרשטױבטע שװערע שיך: — אַ, ניוטאָ, יאָ... אײן װײלע...

ניוטאָ האָט, אַפּנים, דערפילט פון צװײטן צימער, װער ס'איז אַרײנגעקומען. איז זי אַרײנגעפלױגן מיט אַן אױסגעשרײ, מיט אַ היסטערישן קװיטש:

— מ—י—כ—א—ל!

ניוטאָס היסטערישער אױסגעשרײ „מיכאל״ האָט שױן אױסגעדריקט מיט זיך אירע בענקשאַפטן פאַר אַלע צײטן צו דעם שװאַרץ־אָפּגעברענטן צעחושטן יונג. דער װידערקול פון „מיכאל״ האָט װיברירט אין צימער. עס האָט געבעטן בלײב דאָ אױף אײביק, װעסט נישט פאָרן, װעסט נישט צוריקפאָרן!

מיכאל איז פֿאַרבליבן אין ביורא עטלעכע מינוט. אין די קורצע רגעס האָט ער איר געגעבן צו פֿילן זיין אַנטוישונג פֿאַר דער שטאָט. פֿון אים ביז איר האָט זיך געשפּרייט אַן אומאויפֿהערלעכע ווייטקייט.

ניוטאַ איז געבליבן אַליין נאָך מיכאלס אַוועקגיין. איר אויפֿגעוואַכטע פֿרייד איז ביסלעכווייז צערונען געוואָרן. אַזאַ טיפֿער אומעט האָט גענאָגט אין ברוסט. אַפּנים, זי איז אַזוי לאַנג געזעסן פֿאַרטראַכט ביי דער שרייב־מאַשינקע, אַז זי האָט גאָר ניט באַמערקט, ווי צו איר האָט זיך דערנעענטערט פֿון צווייטן צימער דער פּקיד מיט די צעשפּיגלטע ברילן אויפֿן פֿעט־רויטן פּנים.

— זאָל די גברת אויספֿאַרטיקן אַ טוץ קאָפּיעס פֿון אָט דעם טעקסט — האָט ער איר אַנטקעגנגעטראָגן פֿאַרן פּנים אַ פּאַפּיר.

ניוטאַ האָט אים אָנגעקוקט פֿאַרווונדערט מיט העלע צעעפֿנטע אויגן, ווי זי וואָלט אים איצט געזען דעם ערשטן מאָל אין לעבן.

דעם דיקלעכן פּקיד איז דווקא ניחא איר קוקן, זי רייצט זיין מענערישע גע־צוימטקייט. אירע בליקן ווערגן אים אין גאָרגל. ער האָט שוין געוואָלט אָפּקערן זיך פֿון איר, און ווי צו להכעיס איז ער צוגעשמידט צו דער פּאָדלאָגע און שמייכלט נאַרישעוואַטע מיט פֿעטע אויסגעפּולטע ליפּן.

— יאָ, איך וועל עס מאַכן. און וואָס נאָך דאַרף איך צוגרייטן?

ער ווייס גריילעך, אַז זי איראָניזירט פֿון אים. זיין אָנגעצונדענע תשוקה האָט ראַפּטום אָנגעהויבן זיך צו לעשן, פֿונאַנדערשפּרייטן זיך אין אַ דערווידערנ־דיקער הוילקייט. איר מיידלשער וויברירנדיקער בוזים האָט ביי אים פֿאַרלאָרן דעם גאַנצן חן.

ניוטאַס פֿלינקע פֿינגער טענצלען גיך איבער דער שרייב־מאַשין. דער מע־טאַלענער קלימפּער האָט פֿאַרשריגן דעם פּקידס נערוועזע, כּלומרשט רויִקע, טריט אויף דער געפּלאַסטעטער פּאָדלאָגע, ביז זיי זענען פֿאַרלאָרן געגאַנגען אין צווייטן צימער; דער מעטאַלענער קלימפּער האָט אויך צעשטרייט דעם אומעט וואָס האָט געוואַקסן אין האַרצן.

פֿאַרנאַכט האָט זי געאיילט צום ים, וווּ זי האָט זיך אָפּגערעדט צו טרעפֿן מיט מיכאלן. ביי איר איז געווען אַ געמיש פֿון אומעט און פֿרייד. די פּאָר טעג, וואָס מיכאל געפֿינט זיך אין שטאָט, האָט איר אַביסל אייפֿגעלעבט, דערפֿרישט. מיכאל האָט פֿאַר איר דערציילט פֿון גרויסע ווערק, וואָס זיי טוען בויען אין לאַנד. מ׳האָט אויף זיך גענומען די מיסיע אויסצוהיילן די פֿאַרוואָרלאָזטע ערד. ער האָט געהאַט צו איר תּרעומות, פֿאַרוואָס זי וויל זיך נישט איינגלידערן מיט אַלעמען גלייך.

ניוטאַ וויל נישט באַגרייפֿן מיט איר האַרץ. זי איז אויסגעטיילט איינע אַליין

פון דער אַלגעמיינער מחנה אויף די פעלדער; וואָס גייט איר אָן דער צער פון גרויסע מחנות, ווען זי אַליין צערט זיך אין אייביקער בענקשאַפט?

בייב ברעג ים האָט זי אָפּגעשטעלט מיכאלן אַ פאַרקלערטן. איר פּנים האָט אַ פלאַם־געטאָן מיט שעמעוודיקייט. זי איז לעצטנס דורכגענומען צו אים מיט הייליקער אָנרעגונג: ווען זי האָט אים אָנגערירט מיט דער האַנט ביים אַקסל, האָט זי דערפילט אַ זיסן שוידער אויף די אייגענע גלידער.

מיכאל האָט זיך אויסגעדרייט צו איר און אויסגעשטאַמלט אַ צעחושטער: —

אַיאַ, ניוטאַ, איך וואַרט שוין אויף דיר אַ היפּשע צייט!

ניוטאַן האָט געפייניקט זיין צעטראָגנקייט. ער קוקט אויף איר פאַרבליפט, פאַרחלומט. עס דוכט זיך איר, אַז ער האָט אין זינען עמעצן אַנדערש, נישט איר, ניוטאַן. זי האָט געפילט אין דער רגע, ווי אַ ווייטע מחיצה שיידט אים פון איר.

זיי האָבן געשפּאַנט איבער די זאַמדן און ער האָט איר שוין צום ווייפלטן מאָל געזאָגט, אַז אים איז דערווידער איר שטאָטיש גליק. דאָס גליק פאַרלירט דעם ווערט, ווען מען טוליעט עס אין קינסטלעכע שמאַכטעס. דאָרט, אויפן רחבות פון פעלד איז יעדער איינער באַלעבאָס, ווו די פיס טרעטן.

ניוטאַ האָט אים געשעפּטשעט אין אויער: ווערסט נישט אַוועק.... ווערסט בלייבן... זיי נישט קיין שלעכטער... זי האָט געפילט, ווי די אייגענע רייד נאַרן איר. פון די פאַרבאָרגענישן ציטערט־אויף דער אייביקער אָפּשפּעטער, וואָס מאַכט צונישט מענטשלעכע פאַרלאַנגען און טרוימען.

— דו פאָרסט טאַקע מאָרגן אָפּ אין דער מחנה? פאָר נישט, מיכאל, פאָר נישט — —

די וואַסערן זענען טונקעלער געוואָרן, פלאַש־גרין; דער ים האָט געכוואַ־ליעט, זיך געהויבן, אויסגעכאַרכלט צום ברעג מיט זילבער־ווייסן שוים. מיכאל האָט אַפּערגעבליקט איבער ימישער רחבות, ווי ער וואָלט עפּעס אין דער וויט־קייט דערזען. אין אים האָט זיך געצונדן אַ העלקייט. עס האָט פאַרטריבן דעם צווייפל. עס ווילט זיך אים אין דער רגע טרייסטן ניוטאַן, לינדער מאַכן איר צער. עס האָט אים וויי־געטאָן, פאַרוואָס ער קען נישט נאָכקומען אירע באַגערן צו אים. איצט איז זי אים אַזוי פיינלעך נאָענט געוואָרן. אַן אינעווייניקסטער ציטער האָט זיי ביידן באַהאַפטן. ער האָט מיט די ליפּן דעם סאַמעט פון איר פּנים געגלעט. אירע אויגן האָבן זיך געביטן פון בלוי און גרין, זענען גרעסער געוואָרן, אַוועק־געקוקט מיט אָנגעצונדענעם אייפער אין ימישער ווייטקייט. זי האָט געציטערט און געציטערט אין מיכאלס אָרעמס.

מיכאלן האָט דאָס האַרץ געגאַרט, געשפּרייט אין אים אַ ליידיקייט — און דער ים האָט גערוישט, זיך געהויבן מיט אָנגרייפנדיקע כוואַליעס נאָענט פאַר זייערע פיס.

דער טאָג האָט זיך שנעל געפּאַקט אין וועג אַריין, געבונדן טונקעלע שלייפן, געשלייערט דעם הימל. די זון, אַ ריזיק־גרויסע, ווי אַן אָנגעצונדענער באַלעם, איז געזונקען אין דער נידער.

— זעסט, ניוטאַ? — האָט מיכאל אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער זון — ווי אַ זקן, איבערגעלאָדן מיט זאַטע יאָרן, אַזוי רויט־געזעטיקט נידערט עס איבער די הימלישע טרעפּ. אָט, זעסט, זי שטייט שוין אַ העלפט אין וואַסער! אָ, מ׳זעט שוין מער נישט אַרויס, ווי דעם פייערדיקן שטערן!

— גולם! — האָט זיך ניוטאַ באַליידיקט, נישט ווייסנדיק פאַרוואָס. אין האַרצן האָט אַ ציטער־געטאָן, און תיכף פאַרלאָשן געוואָרן: — סאַראַ בלינדע מענטשן דאָס זענען — האָט זי געפּליסטערט. אינעווייניק האָט איר געפרעסט אַ ווייטיק. זי האָט אים געוואָלט זידלען, אויסשרייען אויף אים דעם פאַרשטיקטן צאָרן, וואָס האָט טיף געקניפּט אין ברוסט; זי איז אָבער געבליבן שטיין אָנגעלענט לעבן אים אָן אַנטוישטע אָן כוחות. מיט צעצונדענע פייערלעך אין די אויגן האָט זי געקוקט אויפן אויסגעלאָשענעם ים, וואָס האָט אָקאָרשט פאַרשלונגען די פלאַמיקע זון.

8.

די פאַרפלאַנצטע שטחים זענען אַרונטערגעלאָפן, אַרומגעקרייזט די גרין־פאַרשימלטע זומפּן, וואָס האָבן אין די זוניקע שעהן געזאָטן מיט האַרבן עיפּוש, און ביינאַכט צעטראָגן ווייט אַרום אַ ווילד־ליידנשאַפטלעכן געשריי פון גרינע זשאַבעס.

בייטאָג האָבן יונגען געהאַקט דעם בלאָטיק־געפרעסטן באָדן מיט שאַרפע פּיאַשן, אויסגעהאַקט גריבלעך פאַר די יונגע עקאַליפּטוס־ביימלעך, וואָס וועלן באַלד דאָרט פאַרזעצט ווערן.

סיאָמקע האָט געזעצט מיטן פּיאַש אין דער האַרטער שוואַרצער ערד און יעדעס מאָל האָט די שאַרף אָפּגעשפּרונגען, ווי אין אַ פאַרעקשנטן סענק. אין משך פון דער פּראַצע, וואָס זיי האָבן אַריינגעגעבן אין דער ווילדערניש, האָט שוין סיאָמקע אָנגעטראָפן כּלערליי מינים ערדן, פּונקט ווי ער האָט שוין באַגעגנט דאָ אין דער מחנה פאַרשידענע מענטשן, יעדער מיט זיינע קאַפּריזן און געוווינהייטן. נישט אַלע חברה קאָנען גובר זיין די ווילדע געגנט. — די ערד — האָט סיאָמקע געטראַכט, — איז דאָך שטאַרקער פאַרן מענטשן!

לעצטנס האָט סיאָמקע געמוזט מיטברענגען פון דאָרף אַ גרעסערע פאַרציע כינין. חברה גלוסט זיך אָפטער צו פיבערן, גראָד אין די רעגנס, ווען דער קדחת דאַרף גאָר קיין שליטה נישט האָבן איבער מענטשלעך בלוט.

סיאָמקע האָט איינמאָל אינמיטן דער אַרבעט אַ וואָרף־געטאָן פון זיך דעם

פיאָש און אויסגערופן: סטאָפּ, איך גיי נישט ווייטער! זיין ברוין פּנים האָט זיך געקנייפּט אין געלע פלעקן — א ליימיקע מאַסקע.

שפיגל איז צוגעלאָפן צו סיאָמקען און ארויפגערעדט צו אים מיט תחנונים־דיקע אויגן: — הער נאַר, וואָס מאַכטסו זיך עפּעס נאַריש? נאַר דאָס פעלט מיר, קראַנק ווערן אין מיטן דערינען?

סיאָמקעס וואַסערדיקע אויגן האָבן זיך געצונדן אין בלוט, די ליפּן האָבן זיך געלאָשן און אויסגעקרימט אַן אומבאַהאָלפענעם שמייכל: איך האָב עס געפּאַקט... גיי ווייס, אַז דאָס וועט זיך מיר איבערחזרן נאָכאַמאָל... מיט יאָרן צוריק האָב איך געפיבערט אויף מאַלאַריע... ער האָט געפילט, ווי די ווערטער קומען־אַרויס געפּלאַצטע דורך טויבע, רוישיקע אויערן.

מרים איז געווען די ערשטע, וואָס איז געקומען מבקר־חולה זיין אין געצעלט. סיאָמקע איז געלעגן איבערגעדעקט מיט דעקעס ביזן האַלדז. דער שויבער פלאַק־פענע האָר האָט געליכטיקט אויפן הייסן שטערן, און די אויגן האָבן אַוועקגע־גלאַנצט פאַררעטעריש.

מיט וואָס קאָן מרים לייכטער מאַכן סיאָמקעס קרענק? זי וועט אים אַריינ־בּרענגען איר וואָלענע דעקע. שפּיגלס און מיכאלס דעקעס ליגן שוין אויף אים; אָבער סיאָמקען וואַרפט אַ קעלט, ווי ער וואָלט געלעגן אין אַ פראָסטיקן דרויסן. די ציינער טענצלען אַ קאַלט־און וואַרעמס.

שפּיגל האָט זיך אַריינגעשטופּט דורך די פלאַכטעס מיט אַ זילבערנעם שטויב אויף דער נישט אויסראַזירטער באָרד. ער האָט זיך אָפּגערופן צו מרימען: — אָבי מזאָגט „פּורים איז נישט קיין יום־טוב און קדחת איז נישט קיין קרענק". איך האָב שוין ביי נחמהן באַשטעלט אין קיך אַ טשייניקל טיי. ווו נעמט מען דאָ איצט אַ לימאָן? ווען ער טרינקט־אויס אַ פּאָר גלעזער טיי מיט לימאָן, כאַפּט אונדזער חולה דעם ריכטיקן שוויץ. — סיאָמקע — האָט שפּיגל אים געטרייסט — ס'וועט איבערגיין!

ווען מיכאל האָט זיך באַוויזן אין געצעלט, האָט מרים זיך אויפגעהויבן אינסטינקטיוו פון הילצערנעם קעסטל. זי האָט געפילט, אַז זי טוט דעם היפוך, וואָס זי דאַרף טאָן: זי וויל דאָך ווייטער בלייבן. עס ציט איר אומאויפהערלעך צו מיכאלן, וועלכער וויזט־אַרויס, כלומרשט, אַ קאַלטקייט; אָבער זי פילט ביי אים אינעווייניק דעם טייוול, וואָס לייגט אַרום איר הייסע פייערן.

זי האָט סיאָמקען געזאָגט „שלום" און געווונטשן אים, עס זאָל וואָס גיכער געזונט ווערן. מיכאל האָט איר געבעטן, זי זאָל נאָך בלייבן. פאַרוואָס איילט זי אַזוי? עס פעלט דאָך אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער.

מרים איז געשטאַנען אין געצעלט־עפענונג און אויסגעמיטן צו קוקן אין מיכאלס פּנים: — איר לאַכט פון מיר, יאָ? — האָט איר געענטפערט זיין איראָניע.

זי האָט זיך אָפּגעקערט פון מיכאלן מיט אַ „שלום" און ברוגזלעך אים צוגע־וואָרפן: — בין איך נישט פאַר אייך קיין באַרימהאַרציקע שוועסטער!

אויף־צו־מאָרגנס נאָך דער אַרבעט האָט זי, אַ מידע, זיך אַ וואָרף־געטאָן אויפן בעטל, אַט אַזוי, ווי זי שטייט און גייט. עס האָט איר ביז גאָר געצויגן אַריינצוגיין זיך דערוויסן, וואָס סיאָמקע מאַכט; אָבער ווי אַ געשטראָפּטע איז זי ווי געבונדן געווען צום בעטל. זי זעט זיך ווי אַריינגעצויגן אין אַ כישוף. זי וואָלט שוין ליבערשט אַנטלאָפן פון דאַנען. די טעג פלאָנטערן זיך איר איינער אינעם צווייטן; אָפטמאָל דוכט זיך איר, אַז די מחנה איז פאַר איר אַן אָפּקומעניש. זי קען זיך שוין נישט באַפרייען פון דעם. זי מוז שוין בלייבן! מיכאל האָט זיך אַריינ־געגאָסן אין איר געמיט, ווי אַ וואַרעמער ספּירט. זי גאַרט מיט אַלע חושים צו געפינען זיך לעבן אים. ווען מיכאל איז אָפּגעפאָרן אויף עטלעכע טעג, האָט זי פאַרטייענדיק געבענקט נאָך אים. טאָג־נאָך־טאָג האָט ביי איר אינעווייניק אויס־געזונגען אַ ניגון. דער אומעט האָט זיך טונקל צעגאָסן אין אירע בלוטן.

ווען מיכאל איז צוריקגעקומען אין דער מחנה, האָט ער פאַר מרימען זיך פאַרטרויט: „דו יאָגסט זיך נאָך דעם, וואָס עס ווינקט דיר פון דערווייטן. ווען דו קומסט אויפן אָרט, דערזעסטו בלויז דעם אָנהייב. די ווייטקייט איז אין־לשעו־דיק".

מרים איז געלעגן אויפן בעטל און רוישיק אַריינגעשוויגן אין קישן. די גע־דאַנקען האָבן איר געמאַטערט און נישט געגעבן קיין רו: די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פאַר שטאַרקע — האָט זי געצויגן דעם רעיון — ווער עס האָט כוח אָנצונעמען ביים גרגרת, דעם געהערט דאָס! די שוואַכע זענען איבעריק, איבעריק — —

די מענטשן, וואָס זענען באַשאָנקען מיט דער מתנה פון זיין נאַטירלעך און פשוט ווי רוי־ערד, פאַר זיי איז דאָס לעבן אָפן!

מרים האָט אַריינגעשעפּטשעט אין קישן. עס האָט ביי איר אויסגעזונגען אַ ניגון, אַזוי נאָענט איז דאָס איר. איר גייט נישט אָן, וואָס צילקע מאַכט־אָן אַ טומל אין געצעלט. ווער גייט איר איצט אָן אין דער וועלט? זי וועט זאָגן מיכאלן, אַז דאָס גליק איז באַהאַלטן אין מענטשן. זי וועט דאָס באַשאַפן אין זיך. מרים האָט זיך מיטאַמאָל דערזען געלייטערט, דערהויבן איבערן אייגענעם פּיין.

צילקע פאַרשטייט זיך שוין לאַנג אויף מרימס גענגעלעך: בישקשה, זי וועט זיך אויסניכטערן ווי אַ שיכורע, מ׳טאָר מיט איר איצט נישט רעדן. סיי־ווי וועט זי נישט ענטפערן.

צילקע האָט באַוויזן דורך דער צייט בריהש זיך איינצוואַשן. זי גלאַנצט מיט פרישקייט, ווי אַן אויסגעשייערטע כלי: — לאָמיר בעסער אַ קוק־טאָן, וואָס מאַכט סיאָמקע! — זי כאַפּט אַ קוק אין צעבראָכענעם שפּיגעלע. עס שפּרינגען

איר אָפּער דיקע זומער־שפּרענקעלעך, אויסגעזייט ווי גרויפּן אויף דער אָפּגע־ברענטער נאָז. אָן אומגעדולד האָט געברענט אונטער אירע הענט.

אַרויסשטעקנדיק דעם קאָפּ פון געצעלט, האָט זי זיך שיער נישט צע־בוכטשעט מיט דער טענצלדיקער טשופּרינע פון ראובנין.

— הע... איך גיי דאָך צו אייך — טאַנצן זיינע אייגעלעך, ווי זיי וואָלטן געוואָרפן טינט־פלעקן אויף וואָס עס קומט אים אַנטקעגן. — דו הערסט, צילקע ? — שטייט זיין קאָפּ נישט אויף אַן אָרט — מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ קאָלאָסאַלן זיג ביי די לעצטע וואַלן. צוויי־דריטל שטימען האָבן מיר דורכגעפירט! — פאַר גרויס התפעלות האָט זיין קאָפּ זיך אַ וואָרף־געטאָן רעכטס און לינקס.

— וואָס איך הער ?! — זענען צילקעס צעשטראַלטע אויגן שיער נישט אַרויסגעקראָכן אויפן שטערן. זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זי פאַרליידט נישט דעם גאַנצן חבר.

ראובני שטופּט איר אין פּנים־אַריין פריש־געדרוקט פּאַפּיר: — פאַר מרימען האָב איך אויך אַן עקזעמפּלאַר!

— טשעפּע איר נישט איצט, זי איז נישט ביים געמיט — האָט צילקע אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— האָהאָ... — האָט ער אויפגעעפּנט אַ מויל — די ווייבערשע געשעפטן... מיר קענען זיך אויף דעם!

גייט ער מיט צילקען און מאָלט אויף גיך ווערטער, רעדט מיט דער טשופּרינקע גלייך איר אין פּנים־אַריין. דריקט זיך אַלץ מער מיט דער זייט אין צילקעס ווייכן קערפּער. וואָס מער זי קלעפּט זיך אָפּ פון אים, אַלץ מער באַהעפט ער זיך צו איר.

— שוין צייט, זי זאָל אַוועקוואַרפן, אָט די מרים מיין איך, די קליינ־שטעטלדיקע פאַרקריפּלטקייטן — לייגט ראובני אַרויף אַ שווערע האַנט אויף צילקעס וואַרעמען אַקסל. ער נעמט איר ארום מעשה חבר — אָט אַזעלכע מייד־לעך, ווי די מרים, וואָס ? דאָ איז, פאַרשטייסטו מיך, אַראָפּ אַלע קונצן, אויס האָמאַנטישקייט! מיר מוזן דאָ זעלנער ווערן, ליידן פאַרן ישוב. — זיין קאָפּ טענצלט, וואַרפט מיט די אויגן טינט־פלעקן אויף איר ווייסער בלוזע, אינעם ברוינעם האַלדז־אויסשניט, וווּ עס בולטן זיך אינעווייניק, אַזוי פאַרבאַהאַלטן־שעמעוודיק, מיידלשע בריסט. ס'לשון הייבט־אָן ביי ראובנין אונטערצוציטערן, און אינעווייניק ביי אים, ווי עס וואָלט זיך געהוידעט אַ פולער עמער וואַסער. די האַנט שווערט־אַראָפּ איר אַקסל, ווי אַן אייזערנער רעלס: — יאָ, יאָ, — טענצלט די טשופּרינקע — אויסראָטן די גאַנצע מיטגעבראַכטע צעקראָכנקייט!

נעמט צילקע ראובניס האַנט און שליידערט זי אַראָפּ פון זיך, ווי אַן אָנגע־טשעפּעטע קאַץ. — מיר טוט שוין אַזוי אויך ווי דער רוקן פון דער אַרבעט!

צילקעס געדאַנקען זענען גאַר געווען פאַרנומען מיט מרימען, און ער פאַר־האַקט איר דעם קאָפּ מיט זיינע מוסר־רייד. אייגנטלעך קען זי נישט פאַרשטיין מרימען, ווי זי וואָלט בידים אָנגעהאַנגען אויף זיך אַ צרה. אומעטום פאַרפּלאָנ־טערט זי זיך אין אַ נייעם ענין. בסך־הכל פאַרשטייט זי נישט, ווער ס'איז איר ליבער: סיאָמקע אָדער מיכאל?

פאַר צילקעס אויגן שטייט איצט מרים מיט אָנגעצונדענע אויגן, ווי אַן עקזאַלטירטע מאַדאָנע: — ניין — טראַכט צילקע — ס'איז נישטאָ קיין מלאָכים אויף דער וועלט. יעדער איינער ציט זיך צום אמתן לעבן!

אַז צילקע איז אַרויסגעלאָפן פון געצעלט, האָט מרים זיך נאָך אַלץ נישט אויפגעהויבן פון בעטל. זי הערט, ווי חברה דרייען זיך אַרום געצעלט. פאַר איר איז קלאָר, אַז דאָס מיינען זיי צילקען, וועלכע איז אויסגעבונדן מיט יעדן איינעם. — זי האָט נישט קיין אינטערעס צו זיי, וואָס קומט איר דערפאַר?

מרים קוקט אַריין אין בוך, וואָס ליגט פאַר איר פּנים מיט אויפגעשטעלטע בלעטער, און די געדאַנקען זענען וויט פון דעם לייענען.

רעכטמאַן פון שכנותדיקן געצעלט טוט אַ געמאַכט הוסטל און בוכטשעט־אָן מיט אַ פויסט אין ברעזענט. ער פרעגט סאָליד, איידל: — סליחה, מען קען אַריינגיין? — ער האָט געוואָלט פרעגן צילקען מכוח... מסתמא איז זי טויב, די „צאַצקע" — טראַכט ער וועגן מרימען.

— אַריין! — הערט זיך אַ שוואַך וואָרט, ווי פון איינעם, וואָס פאַסט תעניתים.

רעכטמאַן וואַרפט זיך אַריין אין געצעלט, בלייבט שטיין, ווי אויסגעמאָלקן, נישט געפינענדיק צילקען מיט דעם פריילעכן פולן פּנים, פאַרלירט ער ס'ביסל חוצפּה, וואָס שפּאַרט אים פון שטערן. ער שטעלט־אָן אַ נעבעך־פּנים אויף מרימען: — אפשר וואָלט זי אים געגעבן אַן אַלטע צייטונג, אַ בוך. ער געדענקט שוין נישט די צייט, ער זאָל לייענען אַ פּאָר געדרוקטע שורות. מ'קען דאָך דאָ ווערן אַן אמתע בהמה.

— ניין, איך האָב נישט — האָט מרים נישט אויפגעהויבן איר צעקודלטן קאָפּ פון בוך. — איך לייען אַליין. — זי האָט שיער נישט געגעבן אַ שמייכל פון דעם ליגן: זינט ווען זי לייענט שוין נישט דאָס בוך.

רעכטמאַן קראַצט זיך אַזוי איידל־פאַרלאָרן אין אַ פּאה: אַ כלבטע... כאַפּט איר דער וואַטעמאַכער! ער וועט שוין בעסער גיין צו זיין באַליבטער אַרבעט: דורכגישטערן דעם טשעמאָדאַן, אָפּשאָקלען דעם שטויב פון די דריי פּאָר שאַרף־אויסגעפּרעסטע הויזן, דורכלופטערן די וועבענע העמדער. אוודאי, ער דאַרף דאָס דאָ נייטיק האָבן, מ'זאָל אים האַלטן פאַר משוגע?

— זאָל שוין לענגער דער יידישער גלות נישט אָנהאַלטן — האָט רעכטמאַן

געוואָרטשעט אין דרויסן — ווי איך וועל מיר דאָ זיצן. נאָך אַ חודש, נאָך אַ חודש, מיין שוואָגערעק נעמט מיך סיי־ווי אַריבער קיין אורוגוואַי.

ר׳עכטמאַן האָט פון דערוויטן דערזען גיין צילקען מיט ראובנין. זיינע אויגן האָבן אַ שפּאָט־געטאָן מיט קנאה: — דער גבאי, נו, טראָגט זיך מיט איר אַרום ווי מיט אַ בשמים־פּושקע! — פאַר גרויס קלעמעניש האָט ער זיך אַריינגעשאַרט אין געצעלט.

אין צילקעס קאָפּ איז אַ גאַנצער מישמאַש פון ראובנים רייד. זי איז אָבער אַזוי ווייט פון אים, כאָטש ער קלעפּט זיך אין איר זייט און ווייעט אויף איר אַ געדיכטע היץ. עס האָט איר אָנגעכאַפּט אַ פאַרבאַהאַלטענער עקל צו אים און צו די חכמהדיקע ריידעלעך, וואָס ער בעבעט פאַר איר. ער מאַכט זיך אויך פאַר אַ מלאך, אַ ריינע נשמהלע. ווי ווערט מען פטור פון דעם אָנשיקעניש? נו?

גלינסקי איז גראָד אָנגעקומען אַנטקעגן, איינגעשלייערט ווי אַ זשאַנדאַרם אין אַ רעגן־פּעלערינע. ער האָט זיך געלאָזט צום פערד־און־וואָגן, וואָס איז גרייט געווען צום אָפּפאָר.

— אוי, אייך דאַרף איך טאַקע צו האָבן, חבר גלינסקי! — איז צילקע אַריבערגעשפּרונגען צו אים מיט פרייד — איר פאַרט שוין אין דאַרף?

— אַיאָ, איך טרעף: אָפּטרעטן אין מיידלשן קיבוץ? — פאַרלויפט ער איר פריער, וואָס זי וויל זאָגן.

— אומבאַדינגט, איר הערט, גלינסקי! און אַז ס׳וועט זיין בריוו, זאָלט איר מיטנעמען פאַר אונדז!

— און וואָס וועט איר מיר געבן דערפאַר? — האָט ער אויסגעבלעקעט אַ מאַגאַזין גאָלדענע ציין, די אויגן דורך די גלעזער פאַרגייען אין אַ הינ־טישער פרייד.

— גאָט שיקט מיר שוין צו שלעק! — האָט צילקע אַ זיפץ־געטאָן.

ראובני האָט זיך דערוויל געפילט באַליידיקט, וואָס צילקע האָט אים אַזוי אין מיטן דערינען געלאָזט שטיין ווי אַ נאַר אויפן מאַרק. האָט ער הינטנאַרום זיך אָוועקגעדרייט אַ דערצאָרנטער, מיטטראָגנדיק מיט זיך דעם באַגאַזש נישט דער־זאָגטע ווערטער.

— אָבער גלינסקי! — האָט צילקע אַ שטראַל־געטאָן אויף אים די אויגן. — איר וואַרט נישט פריער אויפן עסן?

— גייט שוין, לאָזט געמאַך!! — האָט זיך ס׳פּנים ביי גלינסקין אַ קרום־געטאָן ווי אַ צעקנייטשטע פייג. — וואָס האסטו דא? אָבער קאָמפּאָט־סראָמפּאָט, און ווידער די פּאָמעניצע — מ׳קען עס דאָך אין מויל נישט נעמען!

— העי, אָדון! — האָט אַ יונג אַ געשריי־געטאָן פון וואָגן — אפשר וועסטו אויפהערן בעבען? און קריך שוין אַריין מיט דער פּעלערינע אין דער עגלה!

אַ געקניפּלטע בייטש האָט אַ שמיר־געטאָן אויף צוויי פערדישע הינטנס, און דער וואָגן האָט מיט אַ סקריפּ זיך פאַרשניטן אַרונטער פון באַרג.

צילקע איז געבליבן שטיין איינע אַליין. אַ ברייטע פוסטקייט האָט זיך מיט־אַמאָל אַ צעשפּרייט געגעבן אַרום איר, ווי זי וואָלט זיך דערוואַכט אין אַ וויסטע־ניש. אַ ווינט האָט אָנגעהויבן פייפן פון די בערג. זי האָט זיך פאַרקערעוועט צו דער מחנה געצעלטן מיט פאַרשידענע מחשבות אין קאָפּ. הינטער איר האָט זיך צעקוואַקעט דאָס זומפּיקע ווילדערניש. ערב־נאַכט האָט ליידנשאַפטלעך געגראַ־גערט, געררוישט אויף הילכיקע רעדלעך. זי האָט געוואָלט, וואָס שנעלער זיין אין מיטן דער מחנה, אַרומגערינגלט פון צעזונגענע חברה, וואָס פון זייערע פאַר־ברוינטע פּנימער ווייעט אַ פרישקייט, ווי פון וואַרעמע ברויטן.

עס האָט איר געצויגן צו מרימען. זי איז דאָך אירער אַ פריינט מיטן גאַנצן האַרצן, און נישט איינמאָל פאַרטונקלט זי צילקעס פריילעכע שטימונג.

צילקע האָט אין געצעלט קיינעם נישט געטראָפן. מרימס בעטל איז צע־קנייטשט, אָן אַ סדר, דאָס בוך האָט זיך געוואַלגערט מיט צעעפנטע בלעטער. — זי איז אַוודאי ביי סיאָמקען? — איז זי פלינק אַרויס אין דרויסן.

דער ווינט האָט געווייעט, געפלויגן אין אַ ראָד; צילקע האָט זיך געלאָזט צו סיאָמקעס געצעלט. שפּיגל האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעקוועטשט.

— חבר שפּיגל, וואָס מאַכט סיאָמקע?

שפּיגל איז פאַר איר געבליבן שטיין אָן אָנגעלאָדענער מיט אומגעדולד. ער האָט בדעה געהאַט זיך צו פאַרקלייבן הינטער די געצעלטן, און דאָ האָט דער ווינט פאַרשייט זיך געוויקלט איבער דער ערד, איבערגעקערט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ.

— נו, אדרבא, כאַפּט זיך אַריין, ווערט געוויר — זענען שפּיגלס ווערטער אַוועקגעפלויגן מיטן ווינט.

דער ווינט האָט ווילעריש געריסן צילקעס קליידל ביז אַריבער די נאַקעטע קניען. זי האָט זיך געשטיקט מיט אַ מויל ווינט און אַראָפּגעשלעפּט דאָס פלאַ־טערנדיקע קליידל.

אינעווייניק אין געצעלט איז אַ געדיכטע היץ פון מענטשלעכע אָטעמס. חברה זענען פאַרשטעקט אין אַלע ווינקעלעך, זענען געקומען מבקר־חולה זיין סיאָמקען.

— ברוך־הבא, צילקע איז דאָ! — האָבן מען זי מקבל־פּנים געווען פון אַלע זייטן.

צילקע איז געבליבן שטיין אַ צעמישטע אין אָנגעפּראָפּטן שפּועדיקן גע־צעלט. דער קבלת־פּנים פון אויפגעטורעמטע פריילעכע פּנימער, איינס איבערן אַנ־דערן, ווי אָנגעצונדענע לאַמטערנעס, האָט איר אַ שלאָג־געטאָן אין פּנים מיט

שטוינונג און פרייד. זי האָט געזען זיצן מרימען מיט מיכאלן אויפן ראַנד פון סיאַמקעס בעטל.

צילקע איז אויפגעלעבט געוואָרן. די אויגן האָבן געשטראַלט, געלאַכט איבער קעפ און פנימער. זי האָט זיך געצויגן צו מרימען, וועלכע האָט צו איר אַזוי מאָדנע אַרויסגעשמייכלט; זי שמועסט מיט מיכאלן און די קרויזלען האָר וואַרפן זיך אַלעמאָל מיט אַ באַזונדערער הנאה איבער איר געפורעמטן שטערן.

סיאַמקען טריקנט אין האַלדז. ער מורמלט אין דער שטיל מיט פאַרטריקנטע הייסע ליפּן. ער פאַרגעסט, ווו ער איז. אַ הייסער פאַרעדיקער וואָלקן שיידט אים אָפּ פון דער נאַטירלעכער וועלט. דאָס פלוידערן פון די חברה פאַרגייט אין אַ טויבן עכאָ, קנוילט זיך געמאַטערט צו ברעזענטענער פאַרשפּיצטקייט. אין סיאַמ־קעס אויגן ראָלן זיך פייערדיקע רעדער. ער שאַרט זיך אויף זיין צעגליט האַרץ אין אַ שמאָלן טיפן טונעל. אַט ווערט ער אַזוי פלאַטשיק, צוגישט; אַט פליט ער באַרג־אַראָפּ מיט הוזשעדיקן שטראָם אויף קאַלטע צייגער — און באַץ... עס פליסט אים פייער אין די אויגן, אין האַלדז, אַלץ איז פאַר סיאַמקען צעשוווּ־מען, ווייט.

די פלאַכטעס פון געצעלט עפענען זיך אַלעמאָל: דאָ וואַרפט עס פון זיך אַרויס אַ יונג, דאָ פאַלט אַריין אַ צווייטער.

מרים סודעט זיך מיט מיכאלן אויף סיאַמקעס בעטל. מיט הונגעריקע אויגן הערט זי אויס די שטילע רייד פון מיכאלן. פון טיפן געמיט ברענגט ער אַרויס טרייסטנדיקע ווערטער, ווערטער, וואָס מאַכן פאַרגעסן איר אייגענעם ווייטיק. מיכאל, דער צעריסענער וואַגלער, פילט איצט אין האַרצן ביוטאַס אויגן, אויגן, איבערגעלאַדן מיט אַזוי פיל בלויען צער. ער זאָגט פאַר מרימען, אַז אין מאָמענט פון געפינען זעלישן גליק, באַרויבסטו אין דער זעלבער רגע די שלוה פון דיין נאָענטן מיטפריינט. אין אונדז גליט די קללה פון אונזערע אור־עלטערן: אָדם און חוה.

— ס'איז אפשר בעסער — האָבן מיכאלס אויגן אַהינגעקוקט צום אויס־געמאַטערטן סיאַמקען — וואָס איינער דעם אַנדערן קען זיך נישט דאָ אין דער מחנה, צ דור־הפלגה. יעדער איינער האָט פאַרזיגלט די חשבונות פון עבר און מען קנעלט איבעראַנייס פון „אַלף". האָט מען זיך אויפגעהאַנגען די זון אויפן האַרצן און מען גייט אין אַקער מיט אַ תפילה אויף די ליפּן.

מרים האָט זיך ביי די לעצטע ווערטער פון מיכאלן צעלאַכט. עס האָט אָפּגע־הילכט מיט האַרבן ווייטיק. זי זאָגט אים, אַז נישט אַלע „דאַוונען" מיטן ציבור. זי, לכל הדעות, קען נאָך נישט שלום מאַכן מיטן כלל; עס דוכט זיך איר, אַז אין אונדזער בלוט שפּרינגט אַ קוועקזילבער. דאָרט, ווו מיר פאַרוואַרפן דעם אַנקער, פילן מיר נישט אונדזער אייגנס...

סיאַמקען איז דערווידער דער אומקלאָרער שמועס. דורך אַ פאַרקוועטשט אויגל, ווי דורך הייסע גאָלדענע זאַמדן, כאַפּט ער אויף זייער פיינלעכן שעפּטשען. מרימס לאַכן און קאַנוולסיווע שפּרינגענדיקע אַקסלען האָט אים דענערווירט און געמאַטערט.

סיאַמקע האָט אַ גלי געגעבן מיט דער פויסט איבער מיכאלס קאַרק: — שמע, חבר, האָט זיך אים דורכגעריסן דורך די ציינער — גיב נאָר אַביסל... אַ רוח זאָל עס אַריין... — זיין האַנט איז צוריקגעפאַלן אויף דער דעק, ווי אַ שטיק מעטאַל — לא צריך צעירות...

סיאַמקע האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט און אַריינגעוואָרטשעט אין ברעזענט.

צילקע בעט ביי די חברה, זיי זאָלן נישט פילדערן אין דער הויך. דער חולה קען דאָך נישט פאַרנעמען דעם טומל. על־כל־פּנים איז דאָ ענג אין געצעלט. זי איז די ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אַרויס פון דאַנען. ווער טוט־נאָך איר ביישפּיל?

דער ערשטער איז, נאַטירלעך, געווען ראובני, וואָס האָט זיך אַרויסגעשאַרט מיט אַ פּעקל ציימונגען אונטערן אָרעם.

דער געפּילדער אין געצעלט איז אָבער נישט קלענער געוואָרן. דאָס האָט זיך פאַרנומען אויף הויכע אָקטאַוועס. עס וועבט זיך אַ קאָלירטער שרייענדיקער טעפּיך.

עס עפענען זיך ווידער די פלאַכטעס און עס פאַלן־אַריין פוסבענקל און יערוכעמזאָן. — רעדטס, רעדטס, — האָט יערוכעמזאָן אַ מעקע־געטאָן — איך קען נישט בטלענען, ווי איר. אָט האָט סעין פוסבענקל געלייזט ביי מיר דריי „גוזניקעס".

— כאַפּט דיך דער ים־קאָטער מיט דיין שפּילן! — האָט פוסבענקל נישט פאַרטראָגן יערוכעמזאָנס באַרימעריי.

— עך וויל בעסער הערן, וואָס איר רעדט דאָרט — האָט ער זיך צוגעשאַרט צו מיכאלן מיט מרימען. — פוסבענקל האָט אָנגעצילט אַן אויער:

— ס'לעבן איז אַין לאַנגער פיבער — האָט פוסבענקל אויפגעכאַפּט מיכאלס רייד — ס'וואַרפט דיך אין טויזנטער ניואַנסן.

— אַ פיבער פון פרייד און ווייטיק — פאַרריכט מרים.

— און עך זאָג דאָך עס — האָט פוסבענקל אַן אויפגעלעבטער זיך אַ טאַרע געטאָן אונטערן אָרעם — אַרבעטן אַרבעט מען ווי די פרדות. און עסן עסטו ווי אַ פייגעלע. נו, פאַרוואָס זאָל דיך נישט וואַרפן דאָס קדחת?

שפּיגל האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ פון הינטער די פלאַכטעס. אַ געמאַטערט

זויער פּנים, די אויגן האָבן מיט תחנונים געגלימצערט איבער טומלדיקע צעי־היצטע קעפּ.

— ששש... האָט ער איינגעשטילט דעם געפילדער, צולייגנדיק צוויי פינ־גער צו די פליישיקע ליפּן — זי, שפרה, זאָגט, אַז לענגער קען זי שוין נישט וואַרטן. דעם קעסל דרייט זי איבער, אויב איר קומט נישט אַריין עסן.

יערוכעמזאָן האָט זיך אַ שטעל־געטאָן מיט צאָרן און צוריקגעפאַלן אויף אַרויסגעשטעלטע קניען פון חברה. — זאָל זי נאָר פּרובירן, די סטיק סלאַק, איך וועל איר די ציינער אויסדרייען!

די פאַרפלאַנצטע שטחים זענען אַרונטערגעלאָפן מיט גרינע שורות ביימ־לעך. האָבן מחנותוויז אַטאַקירט די זומפּן, וואָס האָבן זיך געשטיקט אין האַרבן עיפּוש. זוניקע הימלען לעשן זיך פון אָנגעפּליוגענע וואָלקנס, פאַרטראָגענע פון ווייטע צפון ווינטן. וואָלקנס וויקלען זיך מיט גליוועער און וואַקסן געדיכט אין די הימלישע הויכן; זיי יאָגן זיך מיט גיריקע אַפּעטיטן צום רעגן יום־טוב. הימל פאַלט־צו נידעריק צו דאַרשטיקער ערד, און יונג וועלדל ווערט נאָך גרינער פאַרן אויג, כאַטש צייל־איבער יעדע שורה באַזונדער.

סיאָמקע האָט געשפּאַנט מיטן „כאַוואַדזשאַ מוסאַ" אַרום דעם יונגן וועלדל און איבעווייניק ביי אים האָט געוואַקסן אַ געפיל פון איינעם, וואָס איז צופרידן פון אַ גרויס אָפּגעטוענער זאַך: — ס'וועט נאָך דאָ אויסוואַקסן מיט דער צייט אַ יידיש דאָרף — האָט סיאָמקע זיך געגרויסט פאַרן כאַוואַדזשאַ מוסאַ. — ער האָט געזען אין יידישן לאַנדווירט אַ „האַלבן אַראַבער". ער האָט דאָך מער צו טאָן מיט דאָרפישע פעלאַכן, ווי מיט יידן.

כאַוואַדזשאַ מוסאַ האָט געזויגן די פּייקע און די דין־פאַרצויגענע אויגן־שפּאַלטן האָבן געהאַלטן וואַך איבער דער מחנה אַראַבער, וואָס האָבן געמיניעט פון דערווייטן. עס האָט אים באַצייטנס געמאַטערט די זאָרג, ווו נעמט מען נאָך אַזאַ וואַלד צו פלאַנצן. אָט ווערט שוין די אַרבעט פאַרענדיקט. פון די פּאָר דונאַם ביימלעך, וואָס ער פאַרמאָגט אין דאָרף, קען ער האָבן „וואַסער אויף קאַשע". — וויפל מען פאַרמאָגט, איז אַלץ ווייניק. ס'איז אים קשה געוועזן דאָס לעבן פון די קיבוצניקעס: פאַרמאָגן גאָרנישט — און דאָך לעבן זיי!

סיאָמקע פילט זיך נאָך דער קרענק, ווי איינער, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן תענית; אָבער אינעווייניק פילט ער אַ לייכטקייט. ער זעט אַלעמען מיט אַנדערע אויגן. עס דוכט זיך אים, ווי ער וואָלט איצט געבוירן געוואָרן פון דאָס ניי. דער דאָקטאָר האָט סיאָמקען באַפולמעכטיקט אַוועקצופאָרן אין אַ סאַנאַ־

טאַריע אויף צוויי וואכן; אָבער ער וויל נישט הערן וועגן דעם. ער וועט, ווי יענער זײַ׳נער פאַרלאָזן דער לעצטער דעם קאָמפּס־פּלאַץ. נישט אומזיסט האָט מען אים איבערגעגעבן די אַחריות פאַר די מענטשן און אַרבעט.

חברה זענען געווען אויסגעבענקט נאָך אים ביי דער אַרבעט. מ׳האָט סיאָמקען אויפגענומען ווי אַ טייערן אויסגעבענקטן גאַסט.

סיאָמקע האָט אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן די שטחים ערד, וואָס מען דאַרף נאָך באַאַרבעטן, געקוקט צו די פאַרוואָלקנטע הימלען און געמונטערט די יונגען, מ׳זאָל נישט שלאָפן: אַ־נו־קאַ, מיר וועלן נאָך שטעקן אין מיטן!

די פּיאָשן האָבן געקלאַפּט אין דער ערד, אַרויסגעביסן גאַרשטשעס ערד און אַוועקגעשליידערט אין אַ זייט. דער געדאַנק, וואָס סיאָמקע האָט אַרויסגעזאָגט פאַרן כאַוואַדזשא מוסא״ מכוח דעם יידישן דאָרף, וואָס וועט נאָך דאָ אויסשפּראָצן ארום דעם וואַלד, האָט זיך אין אים אַלץ מער צעוואַקסן. אָט וועלן פאַרשווינדן די ברעזענטענע געצעלטן. אויף זייער אָרט וועלן אויסוואַקסן געמויערטע הייזקעס; דער וואַסער־טורעם וועט זיך גרויסן צו די הימלען מיט דער בעטאָן־בירקע. עס וועט צעשיקן וואַסער איבער די פעלדער און גערטנער. עס וועט נישט בלייבן קיין זכר פון די זומפּן. ,

סיאָמקע איז געווען אַזוי פיל דורכגענומען מיטן גלויבן וועגן דעם צוקונפטיקן „פּונקט״, וואָס וועט דאָ אויסבליען, אַז ער האָט אַ צעשטראָלטער זיך אָפּגעשטעלט פאַר מיכאלן און מיט אַן איבערפולט האַרץ זיך פאַרטרויט פאַר אים — דו ווייסט, מיכאל, איך האָב שוין געקלערט פון פריער, מיר וועלן ביי דעם וואַלד אויסבויען אונדזער דאָרף...

מיכאל האָט זיך אָנגעלענט אויפן פּיאָש־הענטל און אַרויפגעקוקט צום הויכן סיאָמקען: — עס וועלן נאָך דורכלויפן אַ סאַך וואַסערן, ביז דיין חלום וועט מקוים ווערן.

סיאָמקע האָט נישט געוואָלט אויסהערן דעם חברס ספקות. ער האָט געכמורעט די זאַנגען־ברעמען און געלאָזט פאַלן ווערטער: — פאַרשטייסט... מען דאַרף אַ קלער־טאָן וועגן אַ שטיקל תכלית.

צי מיכאל האָט פאַרשטאַנען צו וואָס סיאָמקע צילט דאָ מיט די רייד? ער האָט אים געפרעגט רואיק, מיט תמימות, וועגן וואָסער תכלית סיאָמקע מיינט דאָ?

— פאַרשטייסט... — האָט סיאָמקע אַרונטערגעלאָזט די אויגן צו דער צעגראָבענער ערד — מען דאַרף זיך אָפּקלייבן אַ חברטע. יעדער חבר וועט וווינען אין זיין הייזקע. מיר וועלן בשותפות באַאַרבעטן די פעלדער.

זינט סיאָמקע איז אויפגעשטאַנען פון דער קרענק, האָט מיכאל אין אים דערפילט אַ ראַשיקע ענדערונג. דאָס, וואָס ער האָט איצט גערעדט אַזוי אָפן, וואָלט ער פריער, דוכט זיך, פאַר אים אויף די ליפּן נישט אַרויסגעברענגט. אַז

ער סיאַמקע, האָט שוין יאָ באַרירט דעם „אײדעלן ענין״, — אפשר מײנט ע ר גאָר אַ טאָפּ־טאָן אים, מיכאלן?

מיכאל האָט אים פרײנטלעך דורכגענומען מיט די גרויע אויגן. ער האָט אים פאַרזיכערט: — װעסט זען, סיאַמקע, אַ חברטע װעט דיר אַרײנפּאַלן אין די הענט פּונקט װי אַ צײטיקע פּרי פּאַלט פון בוים־אַראָפּ.

9.

שוין דרײ טעג, װי עס רעגנט כסדר. דער רעגן װעט מסתמא אָנציען נאָך עטלעכע טעג. חברה גײען־אַרום מיט אויסגעלאָשענע פּנימער, װי זײ װאָלטן קײנמאָל זיך נישט געבאָקן אויף דער זון. יעדערער האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַלטע רעקלעך און פּאַלטענעס, װאָס האָבן געשמעקט מיט אַלטע הײמען פון װײטע קאַלטע לענדער.

אײן רעגן גײט־אַװעק, עס קומט־אָן אַ צװײטער, אַ שפּיזלדיקער. קאַלטע װינטן יאָגן אַ נאַסקײט אין די בײנער־אַרײן. ערד איז בלאָטיק־װײך. דאָס גרינע װילדערניש איז טיף פאַרטרונקען אין װאַסער, און פאַר די אויגן איז דער האָרי־זאָנט פאַרשמירט מיט גרויען פּיכטן נעפּל.

עס רעגנט און רעגנט.

אויסגעװײקטע געצעלטן שטײען פּינצטערע, נאַסע; אויף אָנגעצויגענע שטײפע פּלאַכטעס שלײדערט אויס דער װינט גאַרשטשעס רעגן. באַראַבאַנעװעט אַ װינטיקן גרוס, און רעגן גײט עקשנותדיק אויף צװײיקטער ערד.

חברה לויפן אַרײן פון אײן געצעלט אין צװײטן מיט אויפגעשטעלטע קעלנער. זײ קומען אַ שמעק־טאָן, װו מען האַלט אין דער װעלט.

— נו, װאָס װעט זײן דער תּכלית? — האָט מען זיך געפרעגט מיט טרײס־לענדיקע צײנער — מיר װעלן אַזוי זיצן מיט פאַרלײגטע הענט?

— האָט זיך עס דער „אַלטער״ אַביסל צעבײזערט: אַלע קראַנען האָט ער צעעפנט!

גלינסקי, מיט די מוטנע ברילן־גלעזער אויף זײן פּופּיק־נעזל, ליגט אײנגעע־ניורעט אין בעטל און רעדט־אַריבער צום שכן: — דו װײסט? „נחן״ איז שוין בעכער געװען פאַר אונדז. ער האָט כאַטש אַרויסגעשיקט זײן טײבל אַ שמעק־טאָן אויף גאָטס װעלט. גײ, שטעק־אַרויס די נאָז אין אַזאַ מבול! — האָט ער זיך נאָך מער אײנגעניורעט אין די דעקעס.

— הער נאָר, גלינסקי — איז דער שכן פאַר אים געשטאַנען אַן אויסגעע־

וויקטער מיט אַ פּיאַש אין האַנט — דו דערציילן מיר נישט קיין מעשיות, הערסט? קריך־אַרויס פון בעטל און גראַב־אַרום דעם געצעלט — אַנישט שווימסטו אַוועק אין מצרים. איך האָב שוין מיין חלק אָפּגעגראַבן!

— פאָלג מיך אַ גאַנג — האָט גלינסקי געוואָרטשעט אין די פינצטערע דעקעס אַריין — זאָל עס שווימען, זאָל עס אַלץ אונטערגיין, אַן עבירה איצט אַרויסצולאָזן אַ הונט אין דרויסן.

דער רעגן האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן, ווי מיט אַרבעס, אויף די אָנגעצויגענע נאַסע פּלאַכטעס.

גלינסקיס שכן, אַ הויכער יונג מיט אַ געבויגענער פּלייצע, האָט מיט כּעס זיך אַרויסגעגליטשט דורך די פּלאַכטעס, איבערלאָזנדיק אינעווייניק אַ פינצטערע אומהיימלעכקייט.

רעגן גיסט אָן אָפּהאַלט. עס וועט נישט נעמען קיין סוף. פון שפּיץ באַרג שלענגלען זיך אַרונטער ריטשקעס וואַסער. וואַסער גליטשט זיך מיט געאייל און געפּילדער אין לאַנגע געדרייטע רינוועס. רינגלען אַרום אין קלעם צעדרייטע געוויקסן און ווילדע פלאַנצונגען; וואַסער שווענקט־אונטער טיפע פאַרפלאָנטערטע וואָרצלען. מיט גיריקן פליוך גיסט זיך אין רינווע אין דער צווייטער אַריין, און מיט פאַרשטאַרקטן אימפּעט קוועלט עס ברויזנדיק אין געדרייטע פאַרפלאָנטערטע שטראָמען. עס ברויזט־אַרונטער איבער גראָזן און קאַרטשעס, מיט צעשריגענעם רעש שפּאַרט דאָס וואַסער צווישן געצעלטן, וועלכע שרומפּן־איין, ווערן קלענער, שמעלער ווי איינגעפאַלענע זקנות — אָט־באַלד וועט פון דעם גאַרנישט ווערן.

אַ קאַלטער צפון־ווינט האָט זיך אָנגעטראָגן איבער באַרג און גיגאַנטיש געשטויסן אַלץ, וואָס אויפן וועג. ווינט און רעגן זענען אויסגעמישט אין איין גע־ווירבל. געצעלטן שליידערן זיך אַהין און צוריק, רייסן זיך אויף די צוגעבונדענע שטריק, ווי צעדולטע בייזע הינט.

יונגען זענען אומרואיק אין די געצעלטן, מען טוליעט זיך איינער צום צווייטן, און הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַזוי נידעריק צו דער ערד מיט אַ פינצטערער־שווערער כמאַרע, אַז עס האָט אָנגעיאָגט אַן אומהיימלעכן חושך אין מענטשלעכע אויגן. ווינט האָט זיך געדרייט איבער באַרג און טאָל. ליכטיקע בליצן האָבן גע־פלאַמט און זיגזאַגדיק געשניטן דעם פינצטער־אָנגעגאָסענעם הימל. און רעגן האָט צען־פאַכיק זיך פאַרשטאַרקט, געדיכטע ווענט וואַסער האָבן ראַשיק געגאָסן, נעגאָסן מיט צעבייזערטן געשריי.

גלינסקיס געצעלט האָט פון וואַסער־דרוק אַלץ מער זיך געזעצט צו דער ערד, איז קלענער געוואָרן. די וואַגיקע פּלאַכטעס האָבן אַזש דערגרייכט דאָס בעטל, וווּ אינעווייניק האָט זיך געהויקערט פאַר קאַלטער שרעק דער פאַרגלייווערטער גלינסקי.

אַ זייט פונעם געצעלט האָט זיך פּלוצים מיט אימפּעט אויפגעריסן, ווי אַן אייזערנע האַנט וואָלט עס אַ פליק־געגעבן. מיטאַמאָל האָט אַלץ זיך אַ הויב געטאָן אין דער לופט. די פּלאַכטעס און נאָכגעהאַנגענע שטריק פלאַטערן אָנגע־בלאָזענע אין ווינטיקן רעגן.

גלינסקי האָט אַ צעדולטער זיך אַרויסגעגראַבלט פון בעטל, פאַרכליניענדיק זיך מיט ווינט און רעגן. עס האָט אים געפּאַטשט און געשמיסן פון אַלע זייטן.

אין דער מחנה איז אַן אַליאַרם:

חברה העלפן פאַרשיטן די דורכגעריסענע געצעלטן. פיאַשן טשאַפּען אין דער ערד מיט שווייסיקע קרעכצן. עס פאַלן בריזדעס נאַסע ערד אויף פּלאַכטעס — און וואַסער שפּאַרט דורך אַלע זייטן.

גלינסקי האָרעוועט מיט די לעצטע כוחות. וויפל ער שיט מיטן פיאַש, איז ווי אַ שפּיי אין ים אַריין. דער קאַלטער ווינט שלאָגט אים אין פּנים, אויפן פּלייצע, ווי מיט שווערע טיכער. פון הינטער די פּלאַכטעס זעצט זיין שכן מיטן פיאַש און שיט קללות פון אַלע זייטן:

— אַזאַ כלב, ווי דו, וואָלט איך גאַרנישט געראַטעוועט, ווען ער טרינקט זיך.

— ער רעדט נאָך, נו? — האָט גלינסקי, דורכגעווייקט פון שווייס און רעגן, זיך פאַרענטפערט — ווער האָט דיר אַרויסגעראַטעוועט די קישקעס פון וואַסער? ער גייט זיך גאָר אַוועק אויסקוקן די וועלט אין אַזאַ מבול?

— פאַררעד נישט די ציין, דו תרח איינער — האָט צו אים אַריבערגעשריגן פון יענער זייט זיין שכן — איכל פאַר דיר דאָ נישט אַרבעטן, וועסט זיך דאָ זיין אַ פריץ און היטן דאָס טעכעסל. זע נאָר, ווי ער ווישט זיך עס די הענטעלעך? האָט ער אַריבערגעשפּאָט מיט גאַל.

— אַז גיי, אַרבעט אין אַזאַ מבול — האָט גלינסקי זיך געקאַרטשעט מיט פאַרשמירטע ברילן אין גאַס־רעגן — איך האָב דאָך שוין נישט קיין געדערים.

יונגען בייגן זיך אין רעגן און האַקן מיט פיאַשן און האַמערס ביי די צעדולטע צעכראַשטשעטע געצעלטן. ווינט וואָיעט ווי אַ ווילדע חיה.

ביי רעכטמאַנס געצעלט האָט אַן אויפגעריסענע וואַנט זיך אָנגעבלאָזן מיט אַ ריזיקן בויך, אַזש צעפּלאַצט צו ווערן.

— יעקע, וואָס שטייסטו ווי אַ לעמאָך מיטן פלאָקן? — האָט רעכטמאַן זיך געהיצט ביי דער אָנגעבלאָזענער וואַנט.

— רעדן זי מאָל ווייניקער און האַלטן זי מאָל די שנאָוצע! — האָט דער יעקע זיך געפּאַרעט מיטן פלאָקן ביים אויפגעריסענעם שטריק — ס'איז דען זיין שולד, וואָס דער פלאָקן שווימט אים אַרויס פון דער צעבלאָטיקטער ערד. ער האָט שוין אַזוי פיל פאַרדאַמטע קללות אַריינגעזאָגט אין דער בלאָטע אַריין, און רעכט־מאַן שיט אים נאָך זאַלץ אויף די ווונדן.

— זיי האָבן מיר אַ תל געמאַכט פון טשעמאָדאַן, איבערגעפירט די העמדער — האָט רעכטמאַן געלייגט פּאַרציעס שווערע ערד אויף די פּלאַכטעס — אַלץ איז אויסצודרייען . . . צו אשפה געמאַכט . . . — האָט ער געדעכעט מיטן אויסגעווייקטן גוף.

— אַ צום טייוול זאָל עס גיין! איך האָב שוין אַ שטריק איבערגעהאַקט — האָט רעכטמאַן ממש זיך צעווינט — גיי, זיי אַ בריה... יאַללאַ, קעלער, לאָמיר דעם שטריק אָנציען!

דער ווינט האָט געשמיסן אין די פאַרשוויצטע פּנימער בייטשן רעגן, און צוויי פּאָר בלאָטיקע הענט האָבן געצויגן מיטן גאַנצן כוח אַ גראָבן שטריק:

— אָט אזוי...

— אָ, אָ....

אַ פרישער פלאָקן האָט ערגעץ זיך אַרויסגעגליטשט, און ווינט האָט געריסן די שווערע פּלאַכטעס. קעלער זעצט מיטן פיאַש. ביי רעכטמאַנען האָט ווידער געפּלאַצט אַ שטריק — און באַץ... מיט אַ פּאָר איבערגעקערטע פיס ליגט ער שוין אויף דער בלאָטיקער ערד.

— אַ כאָלעריע מיט זייערע וועלדער, מיט זייערע בלאָטעס — האָט רעכטמאַן זיך אויפגעשטעלט אויסגעריסט ווי אַ פאַרזעעניש — זאָלן דאָ הינט זיצן, נישט קיין מענטשן! — וואַרט, וואַרט, זאָל נאָר אויפהערן דער רעגן. וועסט מיר שוין דאָ אָנזען? האָט ער דעם גאַנצן גרימצאָרן אויסגעלאָזט צו קעלערן.

קעלער האָט אים מיטגעפילט מיט זיין וועלשענעם פינצטערן פּנים, און פון צעווייקטן קאָפּ האָט אים אַראָפּגערונען ריטשקעס וואַסער איבערן פּיטש־נאַסן מאַנטל.

אַן אומצופרידנקייט האָט זיך געקלעפּט אין אַלעמענס הערצער, אַזאַ גרויער און אַן־סופיקער, ווי דער נישט אויפהערנדיקער רעגן, וואָס גיסט אַזוי טאָג־אייך, טאָג־אויס. געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס וועט שוין קיינמאָל נישט אויפהערן.

אַלעמענס אויגן האָבן אַרויפגעבליקט צום פאַרשמירטן רעגנדיקן הימל און אויסגעבענקט בלויע לויטערקייט — אַ לייטערונג אין דערשלאָגענע הערצער. פאַראומערט, שווייגנדיק האָט מען זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן, די אויגן האָבן געטענהט: שוין זשע זענען מיר צו דעם געקומען? אָנקוקן זיך אין די אויסגעלאָשענע פּנימער? זון ווילן מיר, ליכטיקייט אין האַרצן!

אין קיך איז איצט אַ טויבער עכאָ: אַ געשריי פון מענטשלעכע אָטעמס מיט אַ רעגן־געזשום איבער ברעזענטענע פּלאַכטעס. נאַסע איינגעהויקערטע פּלייצעס

טוליען זיך איינס צום צווייטן, און אַ פינצטערע פייכטקייט זעצט זיך צו דער ערד.

מרים איז צוגעקילט צום ווילפטן מאָל? אַ ווייס־וואָלענער שאַל איז איר אַרומגעוויקלט אַרום האַלדז. זיצט זי אין קיך און קוקט־אַראָפּ אַזוי פאַרלאָרן צו די ווינטערדיקע שיך מיט די הויכע כאַלעווקעס, וואָס זי האָט אויף זיך אַרויפ־געצויגן. מרים פילט אַ פיינלעכע נאַגעניש. די פוסטע, נודנע טעג פון גאָרנישט טאָן צעפרעסן איר איינגאַנצן. וואָס וועט זי זיך אַרומוואָלגערן אין דעם פאַרטרונ־קענעם זומפּ? די אַרבעט גיט דאָך איר אַן אינהאַלט אין לעבן. מרים דערמאָנט זיך אין מיכאלס רייד, וואָס ער האָט איר אַמאָל געזאָגט: „אינהאַלט אין דער מהנד געפינט מען נאָר אין דער אַרבעט און דאָס גלויבן אין אַ גוטן פריינט״.

מרים פילט איצט, ווי מען וואָלט פון איר אַוועקגענומען דעם אינהאַלט צום גאַנצן לעבן, איר האַרץ איז דאָך איבערגעפּולט מיט פריינטשאַפט פאַר מיכאלן — פאַרוואָס צאָלט ער איר נישט אָפּ מיט דעם זעלבן גאָב? עפּעס אַזאַ מאָדנער איז ער מיט זיינע נישט־פאַרשטענדלעכע קאַפּריזן. מרימען דוכט זיך, אַז מיכאלס באַציאונג צו איר איז אויסגערעכנט מיט געוויסע כוונות. מעגלעך, ווייל זי גאַרט אַזוי צו אים, — ווייזט ער פאַר איר אַרויס קאַרגע פריינטשאַפט? און אפשר איז זי, מרים, אַליין שולדיק? פאַרמאָגט נישט דעם נאַטירלעכן כוח צו פאַראייגענען זיך אַ פריינט? —

מרים זיצט איינגעטוליעט אויף דער פייכטער באַנק און די רעיונות פיבערן און צעטומלען איר איינגאַנצן. זי זעט זיך אַזוי אָפּגענאַרט אין אירע אייגענע אויגן. עס אַרט איר כלל נישט, וואָס דער הויך־געוויקסיקער סיאָמקע שפּאַנט דורך אַלע מאָל פאַר איר אַזאַ פאַרקלערטער, און זיינע שיך, אַפּנים, צעלעכערטע, קוויטשען פון אָנגעקוואָלענער נאַסקייט. זי וועט אַנטלויפן צוריק אין דאָרף אַריין, וואָס דאַרף זי זיך פייניקן אין אַן־סופיקן רעגן.

סיאָמקע האָט אַ ווײלע זיך אָפּגעשטעלט פאַר איר, אַ גלעט געטאָן מיט דער דלאָניע אירע פייכטע שוואַרצע האָר: זאָרג נישט, מרים, נאָך אַ רעגן לייטערן זיך די הימלען. מיר וועלן אָניאָגן מיט דער אַרבעט — האָט ער איר געטרייסט.

— איך גלייב נישט — האָט מרים איינגעשנירלט די ליפּן אין וואָלענעם שאַל.

— פאַרוואָס, קינד, האָט ער אָנגעשטעלט אויף איר די וואַסערדיקע בלויע אויגן.

— איך גלייב קיינמאָל נישט אין זיך, ווייל איך בין תמיד אַליין. — מרים האָט אין דער רגע געפילט אַזאַ נאָענטקייט צום הויך־געוויקסיקן סיאָמקען, אַ רויע שיינקייט האָט פון אים געווייעט.

— ביסט אַ נאַריש מיידל — האָט סיאָמקע איר אַ זאָג־געטאָן און אַוועקגע־שפּאַנט אַ פאַרקלערטער.

— און דו ביסט אַ שלעכטער בחור — האָט זי אים נאָכגעשיקט אַן ענטפער.

מרים קען שוין נישט קאָנטראָלירן אירע אייגענע געפילן אין דער מינוט. ביי איר נעסטיקט זיך אַן אומצוטרוי צו דער גאַנצער וועלט. — זי וועט אַנטלויפן פון אַלעמען — פון זיך אַלײן אויך. זי האָט דערזען זיצן מיכאלן אין עפּענונג פון קיך. ער האָט ארויסגעקוקט אין רעגנדיקן דרויסן. עס האָט זיך איר ווידער אָנגעצונדן אין האַרצן אַ געדיכטער וואָלקן.

און רעגן האָט געגאָסן אָן אויפהער, אָן אויפהער.

אַ טויבער עכאָ הוזשעט איבער אומצופרידענע קעפּ.

אין דער קיך־עפענונג ליגט אויסגעצויגן דער צוגעוווינטער געל־אַראַבישער הונט און גריזשעט אַ ביין, די שפּיציקע גאָמבע וואָרפט זיך זייטיק, און דער ביין קנאַקט צווישן די שאַרפע ציינער. ער וויל זיך דווקא אַרויסגליטשן פונעם הונטס שאַרפן קלעם.

און אומצופרידענע ברוינע פּנימער פינצטערן, מיילער קרימען זיך פאַר צער:

— לעבן גיט אונדז!

— זון, זון!

— וואָס זיצן מיר דאָ פאַרשטעקט?

מיכאל האָט פאַרנומען אַן אינערלעכע שטילקייט, אויסגעמיילט פון דער אַרומיקער האַוועניש, פון זשומענדיקן רעגן, וואָס גיסט מיט אָנגעצויגענע שנורן אויף דער ערד. אין האַרצן האָט זיך ביי אים אָנגעצונדן אַ ליכטיקייט, ווי עס וואָלט זיך ביי אים עפּעס אַנטפּלעקט:

די מחנה איז פאַר מיכאלן אַן אַכסניה. ער זעט זיך ווי אַ טייל פון גרויסן כלל, וואָס איז מוותר אויף די זעלישע פאַרלאַנגען פון יחיד. איבער די צעשפּרייטע פּונקטן פון לאַנד זעט מיכאל אָנצאָליקע אכסניות. דאָרט זיצן נאָך אַזעלכע בחורים ווי ער. אינעווייניק צייטיקט זיך אַ גלויבן. אָן דעם גלויבן קען קיין ליכט נישט זיין. וועט יעדער איינער צוטראָגן זיין חלק — איין גרויסער קרבן־מנחה פאַר דער אויפגייענדיקער זון.

דער הונט האָט פאַרענדיקט זיין מאָלצייט, פאַרקוקט אין מיכאלס פּנים מיט גלעזערנע בלוט־אָנגעגאָסענע אויגן, ווי וואַרטנדיק פון אים אַן ענטפער. לסוף האָט ער אַ ברייטן געניץ געטאָן, פאַרקערעווענדיק זיך מיטן מאָגערן הינטער־חלק און געשאָקלט הינטישמעסיק מיטן וויידל.

מרימען רייצט אַן אומגעדולד. זי קען אויף דער באַנק נישט איינזיצן. זי וויל אַנטלויפן, פאַרשטויסן אַלץ, וואָס אַרום איר געפינט זיך. זי האָט זיך שיער נישט צעשריגן היסטעריש. אַ מאָדנע מטושטשע גוטסקייט פילט זי איצט צו סיאָמקען, פאַר דעם הויכן, האָמעטנעם — אַזוי אומגעלומפּערט צעשויבערט איז ער. — ניין! זי האָט שוין חרטה — זי וויל אים אָפּשטויסן, פאַרטרייבן מיט ביטערניש.

מרים האָט שטום־ווילד אַ פֿאַרוואָרף־געטאָן אהינטערצו דעם קאָפּ. די קרייזלען האָר האָבן זיך הפקרדיק צעשאָטן. טרערן האָבן געברענט אין די גרויסע אויגן.

סיאָמקע האָט זיך פֿאַר איר אָפּגעשטעלט, אָנגענומען ביים עק פֿון וואָלענעם שאַל און געפֿרעגט איר מיט געבעט, גערירט: — זאָג, וואָס איז דיר? פֿאַרמאָגסט העכערע טעמפּעראַטור?

— איך פֿאַרמאָג איצט גאָרנישט, פֿאַרשטייסט, בן־אָדם! — האָט מרים ממש אויסגעשריגן אין זיין פּנים־אַריין — פֿאַרוואָס שפּאַנסטו אַהין און צוריק, און פֿילאָזאָפֿירסט? זאָג, סיאָמקע, ווען הייבט מען אָן אַרבעטן? עס איז נישטאָ, וווּ זיך אַהינצוטאָן, פֿאַרשטייסט?

— זאָרג נישט, מרים, מיר וועלן אַרבעטן. ביזט גערעכט. ווען איך אַרבעט נישט, שפּילט ביי מיר אויך דער מוח.

מרים הייבט זיך איבער דעם טומל. אירע היציקע געדאַנקען מישן זיך אויס אין פּייכטן הו־האַ; זי איז אַרונטערגעפֿאַלן אַזוי מאַכטלאָז אין אַ נישט־אויסגאַנג־לעכן בלינדן תהום. אין איר אומרואיק אָנגעווייטיקט האַרץ האָט זיך געראַנגלט מיכאל — אַ נישט־אויפֿגעלעזט רעטעניש.

דער טומל אין קיך ווערט געדיכטער. מען געפֿינט שוין נישט קיין ליידיקן פּלאַץ. צילקע זיצט איינגעוויקלט אין אַ דיקן מאַנטל און שיינט־אַרויס פֿון הינטער דעם הילצערנעם לאַנגן טיש. ראובני רעדט אין איר אַריין פּאָליטיק. זיינע עלנ־בויגנס זענען צעלייגט איבער דער הילצערנער פּייכטקייט, און דער קאָפּ רוט נישט, וואַרפֿט זיך אַהין און אַהער.

— מיר קענען נישט איינגיין אויף קיין שום קאָמפּראָמיסן! אונדזערע אַר־גומענטן מוזן דערפֿירן צום נצחון! — טענצלען די פֿעפֿער־אייגעלעך.

זיינע רייד גייען צילקען פֿון איין אויער אַריין אין דורכן אַנדערן אַרויס. זי קראַצט פֿאַרטראַכט מיט אַ גאָפּל אין טיש.

חברה שלייפֿן די ציינער צום עסן. ביי די קעסלען פֿאַרען זיך נחמה און שפֿרה, איינגעוויקלט אין בחורישע רעקלעך. דער צודעק אויפֿן קעסל ציטערט און ברומט פֿון שטויסנדיקער פּאַרע.

פֿוסבענקל, מיט אַן אָנגעשוואָלענער פֿאַרבונדענער באַק, קלעפּט דאָרט ביי די קעסלען, באַמיט זיך דווקא שמייכלען צו נחמהן. די אָנגעשוואָלענע באַק פֿאַר־דושעט זיין שמייכל.

דער רעגן האָט אָנגעהויבן דינער ווערן, אָנגעיאָגטע ווינטן האָבן פֿאַרטריבן די אויסגעמאַטערטע וואלקנס. אַלץ האָט אויפֿגעלעבט, אויסגעגלייכט די אייג־

געשרומפּענע אברים. ערד האָט אָנגעהויבן קריגן טרוקענע פלעקן. גראָז גלייכט זיך אויס מיט אויפגעלעבטן כוח פון נאַסער שפלות. האָבן זיך פויגלען געצויגן אין שוואַרצע טשאַטעס, און אין די הימלען האָבן זיך געטראָגן פויגל־געשריי, פריידיקע בשורות שפּרייטן זיי אין טיפער ווייטקייט.

ביי חברה שטייפן זיך די פיס, אָנגעצויגענע מוסקולן האָבן אומגעדולדיק זיך געריסן אויפן פעלד.

גייען יונגען אויף דעם לאַנג נישט־באַטרעטענעם פעלד. זיי האָבן זיך געפילט ווי טייערע געסט אויף דער אויסגעבענקטער ערד.

אַ פרייד יערט אין די פאַרשטאַרטע אָדערן. וועט זיך די זון אַ צעקלונג־טאָן מיט הייסן גאָלד אויף באַרג און טאָל! — ס׳וועט אַראָפּשווענקען די מרה־שחורה פון אומצופרידענע פאַרבענקטע פּנימער.

סיאָמקע איז געגאַנגען מיט מיכאלן באַרג־אַרויף. מ׳האָט זיך געהויבן אַלץ העכער צום שפּיץ. פון דאָרט קען דאָס אויג אויפכאַפּן די צעשפּרייטע טאָלן און בערג. מיכאל האָט פאַרנומען אַ געדיכטע פרייד, וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון דער שמעקנדיקער ערד. עס האָט אויסגעפילט זיין האַרץ, וואָס האָט אַ צייט־לאַנג געוויטיקט אין צער.

אַ רויע פרייד האָט זיי געשטויסן אַלץ העכער און העכער.

ביים סאַמע קאָפּ פונעם באַרג זענען זיי געבליבן שטיין. פאַר זייערע אויגן האָבן זיך אַ צעשפּרייט־געגעבן די אַרומיקע טאָלן. פאַרפלאַנצטע גרינע ביימלעך זענען געלאָפן, זיך געוואָלדיקט מיט שאַרפן גרין. פעלדער האָבן אין דער נידער זיך געפלאָכטן און געמיניעט אין ברוינע, גרינע פאַרבן.

די זון האָט אויסגעשאָסן מיט ליכטיקן גאָלד דורך אַן אויפגעריסענעם וואָלקן. עס האָבן זיך אנגעהויבן צינדן אין דער נידער פעלדער און גרין־פאַרפלאַנצטע שטחים.

— מיכאל! — האָט סיאָמקע צו אים אויסגערופן מיט האַרץ — וועסט זען, מ׳יר וועלן דאָ, ביי די טריט פון באַרג, נאָך האָבן אַ יידיש דאָרף.

מיכאל האָט אין דער רגע געגלויבט אין אַלע רייד, וואָס סיאָמקען וועט אַרויפקומען אויפן געדאַנק. די נאָענטקייט צו פריש־צעאָטעמטער ערד האָט פאַר־שיכורט און געמאַכט גלויבן אין אַלץ.

— וועסט — האָט סיאָמקע צעשפּרייט די דלאָניעס — איך האָב מיין עבר פאַרלאָרן, פאַרלאָרן מיין שטאָם, מיט דעם־אָ — האָט ער אָנגעוויזן אויף די הענט — וועט מען אויסקנעטן אַ ניי לעבן — — —

אינהאלט:

	זייט
אויף די פעלדער פון שרונה	5
טרעבלינקע	17
אין קלעם	36
פלאַמען	49
דער בעל־תשובה	84
זאַמדן	107
איבערפלאַנץ	117

א. ריוועס

איבערפלאנץ

דערציילונגען

ארויסגעגעבן דורכן ליטעראטור־פאנד ביים
יידישן ליטעראטן און זשורנאליסטן־קלוב אין ארץ־ישראל

Printed in Palestine

דפוס „ליגא"

דרוקעריי „ליגא"